STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06211

SHOLEM ASH

A. H. Bialin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

פון

א. ה. ביאלין

פארלאג מעקסיקאנער לעבן

מעקסיקע 1959

SHOLEM ASH

por

A. H. BIALIN

שלום אש

געווידמעט מיין באַגלייטערין **סאַבע**,
אַ גרויסע פאַרערערין פון אַשן. איך
האָב איר אַ סך צו דאַנקען.

אינהאַלט:

פּאָרוואָרט — 11

אַשׂם מיסיע — 27

די ערשטע טריט — 32

די עפּאָכע — 36

אַשׂם אייגענער וועג — 41

דער גרויסער דערפאָלג — 44

די ראָמאַנען: 1) מערי

2) דערף וועג צו זיך — 49

3) מאָטקע גנב — 54

4) די מוטער — 56

5) אָנקל מאָזעס — 59

היסטאָרישע ווערק: — 62

1) שבתי צבי — 63

2) קדוש השם — 65

3) דער תהילים ייד — 67

4) די כשופמאַכערן פון קאַסטיליען 72

5) דער מאַן פון נצרת — 73

די שנאה צום ייד — 78

די צייט פון יעזוס — 87

דאָס בלוט אויפן צלם — 94

די קריסטלעכע ציוויליזאַציע — 103

פירן אַשׂם ביכער צו שמד? — 110

די קריטיקער — — — — — — — — — — — — — — 116
ליבערמאַן קעגן אַשן — — — — — — — — — 125
טאָלעראַנץ — — — — — — — — — — — — — — 136

די לעצטע ווערק:

1) דער אַפּאָסטאָל — — — — — — 139
2) משה — — — — — — — — — — 149
3) דער נביא — — — — — — — 145

אַש ענטפערט — — — — — — — — — — — 148
אַש מוסרט די קריסטן — — — — — — — — 150
אַ וואָרט צום סוף — — — — — — — — — — 157

פֿאָרוואָרט

ווי קום איך צו שרייבן אַ בוך וועגן אַשן?

איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם. איך בין געווען זיכער, אַז איך דאַרף נישט קומען באַווייזן אַשס גרויסקייט — אַש איז גרויס גע־נוג אָן מיר.

אַ סך אויסטערלישע געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין מיין לעבן. דאָס, וואָס איך דאַרף שרייבן צו פאַרטיידיקן אַשן, איז ביי מיר איינע פון די אויסטערלישסטע.

איך זאָג דאָ באַלד: איך בין דערצויגן געוואָרן אויף אַשס ליטעראַטור און בין אַלע מאָל געווען אַ גרויסער פאַרערער פון אַשן.

אין מיינע צייטן זיינען אין וואַרשע, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, די בעלי טאַקסעס, וואָס מענדעלע האָט געשילדערט, נישט גע־ווען. עס זיינען געווען „דאָזאָרעס", ראשי הקהל; אָבער דאָס זיינען געווען רייכע יידן, וואָס האָבן נישט גענומען קיין געלט פון קהל, נאָר האָבן אַ סך געגעבן.

מסתמא איז עס אַזוי געווען אויך אין אַנדערע גרויסע יידישע שטעט.

די מנחם מענדלס פון וואַרשע האָבן אין מיין צייט שוין געהאַט גרויסע געשעפטן אויף די נאַלעווקעס און גענשע און האָבן געהאַט אַ סך אייגענע הייזער.

דער אָרעמער מעקלער, וואָס איז אַרומגעלאָפן צווישן כּוחרים צו פאַר־דינען אַ פּאָר רובל, איז ווייט נישט געווען אַזאַ מנחם מענדל ווי שלום עליכם האָט געשילדערט. זיין ווייב איז געווען אַן אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט געקענט גוט ריידן און לייענען פויליש און געווען באַהאַוונט אין דער פוילישער ליטעראַטור.

זי איז נישט געווען קיין שיינע שיינדל.

ווען איך האָב געוואָלט זען אַ טיפּ פון אַ מנחם מענדל האָב איך אים

נאָר געקאָנט זען אין יידישן טעאַטער און דווקא אין שונד־טעאַטער. אין לעבן האָב איך אים נישט געזען.

פּרץ, מיט זיין פאַרהערלעכן חסידישע רביים, האָט געשריבן פאַר אַ יוגנט, וואָס איז אַוועק פון יענער חסידישער וועלט מיט פאַראַכטונג; אַוועק, מער קיינמאָל נישט צוריקצוגיין.

די רביים וואָס מיר, די יידישע יוגנט אין וואַרשע, האָט געקאָנט, זיינען נישט געגאַנגען אין געהיים איינהייצן די אויוונס ביי אָרעמע, קראַנקע פרויען. די רביים, וואָס מיר האָבן געקאָנט האָבן אַוועקגענומען די לעצטע פאַר גראשן ביי אָרעמע אַלמנות פאַר אַ פּדיון. מיר האָבן נישט געקאָנט די ר' שלמה'ס, וואָס ווילן קיין הבדלה נישט מאַכן, נאָר אייביק שבת זאָל זיין, מיר האָבן געקאָנט די איטשע מאירס, וואָס זיי אַליין, אָדער דורך זייערע גבאים, האָבן שפּעקולירט מיט לאָטעריי צעטעלעך, אָדער זיי האָבן אַריינגעזעצט זייערס אַן אייגענעם, אַן אומזיסטיקן פּרעסער, פאַר אַ שותף צו אַ ייד אין אַ געשעפט, ווען ער איז געקומען בעטן דעם רבינס ברכה.

מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ איז פאַר אונדז געווען ליטעראַטור, גוטע ליטעראַטור, שיינע ליטעראַטור אָבער אַלץ ליטעראַטור. שלום עליכם האָט געהאַט די מעלה, וואָס מען האָט געקאָנט זיינע זאַכן פאַרלייענען און אַ מוזירן אַ גרויכן עולם — דאָס איז שוין אַ טעאַטראַלישע מעלה.

שלום אַש איז פאַר אונדז געווען מער ווי ליטעראַטור.

אַש איז פאַר אונדז געווען לעבן: זיין יחזקאל גאַמבינער, שלמה נגיד, מערי, מישא, אנקל מאָזעס, די יאַטישע טאָכטער, מאטקע גנב, רחל לאה, מירקין, שרה רבקה און נאָך צענדליקער אַנדערע טיפּן האָבן מיר געקאָנט און געזען אין לעבן. די וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט און נישט געהאַט געזען, האָבן מיר געוואָלט קענען און זען. און מיר האָבן זיי געזען אין אַשס ווערק.

אַש האָט נישט גראָטעסקעוועט, ער האָט זיך נישט אַרומגעשפּילט מיט טיפּן, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו זיי.

אַש איז געווען טיף פאַרבינדן מיט די אַלע טיפּן, וואָס ער האָט געשילדערט, און ער האָט זיי אונדז געוויזן אַזוי לעבעדיק און נאַטירלעך ווי זיי זיינען געווען אין דער ווירקלעכקייט.

מיר, די יידישע יוגנט, האָבן אין אַשן געפונען אונדזער שריפטשטעלער.

אפילו די חסרונות, וואָס מיר האָבן געהערט וועגן אַש'ן, האָבן מיר אויסגעטייטש צום גוטן. מיר האָבן געהערט, אַז אַש איז איין עם הארץ, אַז ער קאָן קיין יידיש נישט שרייבן; און מיר האָבן געטראַכט: דער אַש איז דאָך עפּעס אַ געוואַלדיקער זשעני, — אויב זייענדיק אַן עם הארץ, און

נישט קענענדיק קיין יידיש קאָן ער שרייבן אַזעלכע ריזיקע ווערק איז ער דאָך עפּעס אַ געטלעכער מענטש.

וואָס קומט אונדז אַרויס פון דעם אָדער יענעם שרייבער, וואָס איז אַ גרויסער אינטעליגענט און קאָן אָנשרייבן אַ בוך אָן איין גרייז, אַז דאָס בוך זיינס טויג אויף אַ כפרה.

מיט יעדן ווערק וואָס אַש האָט געשריבן איז ער אַלץ מער געוואַקסן אין אונדזערע אויגן. ווען ער איז באַרימט געוואָרן איבער דער וועלט, זיי־נען מיר געווען זייער שטאָלץ מיט אים.

אין דער צייט פון מילה־סקאַנדאַל, ווען אַש האָט דערקלערט — ווען ער איז נאָך געווען זייער יינג — מילה, פאַר אַ באַרבאַריזם, האָבן מיר, די יוגנט אין וואַרשע, געהאַלטן מיט אַשן.

רעליגיעז זיינען מיר נישט געווען. דאָס מל זיין קינדער דעמאָלט, אונ־טער זייער נישט קיין היגיענישע באַדינגונגען, איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר, אַ סך קינדער זיינען געשטאָרבן פון דעם. מיר האָבן, ווי אַש געטראַכט, אַז דאָס מל זיין שטאַמט פון אַלטע באַרבאַרישע צייטן.

אַש האָט ביי אונדז גאָרנישט פאַרלוירן מיט זיין מילה סקאַנדאַל.

די אַנדערע פאַרשידענע סקאַנדאַלעכלעך, וואָס מיר האָבן געהערט וועגן אים, האָבן אים אויך נישט קלענער געמאַכט אין אונדזערע אויגן. מיר האָבן אים נאָך מער באַוווּנדערט: אָט איז אַ שרייבער, וואָס רודערט אַרום איבער דער וועלט, און ער לאָזט זיך נישט אפילו פון די גרויסע שרייבער ביי אַנדערע פעלקער.

ער איז אונדז געפעלן מיט זיין אויסזען: אויסגעוואַקסן ווי אַ שיינער בוים, עס איז געווען אַ מחיה צו קוקן אויף אים. זיין וואַרשעווער אויס־שפּראַך האָט אויך צו אונדז שטאַרק אַפּעלירט. מיר האָבן נישט ליב גע־האַט די אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן נאָר געוואָלט ריידן ליטוויש.

אויף וויפיל מען האָט ליב געהאַט אַשן קאָן איך זיין אַן עדות; איך בין געווען דערביי. עס איז געווען אין וואַרשע אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט. עס איז געוואָרן אַנאָנסירט, אַז באַרימטע יידישע שרייבער וועלן קומען פאָרלייענען פון זייערע ווערק; אַש איז געווען איינער פון זיי.

געקומען איז גאָר אַ גרויסער עולם; מער וויפיל עס האָבן געקאָנט אַריין אין זאַל.

די באַרימטע שרייבער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען פּרץ, רייזן, נאָמבערג און מנחם זיינען געזעסן אויף דער בינע. דער עולם האָט באַ־מערקט, אַז אַש איז נישטאָ אויף דער בינע. זיי זיינען געוואָרן אומרואיק אָבער געשוויגן. זיי האָבן געדענקט, אַז ער קאָן נאָך אָנקומען. די שרייבער האָבן פאַרגעלייענט זייערע ווערק און די צייט איז געגאַנגען. דער עולם,

וואָס האָט נאָך אַליץ נישט געזען אַשן, איז געוואָרן זייער אומרואיק. ווען מען האָט פאַרגעשטעלט פּרצן איז דער עולם אַרויס פון געדולד און אָנגעהויבן שרייען — „מיר ווילן אַשן!!! מיר ווילן אַשן!!!

דער געשריי איז געוואָרן אַזוי גרויס און דראָענדיק, אַז די שרייבער אויף דער בינע האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן.

פּרץ האָט זיך אָפּגעריקט אַ פאַרשעמטער.

דער פאָרזיצער האָט אַפּעלירט: געבעטן דעם עולם זיך צו באַרואיקן. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז אַש איז נישטאָ אין שטאָט; ער האָט גע־מוזט אַוועקפאָרן.

דער עולם איז געוואָרן שטילער, אָבער ער האָט זיך נישט באַרואיקט. פּרץ איז צוריק צוגעקומען און אָנגעהויבן לייענען. דער עולם איז געווען אויפגערעגט און זיך נישט צוגעהערט. זיי האָבן געפילט, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט. אַ סך וואָלטן נישט געקומען צום אָוונט, ווען זיי וואָלטן גע־ווּוּסט, אַז אַש וועט נישט זיין. אַ טייל איז אַוועק פון זאַל, ווען פּרץ האָט געלייענט.

אַזוי איז דעמאָלט געווען די ליבע צו אַשן.

אַש, האָבן מיר געפילט, האָט אונדז אויך ליב. ער האָט בכלל שטאַרק ליב געהאַט יידן, אַלע יידן, אָן אויסנאַם, אַ מאַטקע גנב ווי אַ תהלים ייד. ער האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע שוואַכקייט צו יידן מיט בערד און פּאות. ווען ער איז געקומען קיין פּוילן און האָט דערזען אַזעלכע יידן האָט ער זיך פּשוט מחיה געווען; אַ שטיק געזונט איז אים צוגעקומען. ער האָט גע־קאָנט צולויפן צו אַזאַ ייד אויף דער גאַס, שמועסן מיט אים און נישט אָפּלאָזן; מען האָט געקאָנט זען אַז ווען ער שעמט זיך נישט וואָלט ער דעם ייד געקושט.

שפּעטער איז אַש געוואָרן נאָך מער באַרימט און רייך. ער האָט גע־לעבט אַ רייך לעבן אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע. מיר, די יידישע לייענער, האָבן עס אים פאַרגינען מיטן גאַנצן האַרץ. מיר האָבן געטראַכט; גוט וואָס עס איז דאָ אַן אַש; ער פאַרשאַפט אונדז יידן אַ סך כבוד.

פּלוצים אַ געוואַלט אין דער יידישער פּרעסע: אַש אַגיטירט פאַר דער קריסטלעכער רעליגיע און וויל יידן זאָלן זיך שמדן.

ווען איך האָב עס געלייענט האָב איך מיינע אויגן נישט געגלויבט: וואָס הייסט אַש וויל יידן זאָלן זיך שמדן? פאַר מיר איז אַש געווען דער בעסטער ייד, וואָס איך האָב ווען געקאָנט — איז אַט דער ייד וויל, אַז יידן זאָלן זיך שמדן? אויב אַזוי, קאָן מען קיין אייגענע מאַמע נישט גלויבן.

דער טומל אין דער פּרעסע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. איך האָב נאָך „דעם מאַן פון נצרת" נישט געהאַט געלייענט. איך האָב נישט געקענט

טראַכטן, אַז די אַלע וויכטיקע שרייבער: איינער איז אַ רעדאַקטאָר, די אַנ־דערע זיינען געלערנט אין ענין פון רעליגיע און אויך אין ענין פון ליטע־ראַטור, זאָלן פשוט אויסקלערן אַ בלבול אויף אַשן.

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין חשק צו לייענען אַשס בוך.

איך האָב באַמערקט אין דער „צוקונפט” ניגערס קריטיק און איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט — אויב אַזוי, אויב עס זיינען דאָ צוויי צדדים, מוז איך אַליין לייענען דאָס בוך.

איך האָב דורכגעלייענט „דער מאַן פון נצרת” און בין געבליבן זיצן ווי פּאַראַליזירט. אויף דעם בוך, — האָב איך געשטויגט — זאָגט מען, אַז עס פירט צו שמד? עס איז דאָך פונקט פאַרקערט: דאָס בוך איז אַ לויב־געזאַנג פאַר דער יידישער רעליגיע, פאַר דער יידישער מאָראַל און פאַרן יידישן פאָלק. אַש האָט צו זאָגן, אַ פאַר גוטע ווערטער פאַר דער קריסטלעכער רע־ליגיע דערפאַר, ווייל די קריסטלעכע רעליגיע איז גענומען פון די יידישע. אַש דערציילט טאַקי וועגן דער גרויסקייט פון יעזוסן אָבער ער דערציילט אויך, אַז יעזוס איז געווען עפּעס אַ יידישער רבי, וואָס האָט מיט די גויים גאַרנישט געהאַט וואָס צו טוען.

מיט איין זאַך טרעט אַש אינגאַנצן אַרויס קעגן דער עוואַנגעליע: ער לייקנט אָפּ דעם פאַראַט פון יודאַסן. פאַר דעם האָבן אים די קאַטאָליקן באַי־קאָטירט. דאָס וואָס יעזוס האָט געקעמפט קעגן יידישע פירער איז אין אָר־דענונג, איז אין גייסט פון תנ׳ך. צו זאָגן אויף דעם בוך, אַז עס איז אַגי־טאַציע פאַרן קריסטנטום איז ווי צו זאָגן, אַז די ביבל איז אַגיטאַציע פאַרן קריסטנטום — וואָס די קריסטן זאָגן טאַקע.

איך האָב גרויס רעספּעקט פאַר יידישע שרייבער און נישט געקאָנט אַזוי לייכט צו נישט מאַכן, דאָס וואָס מען האָט געשריבן קעגן אַשן. איך האָב געטראַכט: אפשר מאַך איך אַ טעות, אפשר האָב איך נישט גוט גע־לייענט.

איך האָב דאָס בוך נאָכאַמאָל געלייענט. נאָך דעם צווייטן מאָל לייענען, האָב איך געטראַכט, אָדער איך בין משוגע, אָדער די קעגנערס פון אַשן זיינען משוגע. איך האָב דאָס בוך געלייענט אַ דריט מאָל און אַ פערט מאָל. נאָך דעם פערטן מאָל לייענען האָב איך באַשלאָסן, אַז נישט איך בין משוגע, נאָר די קעגנער פון אַשן זיינען... נו כוועל ניט זאָגן משוגע, נאָר אומגערעכט, אַ טייל פון זיי זיינען שוין גאָרנישט געווען משוגע, זייער קעגנערשאַפט איז געווען מיט גוט אויסגערעכנטע כוונות...

די וואָס שרייבן ביכער האָבן הנאה פון זייער שרייבן. איך האָב קיין הנאה נישט געהאַט. איך האָב געשריבן מיט ווייטיק. מיר האָט וויי געטוען, וואָס עס איז געקומען אַ צייט, וואָס מען דאַרף פאַרטיידיקן אַשן פון אַ

זעלכע משונהדיקע באַשולדיקונגען. געוווּסט האָב איך אַז שולדיק איז די צייט. אַמאָל, ווען די יידישע ליטעראַטור האָט געבליט, ווען מען האָט אַשן ממש געטראָגן אויף די הענט, וואָלט אַזאַ וואַקכאַנאַליע קעגן אַשן נישט מעגלעך געווען. די העצער וואָלטן נישט געוואַגט. דעמאָלט האָבן נאָך גע־לעבט די איינוווינער פון „קוילער געסל", וואָס זיינען געווען גרויסע פאַ־רערער פון אַשן. און זיי האָבן געקאָנט געבן „שטאַרקערע" אַרגומענטן, ווי איך קאָן געבן.

אַ טייל פון די העצער, וואָס לאָזן נישט רוען אַשן אין קבר, אַפילו נאָכן טוידט, פאַרדינען נישט קיין אַנדערע אַרגומענטן.

שוין מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק האָט אַש געשריבן אין אַ דער־ציילונג, ווי יעזוס גייט אַראָפּ פון צלם און שטעלט זיך אין די רייען פון די פאַרפאָלגטע יידן. פונדעסטוועגן איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אויפצו־הויבן אַ העצע קעגן אים. איך וואָלט נישט מקנא געווען יענעם, וועמען עס וואָלט יאָ איינגעפאַלן.

ביי מיר פאַרט זיך נישט, ליבע צו דער יידישע ליטעראַטור מיט שנאה צו אַשן. ווען איינער דריקט אויס זיין גרויסע באַגייסטערונג פאַר דער יידי־שער ליטעראַטור, ווי גרויס און שעפעריש זי איז און ער איז זיכער, אַז זי וועט אייביק לעבן און דערנאָך דריקט ער אויס מיט גרויס ענטוזיאַזם זיין שנאה צו אַשן. ווייס איך, אַז ער איז אַ ליגנער. אָדער ער ליגנערט מיט זיין גרויסער ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור, אָדער ער ליגנערט מיט זיין שנאה צו אַשן.

מען קאָן פונקט אַזוי אָפּנאַרן מיט געמאַכטער שנאה, ווי מיט געמאַכ־טער ליבע. פאַרוואָס מענטשן טוען אַזעלכעס, איז אַ פּסיכאָלאָגישער עניין.

ביי מיר פאַרט זיך נישט, דאָס צונישט מאַכן אַשס טאַלאַנט מיט מבי־נות אויף ליטעראַטור; פונקט ווי איינער, וואָס וועט צונישט מאַכן היינען ווי אַ פּאָעט, הערט ביי מיר אויף צו זיין אַ מבין אויף פּאָעזיע, אַזוי איז דער וואָס לייקנט אָפּ אַשס טאַלאַנט ביי מיר אויס מבין אויף אַ דערציילונג. איך הער זיך שוין נישט צו צו אים, ווען ער זאָגט עפּעס וועגן אַנדערע, זיין מבינות איז ביי מיר פּסול.

איך רעד נישט פון די כאָריסטן, וואָס האָבן גלאַט ליב צו זינגען; אויב מען זינגט אַ ליד קעגן אַשן שטעלן זיי זיך אַוועק און זינגען מיט, זיי וואָלטן פונקט אַזוי געקענט מיטזינגען, ווען מען וואָלט געזונגען לויב־געזאַנגען פאַר אַשן. זיי האָבן עס געטוען פון צייט צו צייט.

איך רעד פון די סאָליסטן, וואָס זינגען נישט מיט, נאָר נעמען זיך דאָס רעכט אויפצוהייבן זייער שטימע און איבערשרייען אַנדערע.

קיין כאָר דיריגענט איז נישטאָ. עס איז נישטאָ איינער, וואָס זאָל קאָ־

נען זאָגן, מי שמך, ווער גיט דיר דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן קעגן מיליאָנען מענטשן — צווישן זיי די גרעסטע קריטיקער און מבינים אויף ליטעראַטור, וואָס האַלטן יאָ אַשן פאַר אַ גרויסן טאַלאַנט? פאַרוואָס זאָלן מיר עפּעס אָנעמען דיין מיינונג מער ווי יעדן אַנדערענס; דערצו זיינען מיר גיט זיכער צו דיין מיינונג ווערט נישט אַמאָל דיקטירט פון פּערזענלעכע אורזאַכן — עס זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי עס טרעפט זיך.

על פּי שכל, וואָלט אַזאַ סאָליסט באַדאַרפט אַ טראַכט געבן, נו גוט, איך האָב נישט ליב אַשס שרייבן, ער אַפּעלירט נישט צו מיר — עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן נישט ליב שעקספּירן, עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס קאָנען נישט פאַרטראָגן וואַגנערס מוזיק און עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס רעמבראַנדט מאַכט נישט אויף זיי קיין איינדרוק, וועלן זיי זאָגן, אַז שעקספּיר, וואַגנער און רעמבראַנדט זיינען קיין קינסטלער נישט?

קונסט איז אַ פּערזענלעכער ענין, עס זיינען פאַראַן אַמאָל, טיפע אורזאַכן וואָס זיינען איינגעוואָרצלט אין אַ מענטש פון דורות וואָס שטערן אים צו געניסן פון דעם אָדער יענעם קינסטלער. דאָס איינציקע וואָס אַן אינטעלעגענטער מענטש קאָן זאָגן אין אַזאַ פאַל איז: אויב מיליאָנען מענטשן זאָגן אויף איינעם, ער איז אַ גרויסער קינסטלער קאָן איך נישט האָבן די חוצפה עס אָפּצולייקענען, אָבער צו מיר אַפּעלירט ער נישט.

דאָס וואָס ער וואָלט באַדאַרפט זאָגן אָבער ער זאָגט עס נישט, אויב אַש אַפּעלירט נישט צו איינעם פון אונדזערע אינטעליגענטן איז אַש ביי אים אַ טאַלאַנטלאָזיקייט און דאָ שניידט נאָך אַש גיט אָפּ, איינער האָט שוין געזאָגט אויף אַשן, ער איז אַ גראַפאָמאַן.

איך דענק, אַז די שרייבער וואָס לייקענען אָפּ אַשס טאַלאַנט ווייל ער אַפּעלירט נישט צו זיי, וואָלטן דערציטערט געוואָרן אויסצוגעפונען אויף וויפיל זייער שרייבן אַפּעלירט נישט צו אַנדערע.

אין אונדזער לאַגע, האָט מען באַדאַרפט דערמוטיקן שרייבער, אויפהייבן זייער פּרעסטיזש, קלענערע שרייבער מאַכן גרעסער. די וואָס רייסן אַרונטער אונדזערע גרויסע און אנערקענטע שרייבער — דאָס טוט מען נישט בלויז צו אַשן — די העלפן צו פאַרערגערן די לאַגע פון אונדזער יידישע ליטעראַטור.

עס איז נאַטירלעך, אַז פּאָעטן זאָלן זיך טשעפּען צו אַ פּאָעט און זיי זאָלן ווען באַשטימען צו ער האָט יאָ טאַלאַנט צו נישט. דאָס וואָס אַזוי פיל פּאָעטן האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דעם פּראָזע־שרייבער אַש באַווייזט: אָדער, אַז פּאָעטן זיינען נישט קיין מבינים אויף קיין פּראָזע, אָדער זיי זיינען בייז, ווייל אין אַשס פּראָזע איז דאָ מער פּאָעזיע ווי אין אַ סך פון זייערע לידער.

זיי פילן, הייסט עס, אין אַשן אַ קאָנקורענט.

איך האָב געלייענט אַלע העץ־אַרטיקלען, וואָס מען האָט געשריבן קעגן אַשן; אויף מיר האָבן זיי נישט געווירקט. זיי האָבן אַזוי פיל געווירקט, אַז איך זאָל פיינט קריגן, נישט אַשן, נאָר די העצער.

די שנאה צו אַשן האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונט. איך האָב געהערט ווי יידן שעלטן אַשן און וואָלטן גרייט געווען אפילו אים צו „לינטשן". איך האָב דערנאָך געלייענט וועגן די „צעדרייטע יידן" — קיין אַנדער נאָמען האָב איך נישט פאַר זיי — וואָס האָבן פּראָטעסטירט, וואָס אַ שרייבער האָט, ווען אַש איז געשטאָרבן, געשריבן עליוו השלום נאָך זיין נאָמען.

מיין מאַמע, וואָס האָט אויך ליב געהאַט צו לייענען אַשן, וואָלט אויף אַזעלכע יידן געזאָגט „אַ שיינע ריינע כפרה מעגן זיי זיין פאַר אַשן".

דער סאָרט יידן פאַרשטייט נישט, אַז ווען זיי אַלע וואָלטן נישט געבוירן געוואָרן, וואָלט דאָס יידישע פאָלק גאָרנישט פאַרלוירן, נאָר געוווּנען — איז וויניקער מיט אַ פּאָר צעדרייטע קעפּ — מיר האָבן זיי צופיל, לויט אונדזער צאָל. ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין אַש, וואָלט דער לעצטער חורבן אונדזערער געווען צען מאָל אַזוי גרויס, ווייל פון די מיליאָנען יידן, וואָס היטלער האָט אויסגעהאַרגעט וואָלט אפילו קיין אָנדענקונג נישט געבליבן.

היינט לעבן די יידן אין אַשס ווערק.

די שנאה צו אַשן איז געווען אַזוי גרויס — איז אפשר נאָך היינט — אַז עס איז געווען אַ געפאַר צו זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אים. די וואָס זיינען גרייט געווען צו „לינטשן" אַשן, זיינען אויך גרייט געווען צו „לינטשן" איינעם וואָס וואָלט געזאָגט אַ גוט וואָרט פאַר אים.

ווער מען זאָל מען באַשולדיקן אין דעם? מען קאָן באַשולדיקן אַ סך; אָבער מער פון אַלע איז שולדיק די צייט, די צייט פון אונדזער געפאַלנקייט.

מען מיינט, אַז די אורזאַך פון דער אַש־וואָקכאַנאַליע איז געווען, וואָס אַש האָט אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס רופט צו שמד. ניין! דאָס איז נישט די אורזאַך, דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד. די אמתע אורזאַך איז געווען די געפאַלנקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, דאָס וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן די יידישע יוגנט און געבליבן ביי עלטערע מענטשן, וואָס ווערן עלטער אָבער נישט קליגער — אַז זיי ווערן נישט קליגער האָט מען געקאָנט זען, ווי לייכט זיי האָבן זיך געלאָזט איינריידן, אַז אַש וויל יידן זאָלן זיך שמדן. יעדער בר דעת, וואָס האָט געלייענט „קדוש השם" און דער „תהלים ייד", ביי וועמען דער קאָפּ אַרבעט נאָך, וואָלט עס זיך ניט געלאָזט אַזוי לייכט איינריידן.

די אורזאַך איז געווען, וואָס דער וועג צו דערגרייכן אָנזעעוודיקייט

אין דער יידישער ליטעראַטור איז געוואָרן שמאל און ענג. גיין אויף דעם זעלביקן וועג, מיט אַזאַ ריז ווי אַש, איז געוואָרן זייער אומבאַקוועם ער האָט פשוט אַלעמען פאַרטונקלט.

אַשן האָט מען נישט געקענט מבטל מאַכן, זאָגן אויף אים, ווי מען האָט געזאָגט אויף פרצן „ער איז אַ וואַרשעווער ליטעראַט" אָדער ווי אויף מענדעלען און ראָזענפעלדן, אַז זיי זיינען אַלט, נישט מאָדערן. אויב עס איז געווען איינער, וואָס האָט זיך יאָ שטאַרק געטשעפּעט צו אַשן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז משוגע, נאָר ער איז מיושב.

מען האָט אַזאַ איינעם מורא געהאַט צו ווייזן אַ פינגער, ער זאָל אים נישט אָפּבייסן.

אין דער צייט פון געפאַלנקייט, ווען יידישע שרייבער האָבן זיך געפילט דערשלאָגן, ווען אַ יידישער דיכטער אָדער דערציילער האָט געמוזט באַצאָלן מען זאָל דרוקן זיינס אַ ליד אָדער דערציילונג ערגעץ אין אַ קליינעם זשורנאַל, וואָס זייער ווייניק מענטשן האָבן געלייענט, ווען עס איז מער נישט געווען קיין פאַרלאַג וואָס זאָל אַרויסגעבן אַ יידיש בוך, דער שרייבער האָט עס געמוזט טוען פאַר זיין געלט און דערנאָך אַרומפאָרן איבערן לאַנד בעטן מען זאָל עס קויפן, איז אונטערגעקומען די מעשה אַש.

דער שרייבער, וואָס האָט זיך געפילט שפּל לעבן אַשן, האָט דערזען, אַז מען קאָן אַשן איינגאַנצן אַראָפּשטיפּן פון דעם שמאָלן און ענגן וועג. ער האָט דערזען אַ מעגלעכקייט, דאָס אויף דעם יידיש־ליטעראַרישן וועג, וואָס אים איז באַשערט צו גיין, וועט נישט שטיין לעבן אים אָן אַש נאָר אָן אַנדערער, וואָס ער קאָן זיך גאַנץ גוט מיט אים פאַרגלייכן; האָט אים שוין נישט אינטערעסירט וואָס אַש וויל, מען זאָל זיך יאָ שמדן, אָדער נישט שמדן אים האָט אינטערעסירט וואָס מען קאָן אַשן פאַרטרייבן פון דער יידישער גאַס. עס איז געקומען אַ געלעגנהייט, וואָס עס איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז עס קאָן מעגלעך זיין, האָט ער די געלעגנהייט נישט געוואָלט פאַרלירן.

עס איז געווען דער אייביקער, דאַרוויניסטישער קאַמף, קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

דאָס איז געווען די אורזאַך פון דער אַש־וואַקכאַנאַליע.

פון די וואָס זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן אַשן האָבן אַ טייל נישט געלייענט זיינע ווערק, אַ טייל האָבן געלייענט און נישט פאַרשטאַנען און אַ טייל האָבן געוווסט, אַז עס איז ליגנט, דאָס אַש רופט צו שמד. ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ פאַרבייגט מען דעם אמת; דער

קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז וויכטיקער. נישט אַלע האָבן עס געטוען באַ־וואוסטזיניק, דאָ האָט געאַרבעט דער אינסטינקט.

פאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט טאָרן זאָגן? ווען אַזוי פיל מענטשן האָבן די חוצפה צו זאָגן, אַז אַש האָט געשריבן זיינע ראָמאַנען וועגן יעזוסן נאָר צוליב געלט. אויב אַן אַש, וואָס איז שוין דאַן געווען רייך און באַרימט, קיין געלט האָט אים נישט געפעלט, האָט געקענט טוען אַזאַ זאַך, ווי פאַ־ראַטן דאָס יידישע פאָלק — ווי זיי זאָגן — פאַר געלט; פאַרוואָס זאָלן נישט אַנדערע שרייבער, קלענערע פון אַשן, וואָס זיינען נישט רייך און נישט וועלט־באַרימט, טוען אַזאַ זאַך ווי באַקעמפן אַשן בלויז דערפאַר ווייל עס איז אין זייערע אינטערעסן.

אַנדערש, איז נישט צו פאַרשטיין די אַלגעמיינע קעגנערשאַפט צו אַשן. סיי פון די וואָס האָבן געהעצט קעגן אים און סיי פון די וואָס האָבן גע־שוויגן. אפילו ניגער, וואָס האָט געזאָגט, אַז „דער מאַן פון נצרת" איז דאָס גרעסטע און יידישסטע ווערק, און האָט אַלעמאָל פאַרטיידיקט אַשן האָט אויך געמוזט צום סוף נאָכגעבן, אַז אין די אַנדערע ווערק וועגן קריסטנטום זאָגט זיך שוין אַש, קאָן זיין, יאָ פאַרזינדיקט. ניגער האָט זיך נישט געקענט קעגנשטעלן די אינטערעסן פון שרייבער.

מען האָט געקאָנט פאַרשטיין אַז עס איז דאָ אַן אַנדער אורזאַך, וואָס ווירקט אַזוי שטאַרק אויף די אַש־קעגנער; נישט רעליגיע, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען ווייט פון איר; זיי האָבן נישט קיין שום שייכות מיט דעם יידיש־ רעליגיעזן לעבן און לאַכן זיך אויס פון אַלע רעליגיעס. קיינער קאָן מיר נישט איינריידן, אַז עס איז זיי אַזוי געגאַנגען אין לעבן, וואָס אַש האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן יעזוסן. אויב עס זיינען דאָ יידן, וואָס זיינען גרייט זיך צו שמדן בלויז צוליב דעם, וואָס זיי וועלן איבערלייענען אַ ראָ־מאַן, זיינען מיר די יידן אסור אַ שאָד, זיי מעגן זיך שמדן.

אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט אַשן פאַרטריבן פון „פאָרווערטס" האָבן אַנדערע געהאַט אַ געלעגנהייט זיך דאָרט אַרויפצואַרבעטן. זיי זיינען טאַקע געוואָרן די גרעסטע אַש־העצער. עס קאָן זיין, זיי האָבן מורא געהאַט דער „פאָרווערטס" זאָל זיך נישט אַמאָל איבערבעטן מיט אַשן.

אין אַנדערע לענדער ווו דער צושטאַנד איז נישט געווען אַזאַ טרויערי־קער, אין פוילן, אַרגענטינע און ישראל האָט די אַש־העצע נישט אַזוי אָנ־געריסן, אין יענע לענדער האָט מען עס כמעט ווי איגנאָרירט און ווען אַש איז געקומען האָט מען אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

דער, וואָס מאַכט צו קליין־געלט אַשס טאַלאַנט, איז דאָך נישט בלויז קעגן אַשן; ער איז קעגן די קלאַסיקער מענדעלע, שלום עליכם און פרץ, וואָס האָבן זייער ליב געהאַט אַשן — פרץ האָט אַשן אַריינגעפירט אין דער

יידישער ליטעראַטור און מיט אים שטאָלצירט. ער איז קעגן אונדזערע באַרימטע קריטיקער, בעל מחשבות און ניגער, וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון אַשן. ער איז קעגן ניינציק פּראָצענט פון אונדזערע שרייבער וואָס האָבן מיט אַלע זייערע טענות צו אַשן, אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן טאַלאַנט. ער איז קעגן די מיליאָנען יידישע לייענער, וואָס היטלער האָט אויסגעמאָרדעט און קעגן די וואָס זיינען געבליבן לעבן, וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן און ליב געהאַט אַשן.

ווי קאָן אַ מענטש, וואָס זאָגט בלויז מבינות — וואָס איז נישט קיין מאַטעמאַטישע זיכערקייט — זיין אַזוי זיכער מיט זיין מיינונג? ווען אפילו ער האַלט נישט פון אַשס טאַלאַנט; פאַרוואָס זאָל אַזאַ מענטש נישט האָבן רעספּעקט פאַר די אַלע, וואָס האַלטן יאָ פון אַשס טאַלאַנט. אַ מענטש טאָר גאָרנישט זיין אַזוי זיכער מיט זיין מיינונג. לויט די דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט די לעצטע צייט, זיינען אונדזערע אומגליקן געקומען פון מענטשן, וואָס זיינען געווען צו זיכער אין זייערע מיינונגען.

פּראָפעסאָר איינשטיין ווען ער האָט גערעד וועגן זיינע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס האָט געזאָגט „מיר דוכט זיך„ און דער, וואָס מאַכט צונישט דעם טאַלאַנט פון איינעם פון די באַרימטסטע און די באַליבטסטע שרייבער ביי יידן, רעדט ווי אַ יעזוס, וואָס האַלט זיין באַרג דרשה מיט אַן „און איך זאָג אייך!”.

ווי איז נאָך, אַז דער „איך זאָג אייך” ייד, זאָגט נישט אַלע מאָל דאָס זעלביקע, אַ מאָל זאָגט ער אַזוי און אַ מאָל זאָגט ער פּונקט קאַפּויר. אַמאָל איז אַש בי אים אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט ממש אַ טאַלאַנטלאָזיקייט און אַמאָל האָט אַש יאָ טאַלאַנט און האָט וואָס צו זאָגן.

עס טוט נאָך מער ווי, ווען דאָס טוט אַ מענטש, וואָס האָט זיין אייגענעם סטאַזש אין דער יידישער ליטעראַטור און דאַרף נישט אָנקומען צו די מיטלען — צו זוכן פּאָפּולאַריטעט, דורך אַראָפּרייסן אַ גרויסן און באַרימטן שריפטשטעלער. סוף כל סוף וועט עס אים קיין כבוד נישט שאַפן.

וואָס וויל אַזאַ ייד, וואָס מאַכט צו נישט אַשס טאַלאַנט — אַז אַ מענטש שרייבט וויל ער דאָך עפּעס — וויל ער, דאָס די גויים זאָלן וויסן אַז דאָס וואָס זיי האָבן געמיינט, דאָס די יידן האָבן איין גרויסן שרייבער, איז נישט אמת — דער איינער איז אויך אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט — ער וויל, הייסט עס, נישט צולאָזן די יידן זאָלן באַשווינדלען די גויים. צו וויל ער, אַז די יידן וואָס לייענען נאָך אַשס ביכער — אַש ווערט אויך היינט אַ כּך געלייענט — זאָלן אויפהערן צו לייענען יידישע ביכער?

וואָס וויל אַזאַ ייד דערגרייכן מיט זיין שרייבעריי?

לייענער דאַרפן האָבן רעספּעקט פאַר שרייבער. פאַרוואָס זאָלן נישט

שרייבער אויך האָבן אַ ביסל רעספּעקט פאַר זייערע לייענער?

אַ פריירער, נישט רעליגיעזער מענטש, וועט נישט אַריינגיין אין אַ מקום קדוש אין בלויזן קאָפּ, אויס רעספּעקט פאַר די רעליגיעזע יידן, ווען אפילו ער אַליין לאַכט זיך אויס פון רעליגיע.

פאַרוואָס זאָל אַ יידישער שרייבער וואָס האַלט נישט פון אַשס טאַלאַנט, נישט האָבן קיין רעספּעקט פאַר זיינע לייענער, וואָס האַלטן יאָ פון אַשס טאַלאַנט? איגנאַנצן משוגע זיינען זיי דאָך נישט, עס איז נאַטירלעכער צו זאָגן אויף די וואָס האַלטן נישט פון אַשן, אַז זיי זיינען נישט מיט אַלעמען.

פאַרשטייען זיי נישט, אַז זייערע רייד, וועגן אַשס טאַלאַנט, זיינען אַרויסגעוואָרפענע רייד. ווי שטאַרק זיי זאָלן נישט האַלטן פון זיך אין גלויבן, אַז זייער מיינונג איז עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס איז אַש פּאַרט נישט מער אין זייער רשות. עס איז נישט אין זייערע כוחות צו באַשטימען צו אַש האָט יאָ טאַלאַנט צו נישט — פאַר דער וועלט זיכער נישט און פאַר יידן אויך נישט; דער בעסטער באַוויז איז, אַז די איינציקע יידישע ביכער, וואָס ווערן נאָך היינט אַ סך געלייענט, זיינען אַשס ביכער. די איינציקע זאַך, וואָס זיי דערגרייכן מיט זייער שרייבן איז צו באַווייזן, אַז זיי קאָנען נישט און פאַרשטייען נישט אַשן.

עס איז אַ סך מאָל צו שטוינען, ווי ווייניק, שרייבער לייענען די שריי־בער וועגן וועלכע זיי שרייבן.

איך האָב אַ גרונט חושד צו זיין די יידן וואָס האַלטן אַזוי ווייניק פון אַשן, אַז זיי האָבן זיינע ביכער נישט געלייענט. עס איז דאָך זעלבסט־פאַר־שטענדלעך, קיין מענטש לייענט נישט קיין ביכער פון שרייבער, וואָס ער האַלט פאַר טאַלאַנטלאָז און נישט וויכטיק. עס איז אוממעגלעך, אַז אַ מענטש, וואָס האַלט נישט פון אַ שרייבער זאָל זיך נעמען די מי איבערצולייענען זיינע פיפציק אָדער זעכציק ביכער. זיי האָבן אוודאי געלייענט איינע אָדער צוויי דערציילונגען פון אַשן וואָס זיינען זיי נישט געפעלן — דאָס קאָן זיין אַ צופאַל; אַ מאָל געפעלט נישט אַ בוך נישט ווייל דאָס בוך איז שלעכט, נאָר ווייל דער לייענער איז אין אַ שלעכטער שטימונג.

איך שטעל מיר פאָר, אַז די וואָס האָבן פיינט געהאַט אַשן זיינען אַלע מאָל געוועזן אין אַ שלעכטער שטימונג, ווען זיי האָבן געלייענט עפּעס פון אים.

ווען אַזאַ זאַך טרעפט זיך מיט אַ געוויינטלעכן מענטש, ער לייענט אַ דערציילונג פון אַ באַרימטן שרייבער און זי געפעלט אים נישט, שעמט ער זיך אויסצוזאָגן; ער האָט מורא מען וועט זאָגן: ער האָט נישט קיין געשמאַק און איז נישט אינטעליגענט גענוג צו פאַרשטיין אַ גוט בוך; אַנדערש איז

מיט יידן וואָס האָבן אַ צוטריט צו דער פּרעסע, וואָס זיינען אַליין שרייבער און קענען ריידן מיט אַ טאָן פון „און איך זאָג דיר!".

ביי זיי אַרבעט זיך אויס אַן אַנדער מענטאַליטעט; זיי ווילן אַרויפצווינגען זייער מיינונג — נישט אַלע פאַרשטענדלעך, בלויז די, וואָס האָבן וועגן זיך אַ געוואַלטיקע איינרעדעניש.

אין אונדזער צייט, ווען עס איז נישטאָ קיין כוח פון אַ בוך־לייענער, וואָס זאָל קאָנען ווירקן, ווערט דער ווילן פון אַ שרייבער אַרויפצוצווינגען אַ מיינונג — ווי קרום די מיינונג זאָל נישט זיין — אַ גרויס געפאַר.

קיין שום זאַך האָט נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ דערדריקנדיקן איינדרוק, ווי די מעשה־אַש. אַלע אַנדערע צרות, ווי דאָס וואָס מען לייענט נישט קיין יידישע ביכער און וואָס די קינדער ריידן נישט קיין יידיש, זיינען זאַכן אַרויפגעצוווּנגען אויף אונדז פון דרויסן — מיר זיינען אין זיי נישט שולדיק; אָבער די מעשה־אַש, דאָס וואָס מיר האָבן געטועָן צו אַשן האָט קיינער אויף אונדז נישט אַרויפגעצוווּנגען, דאָס האָבן מיר אַליין, בידים, געטועָן.

עס איז פּשוט צו שטוינען, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט, מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם יידן זיינען געווען גרייט צו פאַרשטויסן און אפילו צו פאַרניכטן זייער גרעסטן שרייבער.

דער, פאַקט אַליין, מער פון אַלע אַנדערע פאַקטן, באַווייזט אין וואָס פאַר אַ קראַנקן צושטאַנד מיר זיינען.

אַש וואָלט אויף דעם געזאָגט: גאָט! העלף אונדז.

דאָס בוך איז דאָס וואָרט פון אַ מענטש, וואָס איז נישט אַריינגעריסן געוואָרן אין דער אַש־וואַקכאַנאַליע, אפשר וועט עס אַביסל איינשטילן דאָס פייער פון שנאה, וואָס איז אַנגעצינדן געוואָרן קעגן אַן אומשולדיקן מענטש, אַ גרויסן קינסטלער; אַ שרייבער, וואָס האָט נישט, זיינס גלייכן, אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט ווייניק, זיינס גלייכן, אין דער וועלט ליטעראַטור, איינער וואָס האָט פאַרשאַפט פיל כבוד דעם יידישן פאָלק.

אויב די וועלט ווייסט פון דער יידישער ליטעראַטור און האָט רעספּעקט פאַר איר, איז עס אַ דאַנק אַשן.

אַש איז טויט, אָבער ווי לאַנג די וועלט וועט עקזיסטירן און אַ ליטעראַטור — אין וואָס פאַר אַ שפּראַך עס זאָל נישט זיין — וועט עקזיסטירן, אַזוי לאַנג וועט אַשס נאָמען לעבן.

שלום אש

אַשם מיסיע

שלום אש איז די גרעסטע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור. אָן אַשן וואָלט די יידישע ליטעראַטור געבליבן אַ פּראָווינציאַלע און לאָקאַלע ליטעראַטור, וואָס האָט מיט דער גרויסער, אויסערלעכער וועלט קיין שייכות נישט.

מיט אַשן איז די יידישע ליטעראַטור אַריין אין דעם רייסטער פון אַ וועלט־ליטעראַטור. אַלע יידישע שרייבער האָבן געוואָלט ווערן איבערזעצט אין אַנדערע שפּראַכן; אַ גרויסע צאָל איז געוואָרן איבערזעצט, קיינער פון זיי האָט נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם; זיי זיינען נישט געוואָרן וועלט־באַרימט. דער איינציקער וואָס האָט יאָ געמאַכט אַ גרויסן רושם, איז יאָ געוואָרן וועלט־באַרימט און איז אַפילו געווען אַ קאַנדידאַט צו קריגן דעם נאָבל־פּרייז, איז געווען שלום אַש.

מענדעלע, שלום עליכם און אַפילו פּרץ זיינען געווען לאָקאַל־נאַציאָנאַל. זיי האָבן געשילדערט דעם ייד פון זייער צייט, דעם ייד וואָס זיי האָבן געזען אין פּוילן און אוקראַינע. זייערע יידן זיינען נישט קיין תפוצות־יידן, נישט קיין וועלט־יידן. זיי זיינען יידן צוגעבונדן צו אַ באַשטימטער טעריטאָריע און צו אַ באַשטימטער צייט.

אַש איז אַריבער די גרענעצן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין באַשרענקטער צייט און פון זיין ענגער טעריטאָריע. ער האָט געשילדערט יידן פון אַלע צייטן און פון אַלע לענדער.

אַלע יידישע שרייבער האָבן געמוסרט, באַדויערט אָדער געלאַכט פון די יידן, וואָס זיי האָבן געשילדערט — עפּעס איז נישט גוט מיט זיי, אַזוי ווי זיי לעבן טויג נישט; זיי וואָלטן זיך באַדאַרפט ענדערן. מענדעלע האָט געמוסרט די יידן מיט זייערע קליינע מענטשעלעך און בעלי טאַקסעס. שלום

א. ה. ביאַלין

עליכם האָט געלאַכט פון די מנחם מענדלס פון די קאַסרילעווקער קליין שטעטלדיקע יידן. פּרץ האָט געוואָלט דערהויבן דעם ייד, אים אַרויסנעמען פון זיין געפאַלנקייט און דערשלאָגנקייט. ביאַליק, וואָס האָט געזען דעם ייד אין אַ שוידערלעכן מאָמענט, אין דער צייט פון אַ פּאָגראָם, איז געוואָרן שרעקלעך דערצאָרנט און געשטורעמט, קעגן דעם ייד, וואָס האָט זיך נישט גוט אויפגעפירט, בשעת דעם פּאָגראָם — גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט אָנצעווייזן, ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין אַזאַ שוידערלעכן מאָמענט.

צווישן די אַלע שטראָפער, לערער און וועג־ווייזער האָט זיך באַוויזן אַ שרייבער, וואָס האָט געשילדערט דאָס יידישע לעבן, און איז מיט דעם לעבן געווען צופרידן; נאָך מער: ער האָט געזען אין דעם יידישן לעבן אַ סך שיינקייט און יום־טובדיקייט.

דער שרייבער איז געווען אַש זיין שרייבן האָט באַלד, לכתחילה, געמאַכט אַ גרויסן רושם.

אַש האָט ליב געהאַט דאָס יידישע לעבן, וואָס ער האָט געזען אין שטעטל. ער איז געווען באַגייסטערט פאַר דער שיינקייט, פאַר דער יום־טובדיקייט און פאַר דער איינגעוואָרצלטקייט פון דעם יידישן לעבן אין דעם פּויליש־יידישן שטעטל. דאָס וואָס אַנדערע האָבן קריטיקירט, אויסגעלאַכט און באַדויערט האָט ער באַוואונדערט.

אַש האָט, מאָמענטאַל, געוואונען די ליבע פון דעם יידישן לייענער.

דער ייד, וואָס האָט געלייענט מענדעלען, האָט געפילט ווי ער אַליין איז אַ טייל פון דער קליאַטשע; וואָס מען דריקט און מען שטיקט פון אַלע זייטן. דער ייד, וואָס האָט געלייענט שלום עליכמס „מנחם מענדל", האָט טאַקע געלאַכט, אָבער טיף ביי זיך האָט ער געטראַכט — עס איז אָך און וויי צום געלעכטער. דער ייד, וואָס האָט געלייענט פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", און אַנדערע חסידישע מעשיות, האָט נישט געפילט אין זיך דעם כוח צו קאָנען זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון יענע מענטשן און געוווסט, אַז דאָס לעבן, וואָס פּרץ שילדערט, איז נישט מער זיין לעבן. דער ייד, וואָס האָט געלייענט ביאַליקס שטורעם קעגן די, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בעטן בשעת אַ פּאָגראָם, איז גאָר געוואָרן אַ דערציטערטער, ווייל ער איז נישט געווען זיכער, צו ער וועט נישט טוען דאָס זעלביקע, שוין נאָכדעם, ווי ביאַליק האָט אַזוי געצאָרנט אין זיין „שחיטה שטאָט".

דער ייד, וואָס האָט געלייענט אַשס ווערק, האָט זיך געפילט גאָר מחיה־דיק. אָט איז אַ שרייבער, וואָס מאַכט אים נישט פילן קליין, פאַרביטערט, ער זאָל דאַרפן באַדויערן זיין עקזיסטענץ.

שלום אַש

די גרויסע ליבע, וואָס דער יידישער לייענער האָט געפילט צו אַשן, איז געווען ביז גאָר אַ פּאַרדינטע.

באַלד אין אָנהייב ווען עס איז נאָר געהאַט אַרויס „אין אַ שלעכטער צייט" — דאָס ערשטע בוך פון אַשן — האָט בעל מחשבות געשריבן: — „שלום אש האָט אַן אייגנענעם נוסח צו שילדערן מענטשן און די נאַטור, קיינער פון זיינע יינגע חברים קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט אים: אין דעם כוח צו שילדערן גאַנץ שטום וועלטל, מיט איר שיינקייט, שטילקייט און לעבעדיקייט, ווי ער. דער אויפן, ווי ער שילדערט די נאַטור, האָט עפּעס אַ וואונדערלעכן חן, אַ ריין יידישן חן".

פּרץ האָט געשריבן, נאָכדעם ווי מען האָט אויפגעפירט אַשס דראַמעס, אויף דער אייראָפּעאישער בינע: — „אַש איז די זון, וואָס שיט מיט כבוד־שטראַלן אויף דעם געבענטשטן קאָפּ פון דער כנסת־ישראל".

נאָכדעם ווי עס איז דערשינען דאָס „שטעטל" האָט ש. ניגער געקרוינט אַשן מיט דעם נאָמען „דער נביא פון דער ערד".

אַש איז געקומען באַווייזן, אַז יידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן דורות לאַנג געלעבט צווישן פרעמדע פעלקער, געוואָרן פון זיי געטריבן, גערודפט און געמאָרדעט, האָבן פונדעסטוועגן אויפגעבויט אַן אייגנאַרטיק געזונט און שיין יידיש־לעבן. עס איז גאָרנישט שלעכט מיט די יידן און זייער אויפפירונג, די וועלט קאָן נישט האָבן קיין טענות צו זיי.

עס איז פאַרקערט — די יידן קאָנען האָבן טענות צו דער וועלט, וואָס איז אַזוי שלעכט צו זיי. פון די ערשטע צייטן, אין דער געשיכטע, ביז היינט האָבן די יידן געגעבן אַזוי פיל דער וועלט, אַז על פּי יושר האָט מען צו די יידן באַדאַרפט אַרויסווייזן גרויס פאַרערונג און ליבע; אָבער אַנשטאָט פאַרערונג און ליבע האָט מען זיי מער געהאַסט, ווי וועלכעס עס איז אַנדער פאָלק; און נישט נאָר געהאַסט, נאָר, פון צייט צו צייט, ממש געהרגעט און געשאָכטן.

אַש האָט דאָס באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן פאַרברעכן אין דער געשיכטע, — וואָס פאַקטיש איז עס אַזוי.

איז דער גרויסער פאַרברעכן באַגאַנגען געוואָרן, ווייל עס איז געווען ווי אַ מין נאַטור־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געמוזט געשען?

ניין! אויב עס איז דאָ עפּעס אומנאַטירלעכעס, אומגערעכטעס און שעדלעכעס, איז עס די שנאה צו יידן. פעלקער האָבן טייער באַצאָלט פאַר זייער שנאה צו יידן, ווי שפּאַניע אין מיטל־אַלטער און דייטשלאַנד אין אונדזער צייט.

א. ה. ביאַלין

פון וואַנען קומט די שנאה?

די שנאה קומט פון איין פּלאַץ — פון דער קירכע, פון דער קריסטלעכער רעליגיע.

די קריסטלעכע רעליגיע האָט אָבער קיין שום אורזאַך צו האַסן יידן, און האָט אַלע אורזאַכן זיי צו דאַנקען. דער פונדאַמענט פון דער קריסטלעכער רעליגיע איז גענומען געוואָרן פון די יידישע. די הייליקע מערי און די אַפּאָסטאָלן זיינען געווען איינפאַכע יידישע פאָלקס־מענטשן. דער געטלעכער יעזוס איז געווען אַן ערלעכער, פרומער, מיסטיש־געשטימטער ייד, וואָס האָט זיך מיט קיין אַנדערע, אויסער יידן, נישט געוואָלט אינטערעסירן. ער האָט פון קיין אַנדער רעליגיע אַפילו נישט געחלומט. די קריסטלעכע רעליגיע איז נאָך יעזוסעס טויט אויפגעבויט און אָרגאַניזירט געוואָרן פון יידן. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער קריסטלעכער רעליגיע איז געווען שאול פון תרשיש, אַ ייד אַ תלמיד חכם.

פאַר דעם אַלעם זאָל מען יידן האַסן? וואָס נאָך האָבן די קריסטן גע־קאָנט פאַרלאַנגען פון די יידן?

מיר יידן האָבן דער וועלט, סיי דער קריסטלעכער, סיי דער מוסולמאַ־נישער, געגעבן אַ ציוויליזאַציע אונטער וועלכער זיי לעבן.

דאָס אַלץ האָט אַש נאָך נישט קלאָר באַנומען, ווען ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור, ער האָט אָבער מיט זיין קינסטלערישן חוש און מיט זיין טיפער אינטואיציע דערפילט די אומנאַ־טירלעכקייט פון דעם האַס, וואָס עקזיסטירט צווישן גוי און ייד.

די גויים זיינען די שטאַרקע און מיר יידן זיינען די שוואַכע, איז עס אוודאי נישט אין אונדזערע אינטערעסן אויפצובלאָזן די שנאה, נאָר זי איינ־שטילן, זי אויסוואָרצלען אויב מעגלעך.

אַש האָט באַלד אין אָנהויב דערפילט זיין אויפגאַבע און זיין פליכט, שוין מיט פיר און פופציק יאָר צוריק האָט ער געשריבן אין „אַ שטעטל".

— „שטיל און רואיק איז אין געסל. דער שבת קומט אָן מיט רואיקע טריט און פאַרשפּרייט מנוחה. ווי אַליין פאַר זיך קלינגט דער קירכן־גלאָק, רופט מיט אַ פרום געבעט אין קירכע אריין. פון דעם קליינעם בית המדרשל פינק־לען אַרויס די שבת־ליכט, און עס דאַכט זיך, אַז זיי האַלטן מלחמה — דער קירכן גלאָק מיט די שבת־ליכט; יעדעם ציט צו זיך. דורך דאָס שטילע שטעטל גייען פרומע קריסטן, מענער מיט פרויען, גייען אין קירכע אַריין, אָפּגע־וואַשענע יידן, מיט ווייסע קעלנער פון די העמדער, איבער די שבתדיקע

שלום אַש

קאַפּאָטעס פאַרבויגן, גייען אין בית מדרש אַריין. חסידים אין אַטלעס און אין זיידנס, אין שיך און זאָקן, גייען צום רבין.

שטילער, רואיקער, שבתדיקער ווערט דאָס שטעטל, ווי עס וואָלטן זיך איינגעטיילט דאָס בית מדרשל מיט דער קירכע, יעדע גענומען זיך דאָס איריקע... דעם חזנס לכה דודי זינגט אין געסל און דער קירכן־גלאָק קלינגט מיט. די קולות מישן זיך אויס און עס ווערט איין שטילע תפלה צו איין גאָט".

דאָס איז, וואָס אַש האָט געפילט, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, ווען ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור: — „עס איז מער נישטאָ ווי איין גאָט און איין תפלה, וווּ די תפלה זאָל געהערט ווערן אין שול צו אין קירכע".

מאָלן דאָס לעבן לשם עסטעטישן געניוס, איז נישט קיין יידישע עובדה, יידן זוכן אַ ציל — דאָס האָט אַש ווי יעדער גרויסער יידישער שעפער גע־ וווּסט און געפילט.

אַש האָט געהאַט אַ ציל. דער ציל איז געווען אַ דרייפאַכער: ווייזן דער וועלט די טיפקייט און גערעכטיקייט פון יידישן לעבן; אָנווייזן אויף די גרויסע ווירקונג, וואָס די יידישע ציוויליזאַציע האָט געהאַט אויף דער וועלט — פאַקטיש ווערט דאָס לעבן פון דער ציוויליזירטער וועלט געבויט אויף דער יידישער ציוויליזאַציע. און באַווייזן ווי אומגערעכט עס איז די שנאה פון די פעלקער צו די יידן.

דאָס איז געווען אַשס מיסיע אין דער ליטעראַטור; וואָס ער האָט געטריי דורכגעפירט.

די ערשטע טריט

שלום אש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1880 אין קוטנע. אַ יידיש שטעטל אין פוילן. ער איז געווען דאָס צענטע קינד ביי זיין פאָטער פון דער צווייטער פרוי.

זיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ נגיד, אַן אָקכן סוחר. אש האָט אים זייער ליב געהאַט. ער שילדערט אים אין זיין בוך „ר׳ שלמה נגיד״, וואָס ער ווידמעט צו זיין פאָטער. ער שרייבט: — „לזכר נשמת אבי ר׳ משה בן צבי נתן, מיין פאָטער דעם גאַנצן ייד און דעם גאַנצן מענטש, דעם וואָס זיין לעבן לייכט פאַר מיר, ווי אַ ליכטיקער שטערן אין אַ פאַרנעפּלטער נאַכט, וועלכן איך זע און קאָן אים נישט דערגרייכן — אים שענק איך דאָס הערק. קאָן איך דיר טאַטע אין מיין לעבן נישט נאָכטוען, וויל איך עס אין מיין חלום".

וועגן זיין מאַמע האָט אַש געשריבן: — „מיין מאַמע קומט פון די זומפּיקע פעלדער אַרום קאַליש, דורך דעם זיינען אירע אויגן אַזוי טרוימעריש, און איר גייסט אַזוי אומרואיק און מעלאַנכאָליש. פון איר האָב איך געירשנט מיין אומרואיקייט...

מיין טאַטע קומט פון די געזונטע, טרוקענע, פּרוכטבאַרע פעלדער פון געמבין. היידיש, געצנדינעריש ווילד זיינען די פעלדער פון וועלכע מיין מוטער קומט — דורך דעם די צעטיילונג פון מיין נשמה".

אַשס עלטערן, וואָס האָבן געשטאַמט פון יחוסדיקע פאַמיליעס, האָבן דערוואַרטעט, אַז זייערע זין וועלן ווערן שוחטים, רבנים, רעליגיעזע פירער, ווי עס פּאַסט פאַר זייער יחוס. אַלע קינדער זיינען געווען היכּע, געזונטע און שיינע, פול מיט לעבן.

אַשס עלטערע ברידער האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן כלי

קדש. זיי האָבן געוואָלט ווערן סוחרים, וועלט־מענטשן — דאָס, וואָס זיי זיינען געוואָרן. שלום האָט יאָ געהאַט חשק צו לערנען. ער איז געזעסן און געלערנט בהתמדה. די עלטערן האָבן דערוואַרט פון אים אַ סך נחת: ער זאָל אויסוואַקסן אַ רב, אַ מנהיג ביי יידן.

עס האָט אויסגעזען, אַז זייער האָפנונג וועט מקוים ווערן. דאָס ייִנגל שלום האָט אַליין געהאָפט צו ווערן אַ רב, אַ מנהיג ביי יידן. ער האָט זיך פאַרטיפט אין לערנען און האָט דערפון גרויס הנאה געהאַט. ער איז געווען זייער פרום. ער האָט שוין דעמאָלט געפילט אין זיך אַ גרויסן כוח, אַז ער וועט קאָנען אַ סך אויפטון. ער האָט נאָך נישט געהאַט געפונען קיין אויסדרוק פאַר זיינע כוחות, און ער איז געווען אומרואיק.

דאָס העכסטע, וואָס דאָס ייִנגל שלום האָט געחלומט צו דערגרייכן איז געווען, צו ווערן אַ רב, אַז ער וועט דערגרייכן אָן אַ שעור מער, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער וועלט באַרימטער קינסטלער, דאָס האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט.

אַש האָט, ווי אַנדערע יידישע ייִנגלעך, געלערנט אין אַ חדר, דערנאָך אין אַ ישיבה און שפּעטער אין בית מדרש. עס איז געווען אַ חסידיש בית מדרש, ווו דער זוהר איז געשטאַנען העכער פון רמב״ם.

שפּעטער האָט ער, מיט דער הילף פון משה מענדעלזאָנס תנ״ך איי־בערזעצונג אויף דייטש, זיך אויסגעלערנט דייטש און אָנגעהויבן לייענען דייטשע ביכער, וועלטלעכע און וויסנשאַפטלעכע; פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אים אָראָפּגעפירט פון פרומען וועג, דאָס האָט אַ סוף געמאַכט צו זיינע און צו זיינע עלטערנס האָפנונגען, אַז ער זאָל, ווען עס איז, ווערן אַ רב.

אַש איז נישט געוואָרן אַטעאיסטיש־פריי, ער האָט זיך קיינמאָל אין גאַנצן פון רעליגיע נישט אָפּגעריסן, טיף אין זיין נשמה איז ער אַלעמאָל געווען רעליגיעז. ער האָט באַקומען אַ ברייטערן און טיפערן בליק אויף געטלעכקייט און רעליגיעזקייט.

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז פאַרגעקומען, ווייל ער האָט נאָך אַלץ געלערנט אין בית מדרש און זיך אויפגעפירט אַזוי ווי פריער.

ער איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער, אַ געראָטענער. אַ סך טאַטעס האָבן אים געוואָלט אויסכאַפּן פאַר זייערע טעכטער, ער האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען אַלס אַ קלוגער, אַ וויל־געלערנטער און אַ פרומער.

ווענן זיין פרומקייט האָט מען שוין געמאַכט אַ טעות.

עס האָט זיך געפונען אַ רייכער ייד, נישט ווייט פון קוטנע, וואָס האָט געוואָלט נעמען אַשן פאַר אַן איידעם און אים געבן אייביקע קעסט.

ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז ער איז קאַליע געוואָרן, אַז ער לייענט אַפּיקורסישע ביכער און איז מער נישט פרום, איז אים געוואָרן אומבאַקוועם צו בלייבן אין דער היים מיט זיינע עלטערן. ער האָט מסתמא שוין דעמאָלט געפילט, אַז אים דערוואַרט גאָר גרויסע דערגרייכונגען. ער האָט נישט געוואָלט אַזוי פרי חתונה האָבן און בלייבן ערגעץ אין אַ קליין שטעטל. עס האָט אים געצויגן צו דער גרויסער וועלט.

ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין היים.

אַש האָט געמוזט האָבן אויסערגעוויינלעכן גלויבן אין זיך, אויב ער האָט זיך געקאָנט באַשליסן צו פאַרלאָזן זיין היים, זיינע רייכע עלטערן מיט זיין גאַנצער משפחה, און אַוועקפאָרן ערגעץ אין דער פרעמד, נישט זייענדיק זיכער, צו ער וועט האָבן אויף אַ שטיקל ברויט.

דער גלויבן אין זיך — וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר יעדן קינסטלער — האָט אים נישט פאַרלאָזט ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

דאָס ערשטע, איז ער געפאָרן אין אַ דאָרף צו אַ וויטן קרוב, לערנען דאָרט מיט קינדער. דאָרט האָט ער זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די פוילישע פויערים און אַליין אַ סך געלערנט פון דעם.

דאָס איז געווען די אָנפאַנג־שול פון זיין לעבן.

נאָכדעם איז ער אַוועק אין וולאָצלאַוועק, אַ גרויסע שטאָט, ווו ער האָט פאַרברענגט צוויי יאָר צייט. ער האָט זיך דאָרט אָפּגעגעבן מיט פאַרשידענע אומזיכערע באַשעפטיקונגען. איינע פון זיי איז געווען „בריוו שרייבן", אַ פּרנסה, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט אריינצוקוקן אין די באַהאַלטענע ווינקעלעך פון לעבן.

דאָס איז געווען זיין העכערע־שול.

אַש האָט אין וולאָצלאַוועק געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. אָבער ער איז געווען צופרידן. ער האָט געהאַט אַ סך צייט צו לייענען — דאָס האָט אים צופרידנגעשטעלט. ער האָט געלייענט די ווערק פון די רוסישע, דייטשישע, העברעאישע און יידישע שרייבער, דורך ביכער האָט ער זיך באַקענט מיט דער גרויכער וועלט. ער איז אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן.

רייף געוואָרן צו וואָס? דאָס האָט אַש נאָך אַליין נישט געוווסט. ער האָט איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון אַ מענטש, וואָס דערפילט אין זיך גאָר גרויסע כוחות און ווייסט נישט אויף וואָס זיי צו ווענדן.

ער איז געוואָרן נאָך מער אומעטיק און אומרואיק ביז... ביז ער האָט אַליין אָנגעהויבן שרייבן. ער האָט זיך באַרואיקט און זיך געפילט זייער גליקלעך. ער האָט געפילט, אַז ער האָט געפונען זיין וועג אין לעבן.

שלום אַש

אין 1899, נאָכדעם ווי ער איז געווען צוויי יאָר אין וולאָצלאַוועק, איז ער געקומען קיין וואַרשע אָנגעטון אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ יידיש־פּויליש היטעלע. ער האָט שוין געוווּסט פון י. ל. פּרץ, איז ער געקומען ווייזן פּרצן זיינע כתבים. דאָס אָנגעשריבענע איז געווען געשריבן אין העברעאיש. פּרץ האָט אַשן געראָטן, ער זאָל שרייבן יידיש.

די ערשטע יידישע דערציילונג, וואָס אַש האָט אָנגעשריבן איז געווען „משהלע". וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „יוד", מיט דער הילף פון פּרצן. אין 1903 איז אַרויס אַ באַנד דערציילונגען פון אַשן אונטערן נאָמען, „אין אַ שלעכטער צייט"; וואָס איז שטאַרק געריםמט געוואָרן.

די ערשטע עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט געוווינט אין וואַרשע, האָט ער געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. ער האָט אַליין געזאָגט: „איך האָב געוווינט אין פינצטערע, נאַסע לעכער און געקומען אין באַרירונג מיט מענטשלעכער נויט". די דערציילונגען, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן, זיינען געווען זייער אומעטיקע.

אַש האָט זיך אין יענער צייט באַקענט מיט דעם העברעאישן שרייבער מנחם מענדל שאַפּיראָ און מיט זיין פאַמיליע. שאַפּיראָ האָט געהאַט אַ טאָכטער מאַטילדע, וואָס איז געווען שיין, קלוג און זייער אינטעליגענט; אַ מיידל מיט גרויסע אַמביציעס. אַש האָט זיך אין איר פאַרליבט און מיט איר חתונה געהאַט. נאָך זיין חתונה איז אַש אויך געוואָרן אַמביציעז; ער האָט נישט אָבדערש געוואָלט, ווי שרייבן דראַמעס, און זיינע דראַמעס זאָלן אויפגעפירט ווערן אויף די אייראָפּעאישע בינעס.

ער האָט דאָס זייניקע אויסגעפירט: זיין „גאָט פון נקמה" איז אין 1907 אויפגעפירט געוואָרן אין פּויליש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש, דורך די גרעסטע רעזשיסאָרן און מיט די בעסטע שוישפּילער.

די עפּאָכע

אַש האָט געלעבט אין דער סאַמע וויכטיקסטער און געפערלעכסטער עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע; אין אַן עפּאָכע, וואָס דער גורל פון יידי־שן פאָלק איז געלעגן אויף אַ וואָגשאָל: קאָנען יידן ווייטער לעבן אַ שעפעריש לעבן? — אויב נישט שעפעריש האָט דאָס לעבן נישט קיין זין — אָדער קאָנען זיי נישט, און מוזן אונטערגיין, ווי אַ סך אַנדערע פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען.

פאַרוואָס ליידן? פאַרוואָס ליידן אַלס יידן? — די פראַגע האָט אָנגעהויבן מאַטערן אַ סך יידן פון דעם דור, אין וועלכן אַש האָט געלעבט; פאַרוואָס זיך נישט אַסימילירן, זיך אויסמישן צווישן די פעלקער און פּטור ווערן פון די יידישע צרות.

יידן האָבן נישט געוואָלט אונטערגיין און נישט אַזוי לייכט געקאָנט. די גויים האָבן זיי נישט געלאָזט. די גויים זיינען גאָרנישט געווען אַזוי להוט אַריינצונעמען יידן אין זייער געזעלשאַפט.

רעליגיע האָט דאָ געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. יידן קאָנען זיין רעליגיעז; נישט וועלן אויפגעבן זייער רעליגיע, און זיך אַסימילירן: אויפגעבן די שפּראַך, די ליטעראַטור, דאָס אייגנאַרטיקע לעבן — אונטערגיין אַלס נאַציע, ווי יידן האָבן עס געטון אין אַ סך לענדער. די גויים ווילן אָבער נישט אַנ־דערש, נאָר אַז די יידן זאָלן אויפגעבן זייער יידישע רעליגיע און איבערנעמען זייערע, די קריסטלעכע. אַ פרייער נישט־גלויביקער ייד איז נישט ווילין אָנצונעמען אַן אַנדער רעליגיע אין וועלכער ער גלויבט נישט. אַ רעליגיע־זער ייד, וואָס קאָן זיך אויך אַסימילירן, איז אוודאי נישט ווילין אויפצוגעבן זיין רעליגיע.

די גויים זיינען כמעט אַלע, מער אָדער ווייניקער, רעליגיעז. די קירכע

איז פאַר זיי נישט בלויז אַ רעליגיעזער אַנשטאַלט נאָר אויך אַ געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציע. אַלע שולן און סינאַגאָגעס זיינען — אַ חוץ איז די פּאַרטיקע טעג — שטענדיק ליידיק. די קירכעס זיינען, אין די זונטיקדיקע און יום־טובדיקע טעג, אַלע געפּאַקט. די קאַטוילישע קירכעס זיינען אָפן יעדער טאָג פון וואָך, אַ גאַנצן טאָג. און שטענדיק קאָן מען דאָרט געפינען מענטשן.

צוליב זייער רעליגיע האָבן גויים אַ ווידערגעפיל קעגן יידן. דאָס האָט אַ סך געשטערט, יידן זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענמישן מיט גויים.

דער ווידערגעפיל איז אַ סך מאָל אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער שנאה, וואָס האָט געפירט צו טויט און פאַרניכטונג פון יידן.

גרויסע און שווערע פּראָבלעמען זיינען אויפגעקומען פאַר יידן אין אַשס צייט. צוליב דעם — ווי אַזוי צו לייזן די פּראָבלעמען — איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ריס צווישן יידן. קעגנערישע פּאַרטייען האָבן ביטער געקעמפט איינע קעגן דער אַנדערער. איין ייד האָט געקעמפט קעגן אַ צווייטן. יעדער האָט געדענקט, אַז ביי אים און זיין פּאַרטיי איז דאָ די רפואה אויסצוהיילן אַלע צרות.

אַזאַ צייט איז די סאַמע שווערסטע פאַר אַ קינסטלער.

אַ געוויינלעכער מענטש קאָן זיין באַגרענעצט, ענגהאַרציק און פּאַרטייאיש. דער קינסטלער זעט ברייט און טיף; ער פאַרנעמט דאָס אָרט פון נביא; ער קאָן אַפילו אָנען די צוקונפט; ער קאָן נישט זיין פּאַרטייאיש. אויב מען צווינגט אים ער זאָל זיין פּאַרטייאיש, וועט ער ווערן גייסטיק אָפּגעטעמפּט און פאַרלירן זיין שעפערישן כוח.

אַש האָט געהאַט צרות פון דעם, וואָס די פּאַרטייען האָבן אים געוואָלט איינגאַנצן פאַר זיך. זיי האָבן אים באַקעמפט דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט און אויך נישט געוואָלט זיין פּאַרטייאיש.

די יידן, אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיינען געווען גאָר אַנדערש פון די יידן פון אַמאָל, פון די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין זייער לאַנד, און פון די, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און געלעבט אין גלות. דעמאָלט זיינען יידן געווען איין פאָלק פון איין לאַנד. די יידן, וואָס האָבן שוין געהאַט געוווינט אַ לענגערע צייט אין אַנדערע לענדער, האָבן פּאַקטיש מיטגעלעבט מיט די יידן פון „יהודה". די יידן האָבן געהאַט איין שפּראַך איין ליטעראַטור און איין קולטור.

די יידן, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיינען שוין געווען אַ צעשפּליטערט פאָלק: האָבן געוווינט אין אַ סך לענדער, גערעדט און געלייענט פאַר־

שידענע שפּראַכן, געוואָרן פאַרבונדן און באַאיינפלוסט פון די פעלקער, צווי־שן וועלכע זיי האָבן געלעבט און געמוזט מיטלעבן מיט דער קולטור פון יענע פעלקער.

אַפילו די יידן פון איין לאַנד האָבן געקאָנט זיין ווייט אָפּגעטיילט איי־נער פון צווייטן. וואָס פאַר אַ שייכות האָט געהאַט דער פויליש־אַסימילירטער ייד, וואָס האָט זיך געקליידט איירָאָפּעאיש, גערעדט און געלייענט פויליש, געוווינט צווישן פּאָליאַקן און געוואָלט זיך חברן מיט זיי — איך זאָג גע־וואָלט, ווייל נישט אַלע מאָל האָט דער פּאָליאַק געוואָלט — און ווייניק אָפּ־געהיטן זיין רעליגיע, מיט דעם חסידישן ייד, וואָס איז געגאַנגען אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ סאַמעטן היטל, געהאַט אַ לאַנגע צעפלאָכטענע באָרד און פאות, געווען פאַנאַטיש רעליגיעז און פאַראַכטעט דעם נישט פרומען און דעם גוי.

די צוויי סאָרטן יידן האָבן זיך פּאַקטיש פיינט געהאַט.

וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג האָבן די יידן געבוירן אין ענגלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך און אַמעריקע, וואָס לעבן אונטער אַ הויכער ציוויליזאַציע, מיט די יידן פון תימן און פון אַנדערע אַראַבישע לענדער, וואָס לעבן פרימיטיוו, ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

עס איז נישטאָ קיין שום פאַרבינדונג צווישן זיי!

וואָס פאַרבינדט זיי פאַרט? וואָס מאַכט זיי פאַר איין פאָלק?

עס זיינען דאָ צוויי כוחות וואָס פאַרבינדן די אַלע פאַרשידענע סאָרטן יידן אין איין פאָלק, דאָס זיינען: דער גורל און די געשיכטע.

אַלע יידן האָבן איין גורל — ווען אַ פאָלק ווערט ווילד און נעמט האַר־גענען יידן, מאַכט עס נישט קיין אונטערשיד צווישן אַ פרימיטיוון און חסי־דישן ייד ביז אַ ציוויליזירטן און אַסימילירטן ייד. אַלע יידן האָבן אויך איין געשיכטע — די שעפערישע כוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן געשאַפן איין יידישע קולטור, וואָס בינדט צוזאַמען, אַלע יידן פון דער וועלט.

דער גורל איז אַן אויסערלעכער כוח, וואָס האָט פאַרבונדן אַלע יידן.
די געשיכטע איז אַן אינערלעכער כוח, וואָס האָט זיי פאַרבונדן.

אַזוי ווי די צוויי כוחות זיינען אויסערגעוויינלעך שטאַרקער ביי יידן, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, דערפאַר איז מעגלעך געווען, אַז יידן זאָלן קאָנען עקזיסטירן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, וואָס ביי אַן אַנדער פאָלק איז עס געווען אוממעגלעך. קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט נישט געליטן פון אַזוי פיל שנאה און פאַרפאָלגונגען ווי יידן, און קיין

שלום אַש

פאַלקס געשיכטע איז נישט אַזוי רייך אין שעפערישקייט, וואָס האָט געפירט צו גייסטיקער דערהויבנקייט, ווי די יידישע.

דער אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט אָפּגעשוואַכט די צוויי כוחות. די עמאַנציפּאַציע אין די פאָרטגעשריטענע לענדער אין אייראָפּע און דער קאַמף פאַר פרייהייט אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער האָט אויסגעזען צוריק צו האַלטן די שנאה און רדיפות צו יידן. דער סאָציאַלער אויפרודער און דער קלאַסן־קאַמף האָט דעם ייד מער צוגעבונדן צום לאַנד, וווּ ער האָט געלעבט און צו זיין קלאַס, ווי צו זיין פאָלק.

דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, וואָס איז געווען אינטערנאַציאָנאַל און קאָסמאָפּאָליטיש, האָט אָפּגעשוואַכט דעם צווייטן יידישן כוח דעם פון געשיכטע. לויט די סאָציאַליסטישע טעאָריעס איז אויסגעקומען, אַז דער באַגריף וועגן געשיכטע איז בכלל אַ פאַלשער. עס איז נישט אמת, האָבן די סאָציאַליסטן געזאָגט, אַז דער קאַמף אויף דער וועלט איז אַ קאַמף צווישן פעלקער. ניין, עס איז אַ קאַמף צווישן קלאַסן.

גאָר אַ גרויסע צאָל יידן, רייכע און אָרעמע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון דער מאַטערנדיקע פראַגע: פאַרוואָס ליידן אַלס יידן.

דער סאָציאַליסטישער ענטפער איז געווען: מען וועט מער נישט ליידן אַלס יידן און מען דאַרף נישט ליידן; ייד אָדער נישט ייד, דאָס איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז דער קלאַס; אויב ביסט אַ ייד און געהערסט צום צווייטן, קלאַס וועט מען דיך אויסרייסן, אויב ביסט נישט קיין ייד און געהערסט צו מיין קלאַס ביסטו מיין ברודער.

צופיל בלוט האָבן יידן אָוועקגעגעבן פאַר זייער עקזיסטענץ, אַז זיי זאָלן זיין גרייט אָנצונעמען אַ טעאָריע וואָס לייקנט, אָדער שוואַכט אָפּ דעם נאַציאָנאַלן כוח און שטעלט אַלץ אויף דעם כוח פון די קלאַסן.

ביי יידן איז געשאַפן געוואָרן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט אַלץ אויף דעם כוח פון פאָלק, פון דער נאַציאָן. די סאָציאַליסטישע עלעמענטן האָבן זיך אויך נישט געקאָנט באַגניגענען בלויז מיט דעם קלאַסן קאַמף. זיי האָבן נישט געקאָנט איגנאָרירן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן כוח, און האָבן זיך אָרגאַניזירט אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטן אָדער בונדיסטישע־סאָציאַליסטן. כאָטש דיביידע פאַרטייען, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און די בונדיסטישע, האָבן זיך שטאַרק באַקעמפט, איז אָבער זייער גרונט־מאָטיוו געווען דער זעלביקער — דער נאַציאָנאַלער.

מער קאָמפּליצירט, ווי ביי אַנדערע פעלקער, איז געווען דער קאַמף און די ראַנגלענישן צווישן די פּאַרטייען ביי יידן. פול מיט געפאַרן איז גע־ווען די צייט, אין וועלכער אַש האָט געלעבט.

נייע אידעען און נייע ענדערונגען זיינען אויפגעקומען וואָס האָבן באַ־צוועקט ראַדיקאַל צו ענדערן דאָס גאַנצע יידישע לעבן. צו פרצעס עצה צו גיין אין שול אַריין האָט זיך קיינער נישט צוגעהערט. עס איז געוואָרן שווער פאַר די עלטערע יידישע שרייבער צו פאַרשטיין און זיך קאָנען אַריינלעבן אין דעם לעבן פון דעם נייעם, יינגערן דור, וואָס האָט געזוכט נייע אידעאַלן, וואָס זאָלן פאַרפעסטיקן זיין צעטרייסלטן באָדן.

די יינגערע שרייבער זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון די פּאַרטייען. אַ סך פון זיי האָט געפעלט, דער אינטואיטיווער כוח צו קאָ־נען אַריינדרינגען און טיף פאַרשטיין דעם גאַנג פון די געשעענישן; זיי האָבן נישט פאַרמאָגט די גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקייטן. אַ טייל פון זיי האָט פשוט געפעלט, די טיפע צוגעבונדנקייט און ליבע צום פאָלק.

אַש איז געווען אַן אויסנאַם!

ער האָט פאַרמאָגט די אַלע מעלות: ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינ־לעך שטאַרקע אינטואיציע. ער איז געווען אַ גרויסער ערשט־ראַנגיקער קינסטלער און געהאַט אַ טיפע צוגעבונדנקייט און ליבע צו יידן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן.

ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז געווען ראוי און האָט געהאַט די קינסטלערישע פעאיקייטן אונדז צו ווייזן נישט נאָר „אַ טייל יידן", נאָר אַלע יידן, פון אַלע לענדער, פון אַלע קלאַסן און פון אַלע צייטן. ער האָט אונדז געוויזן דעם ייד, וואָס איז איינגעטונקען אין יידישקייט, זיצט טאָג און נאַכט און לערנט און אויך דעם ייד, וואָס שטייט ביי דער שוועל, וואָס אָט, אָט און ער ווערט אויס ייד. ביי אַשן איז דער ייד, וואָס שטייט ביי דער שוועל אויך שטאַרק פאַרבונדן מיט יידן. און עס איז אים שווער זיך אָפּצורייסן.

דער תהילים־ייד און דער מאַלער קאָוואַלסקי, דאָס הייליקע שניידערל און יעקל שאַפּשאָוויטש זיינען יידן צוגעבונדן צו זייער שטאַם, וואָס האַלט זיי צוזאַמען זיך נישט אָפּצושיידן.

נאָר אַזאַ קינסטלער ווי אַש האָט געקאָנט מיט זיכערע טריט גיין אויף אַזאַ אומזיכערן און וואַקלדיקן וועג, ווי עס איז געווען יענע עפּאָכע, דער דור אין וועלכן אַש האָט געלעבט.

אַשם אייגענער וועג

אין 1903, ווען אַש איז אינגאַנצן אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר, האָט ער געשריבן די ערשטע גרויסע דערציילונג. זי האָט אים באַלד באַרימט געמאַכט אַלס איינעם פון די גרויסע שרייבער ביי יידן. די דערציילונג האָט געהייסן „אַ שטעטל".

דעם גרויסן איינדרוק וואָס „אַ שטעטל" האָט געמאַכט איז געווען מיט דעם נייעם טאָן, וואָס עס האָט אריינגעברענגט אין דער יידישער ליטעראַטור, דעם אָפּטימיסטישן טאָן.

די שרייבער פאַר אַשן האָבן געמוסרט, געקלאָגט, באַדויערט און אויסגעלאַכט דאָס יידישע לעבן. טאָמער האָט אַ פּרץ שוין יאָ געזען גרויסקייט ביי יידן, איז עס געווען אַ ראָמאַנטיש־ליטעראַרישע גרויסקייט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געחלומט. ווען ער האָט געעפנט די אויגן און געזען דאָס יידישע לעבן אין דער ווירקלעכקייט, אין זיין רייזע „איבער שטעט און שטעטלעך", האָט ער אויך באַדויערט און אויסגעלאַכט דאָס יידישע לעבן.

איז געקומען אַש און באַוויזן, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו לאַכן, נישטאָ וואָס צו באַדויערן און שטראָפן, דאָס יידישע לעבן אַזוי ווי עס איז, איז שיין און גוט.

אַשס „אַ שטעטל" איז איינגעפונדעוועט און יום־טובדיק, דאָרט הערשט נישט קיין אומעט, אַפילו דער גלות איז פון דאָרט פאַרשוווּנדן. פאַר די איינגעוואָרצלטע יידן, וואָס לעבן שוין דאָרט פון דור דורות איז דאָס שטעטל אַ היים נישט קיין גלות.

מיט אַשן איז צוגעקומען אַ נייער כוח אין דער יידישער ליטעראַטור, דער כוח פון איינגעוואָרצלטקייט. פון זיינע ווערק האָט אָפּגעקלינגען אַ

שטימע, וואָס האָט געלאָזט וויסן: יידן זיינען נישט קיין פרעמדע אין די לענ־
דער, וו זיי וווינען; דאָרט וו זיי לעבן איז זייער היים.

דאָס שטעטל ביי אַשן האָט זיך אויסגעצייכנט, נישט נאָר מיט דעם אָפּ־
טימיסטישן טאָן נאָר אויך מיט אַ טיפן לירישן געפיל און מיט אַן אינטימער
וואַרעמקייט, וואָס וויניק שרייבער פאַרמאָגן, וואָס האָט אידענטיפיצירט דעם
שרייבער מיט די מענטשן, וואָס ער האָט געשילדערט.

אַש איז אַ לירישער דערציילער.

דער ליריקער־פּאָעט זינגט דאָס ליד פון זיין „איך" פּונקט אַזוי איז
דער אין' פון דעם ליריקער־דערציילער אַריינגעוועבט אין אַלע בילדער,
וואָס ער מאָלט און שילדערט.

שוין אין „אַ שטעטל", אין זיין ערשטער גרעסערע דערציילונג, האָט
מען געקאָנט זען דעם וועג, וואָס אַשן איז באַשערט געווען צו גיין אין דעם
ווייטערדיקן גאַנג פון זיין לעבן. ביי אַשן זיינען נישטאָ די סאַטירישע און
הומאָריסטישע „אויבער־טענער", וואָס געפינען זיך ביי מענדעלע און שלום
עליכם.

סאַטירישע און הומאָריסטישע „אויבער־טענער" קאָן מען נאָר געפינען
ביי שרייבער, וואָס זיינען נישט גלייכגעשטאַלטעט מיט די מענטשן, וואָס זיי
שילדערן. מענדעלע שילדערט און מוסרט די קליינע מענטשעלעך, ער אַליין
איז אָבער נישט קיין קליין־מענטשעלע. שלום עליכם שילדערט און לאַכט
איבער די מנחם מענדלס, ער אַליין איז נישט קיין מנחם מענדל. שלום אַש
איז אידענטיפיצירט מיט יעדן איינעם, וואָס ער שילדערט, סיי עס איז דער
„תהלים ייד", סיי עס איז „מאָטקע גנב". שלום אַש שטייט נישט אויסער
זיינע העלדן, ער לעבט אין זיי.

אין „אַ שטעטל", דאָס ערשטע גרעסערע ווערק פון אַשן, זעט מען שוין
דעם גרויסן מאָלער וואָס מאָלט שאַרף און בולט; זיינע בילדער זיינען רייך
אין קאָלירן און ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. אַש האָט דעם כוח אַריינצוציען
דעם לייענער אין דער געשאַפענער אַטמאָספערע. דער לייענער פילט זיך
ווי אַ מיטבאַטייליקטער אין די געשעענישן.

ר' יחזקאל גאָמבינער, מלכהלע, דער רבי און דער רב; אפילו נטע משרת
אין יענטע דאָס דינסט־מיידל ווערן ווי אייגענע מענטשן, וואָס מען ווערט
שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זיי.

אין „אַ שטעטל" זעט מען דעם קינסטלער, וואָס איז נישט בלויז פאַר־
אינטערעסירט צו שילדערן מענטשן, נאָר די מענטשלעכקייט אינם מענטש,
אַ מעלה וואָס מאַכט גרויס אַ שרייבער.

שלום אַש

דער ציל פון דעם קינסטלער איז נישט בלויז אָנצוואַרפן בילדער, נאָר זיך דערגרונטעוועטן צום יסוד פון דער שאַפונג, צום ציל וואָס יעדע שאַפונג מוז האָבן, ווייל אָן אַ ציל איז דאָס שאַפן נישט נויטיק.

אַש, דערזעענדיק זיינע כוחות, באַלד די ערשטע צייט; האָט זיך געגרייט צו דערגרייכן גאָר גרויסע הויכקייטן. אַפילו דעם ציל, וואָס אַש האָט זיך שפעטער געשטעלט, שלום צו מאַכן, צווישן גוי און ייד, דערזעט מען שוין אין „אַ שטעטל", ווען ער שרייבט: „דעם חזנס לכה דודי זינגט אין געסל און דער קירכן־גלאָק קלינגט מיט. די קולות מישן זיך אויס, עס ווערט אַן שטי־לע תפילה צו איין גאָט".

איין תפילה און איין גאָט, איז געווען דער ציל פון די יידן, פון דער צייט פון אברהם אבינו, וואָס האָט צעבראָכן די געטשקעס פון זיין טאַטן ביז שלום אַש, ווען די געטשקעס האָבן געוואָלט צעברעכן.

דאָס איז געווען אַשס וועג אין דער ליטעראַטור.

דער גרויסער דערפאָלג

די דראַמע „גאָט פון נקמה" איז געווען אַ סענסאַציאָנעלער דערפאָלג. ביי יידן זיינען געווען אַ סך קעגנער, וואָס האָבן נישט געוואָלט, די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן, איבערהויפּט נישט פאַר די גוים. זיי האָבן געטענהט, אַז מען טאָר נישט ווייזן פאַר די גויים, דאָס יידן גיבן זיך אָפּ מיט אַזאַ פּראָפעסיע, ווי פּראָסטיטוציע. אין אַמעריקע האָט די אָרטאָדאָקסישע פּרעסע אָנגעפירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן דער דראַמע.

די ראַדיקאַלע פּרעסע מיט אב קאהנען בראש האָבן שטאַרק געקעמפט, אַז מען זאָל די דראַמע יאָ אויפפירן. און זיי האָבן אויסגעפירט.

„גאָט פון נקמה" איז אַ דראַמע פון דעם לעבן פון די סאַמע נידעריקסטע עלעמענטן ביי יידן — דאָס לעבן פון אַ פרויען־הענדלער. ער, דער פרויען הענדלער, וויל נישט אַנדערש נאָר, אַז זיין טאָכטער זאָל אויפוואַקסן ריין און צניעותדיק, ווי גאָט האָט געבאָטן. ער מיינט, אַז האָבן אַ ספר תורה אין זיין טאָכטערס צימער, וועט זי ראַטעווען פון דער אומריינקייט פון זיין הויז.

דער טאַטע האָט זיך אָפּגענאַרט. זיין טאָכטער ווערט אומריין. די ספר תורה האָט זי נישט געקאָנט ראַטעווען. גאָט האָט זיך נוקם געווען פאַר זיינע זינד.

דער זינדיקער, געפאַלענער ייד לעבט איבער אַ גרויסע טראַגעדיע.

עס איז אַ יידישע דראַמע, נישט בלויז צוליב די יידישע טיפּן, וואָס ווערן געשילדערט, נאָר אויך, צוליב דער אידעע, דער טיפער פאַרלאַנג פאַר טהרת משפחה, אפילו ביי די געפאַלענסטע עלעמענטן ביי יידן און אויך צוליב דער פאַרבינדונג פון דער תורה, דאָס הייליקע ספר, מיט דער אויפפירונג פון ייד.

די לעצטע יאָרן האָט אַש אַליין איינגעזען, אַז עס זיינען אפשר גע־

רעכט די וואָס טענהן, אַז די דראַמע איז אַן אומכבוד פאַר יידן און האָט די דראַמע צוריקגעצויגן.

נאָך זיין דערפאָלג מיט „גאָט פון נקמה" איז אַשס נאָמען געוואָרן באַקאַנט איבער דער וועלט. זיינע ווערק זיינען געוואָרן איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכן. דער אייראָפּעאישער לייענער האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט אים.

די אייראָפּעאישע פעלקער האָבן ווייניק געוווסט, וואָס דער ייד איז און ווי אַזוי ער לעבט. ער איז ביי זיי געווען אָדער אַ שיילאָק, וואָס ווי̈ל שניידן דאָס פלייש פון אַ לעבעדיקן מענטש, אָדער עפּעס אַן אייביקער וואַנדערער, אַ קרבן, וואָס ווערט פאַרפאָלגט און געהאַרגעט אומזיסט און אומנישט.

די מערכטע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן וועגן יידן, פאַר דער נישט־יידישער וועלט, זיינען נישט געווען קיין יידן. זיי האָבן געשריבן, אָדער ווי אַנטיסעמיטן, אָדער ווי יודאָפילן, קיין ריכטיק, רעאַליסטיש בילד וועגן יידן האָבן זיי נישט געגעבן.

מענדעלע און שלום עליכם האָבן געשילדערט דאָס נעגאַטיווע און דאָס עקזאָטישע אין יידישן לעבן, זייערע טיפן זיינען געווען טשיקאַווע, האָבן געקאָנט אַרויסרופן רחמנות, קיין באַגייסטערונג, האָבן זיי נישט אַרויסגערופן. פּרץ איז געגאַנגען אויף ראָמאַנטיש־מיסטישע וועגן, ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער חסידיש־מיסטישער אַטמאָספערע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן שוואַכער.

די קלאַסיקער האָבן דער עיקר געוואָלט ענדערן דאָס יידישע לעבן, נישט עס שילדערן.

דאָס הויפּט געווער ביי מענדעלע און שלום עליכם איז געווען, די עקזאָטיק פון דער שפּראַך; דער יידישער אידיאָם, דאָס גלייכווערטל, דער שטייגער פון ריידן — אין דעם האָבן זיי אַריין געלייגט זייערע קינסטלערישע כוחות, און אין דעם האָבן זיי דערגרייכט מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער שרייבער אין יידיש.

די קלאַסיקער האָבן נישט געגעבן קיין בילד פון דעם מהות פון יידישן לעבן, וואָס זיינע וואָרצלען שטאַמען פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און האָט אַן איינגעפונדעוועטן פונדאַמענט היינט, אַ בילד וואָס זאָל אַרויסרופן באַגייסטערונג פאַר דעם ייד.

די קלאַסיקער האָבן געקאָנט אויסערגעוויינטלעך קינסטלעריש מאַנעווורירן מיט דער יידישער שפּראַך, וואָס איז געווען זייער הויפּט כלי זיין.

א. ה. ביאַלין

זיי האָבן זיך דערגראָבן צו דער טיפקייט פון פאָלק דורך דער טיפקייט פון וואָרט — דערפאַר איז אַזוי שווער זיי צו איבערזעצן אין אַן אַנדער שפּראַך.

אַש האָט זיך דערגראָבן צו דער טיפקייט פון געפיל, וואָס איז איבער שפּראַך, און דערפאַר געקאָנט מאַנעווורירן מיט איינפאַכע און אַלגעמיינע שפּראַך אויסדרוקן. אַשס אַן איבערזעצונג ליידט גאָרנישט, געווינט נאָך אַמאָל, ווייל אַש אַליין, אין זיין שעפערישן טעמפּאָ, איז נישט אַזוי אָפּגעהיט געווען אין דעם סדר און אין אויסדרוק פון זיין שפּראַך. דער איבערזעצער איז שוין יאָ געווען שטאַרק אָפּגעהיט.

דורך אַשן האָבן די פעלקער פון דער וועלט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט יידן, אויסגעפונען ווי אַזוי זיי לעבן און וואָס איז זייער מהות; וואָס דער ייד איז. פאַר יידן איז וויכטיקער, אַז די פעלקער זאָלן וויסן, וואָס דער ייד איז, נישט ווי אַזוי ער לעבט, ווייל לעבן לעבט ער אַ סך מאָל, נישט ווי אַזוי ער וויל נאָר ווי אַזוי ער מוז; אָבער זיין איז ער דאָס, וואָס ער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין, פון די צייטן פון די נביאים ביז היינט.

עס איז געווען אונדזער מזל, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ יידיש יינגל אין פוילן, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו זען און צו פילן, וואָס דער ייד איז, און אויך געהאַט דעם כוח עס איבערצוגעבן פאַר דער וועלט.

אַש האָט אָנגעהויבן מיט שילדערן דאָס יידישע לעבן אין שטעטל, דאָרט וו ער איז געבוירן געוואָרן און געלעבט די ערשטע יאָרן.

ער איז נישט געבליבן אין שטעטל.

ער האָט געוווסט, אַז די יידן זיינען אין גלות, זיי זיינען פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, אומעטום זאַפּט דער ייד אין זיך איין, אַ טייל פון יענער קולטור פון דעם לאַנד אין וועלכן ער לעבט.

— ווילסטו דעם זיכטער קאָנטן מוזטו אין זיין לאַנד גיין; ווילסטו דעם ייד קאָנען מוזטו גיין פון לאַנד צו לאַנד.

און אַש איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, פון איין וועלט־טייל צום צווייטן. אומעטום האָט ער געפונען יידן. און ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט, אַ טייל פון דעם גייסט און פון דעם לעבן פון די יידן איבער דער וועלט.

אַ גרויסער יידישער ישוב האָט זיך געשאַפן אין אַמעריקע און אַש איז אין 1909 געפאָרן קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע האָט ער געזען, ווי דער ייד פון דעם שטעטל ענדערט זיך און ווערט גאָר אַן אַנדערער מענטש, און אויך אַן אַנדערער ייד.

שלום אַש

אין אַמעריקע האָט אַש געשריבן העכסט רירענדע און פּאַטעטישע דערציילונגען, וואָס שילדערן די טראַגעדיע פון איבערוואַנדלונג — אויסגע־ריסן צו ווערן פון איין פּלאַץ, פון דער אַלטער היים, און איינגעבראָכן ווערן אין אַ נײַ פרעמד לאַנד.

אַש האָט, זייענדיק אין אַמעריקע, אַ סאַך געשריבן וועגן דעם דאָר־טיקן יידישן לעבן. די וויכטיקסטע ווערק זיינען „אַנקל מאָזעס" „חיים לעדערערס צוריקקומען" „איסט ריווער" און „גראָסמאַן און זון".

ער האָט אין די, און אויך אין נאָך אַנדערע ווערק פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן, אַרומגענומען דאָס לעבן דאָרט אין דער סאַמע ברייטקייט און טיפקייט, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלץ וואָס יידישע און אויך נישט יידי־שע שרייבער האָבן פריער געשריבן.

די ווערק פון אַשן זיינען געוואָרן איבערזעצט אין אַ כאַך שפּראַכן. דער נאָמען אַש איז געוואָרן אַ וועלט נאָמען.

שלום אַש איז געווען עטלעכע מאָל אין ארץ ישראל — פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט — און פון דאָרט געבראַכט אַ וווּנדערלעך ווערק „דאָס געזאַנג פון טאָל". מיט אויסערגעוויינטלעכער באַגייסטערונג, באַשרייבט ער דאָס לעבן פון די חלוצים; ווי אַזוי זיי בויען אויף אַ לאַנד פאַר יידן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַש געווען אין דייטשלאַנד. ער האָט געזען דעם כאַאָס, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דעם צענטער פון איי־ראָפּע, נאָך דעם צוזאַמענבררוך פון דייטשלאַנד. ער האָט געזען דעם אָפּ־גרונט, אין וועלכן, עס זינקט דאָס דייטשע פאָלק, וואָס קאָן ווערן אַ געפאַר פאַר דער וועלט. ער האָט אויך געזען, ווי יידן ווערן אַריינגעשלעפּט אין דעם אָפּגרונט.

די טראַגעדיע אין דייטשלאַנד, וואָס איז געווען אַ פאַרשפּיל צו דער גרעסטער יידישער טראַגעדיע, ווערט ווונדערלעך געשילדערט אין דעם ראָ־מאַן „פאַרן אָפּגרונט".

פון אַלע יידישע שרייבער, איז אַש געווען דער פּראָדוקטיווסטער. ער איז געווען ווי אַ ים, וואָס קאָן זיך נישט אויסשעפּן. ער האָט געשריבן ביז די לעצטע שעהן פון זיין לעבן. ער איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען זיבן און זיבעציק יאָר. אין די לעצטע יאָרן האָט ער געשריבן מיט אַזאַ פייער און קינסטלערישע דערהויבנקייט, ווי ווען ער איז געווען אין זיינע מיטעלע און רייפע יאָרן.

אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, סיי זיינע קליינע דערציילונגען, סיי זיי־

נע גרויסע נאָוועלן, איז ווערטפול. נישטאָ ביי אים עפּעס, וואָס איז ווערט־לאָז, וואָס האָט נישט באַדאַרפט געדרוקט ווערן.

צום באַדויערן זיינען ביי אַנדערע, אפילו ביי גרויסע שרייבער, דאָ ווערטלאָזע זאַכן, וואָס האָבן נישט באַדאַרפט געדרוקט ווערן, איך רעד שוין נישט פון די, וואָס האָבן געשריבן שונד, אונטער פאַרשטעלטע נעמען.

אַשס גרויסן דערפאָלג — דאָס וואָס ער איז דער איינציקער יידישער שרייבער וואָס איז געוואָרן וועלט באַרימט — האָט ער זיך כשר פאַרדינט.

די ראָמאַנען:

1. מערי

2. דער וועג צו זיך

אין אַשס ווערק זיינען דאָ די קאַמפן, די ראַנגלענישן, די צווייפלען, די האָפנונגען, די טראַגעדיעס און איבערלעבונגען פון אַלע סארטן יידן און פון אַלע צייטן. ער האָט געזען דעם ייד פון היינט אין אַלע לענדער. און ער האָט געזען דעם ייד פון אַ מאָל, אין אַלע צייטן.

אין היסטאָרישן ראָמאַן, אין אויפלעבן אַ צייט מיט טויזנטער יאָר צוריק, האָט אַש נישט זיין גלייבן אפילו אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער שילדערט אַ צייט וואָס איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען מיט אַזעלכע איינצלהייטן און מיט אַזאַ היסטאָרישער פּינקטלעכקייט, אַז איר ווערט איבעראַשט, ווי איר וואָלט דערזען דאָס גרעסטע וואונדער. ער שרייבט וועגן אַ פאַרגאַנגענער צייט מיט אַזאַ זיכערקייט און אַזוי רעאַליסטיש, אַז איר דערפילט זיך, ווי איר אַליין לעבט אין יענער צייט; די צייט ווערט ווי פאַרשוווּנדן. דער אַ מאָל ווערט אויפגעלעבט ווי אַווירקלעכקייט, און די היינטיקע ווירקלעכ־קייט ווערט ווי אַ חלום.

אַש האָט געזען און פאַרשטאַנען די קאָמפּליצירטקייט און טיפקייט פון יידישן לעבן. ער האָט געזען די שיינקייט און דערהויבנקייט פון יידישן לעבן. ער האָט אויך געזען, ווי ווייניק די אַנדערע פעלקער פאַרשטייען דעם ייד, און ווי ווייניק דער ייד פאַרשטייט זיך אַליין. זיין אויפגאַבע, האָט ער דערפילט איז צו ווייזן דער וועלט, און אויך די יידן, די שיינקייט, טיפקייט און דערהויבנקייט פון יידן.

ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם „שטעטל” „דאָס קוילער געסל” „גאָט

פון נקמה". ער האָט געוויזן, אַז אין דעם פּראָסטן ייד, אין דעם געפאַלע־נעם ייד, אין דעם ייד, וואָס שטייט אויף דעם נידעריקסטן שטאַפּל, איז אויך דאָ דערהויבנקייט, אַ ווילן פאַר ריינקייט, פאַר העכערקייט.

אין דער גרויסער שטאָט האָט זיך אַש באַקענט מיט דער העכערער יידישער אינטעליגענץ. זיי האָבן אים שטאַרק אינטערעסירט. ער האָט זיי געשילדערט אין זיין ערשטן ראָמאַן „מערי", געשריבן אין 1911.

אין דעם ראָמאַן „מערי" און אין „דער וועג צו זיך" — וואָס איז אַ פאַרזעצונג פון מערי — שילדערט אַש יידן, וואָס זיינען דערוויטערט פון יידישן לעבן. מערי, מישא און קאָוואַלסקי, זיינען וועלטלעכע יידן, וועלט־לעך, אויך אין דעם זינען, וואָס זיי זיינען נישט צוגעבונדן צו דעם לאַנד ווו זיי וווינען. די גאַנצע וועלט איז זייער לאַנד.

קאָוואַלסקי דער מאַלער איז דער מער וועלטלעכסטער. ער איז פאַר־אינטערעסירט אין שיינקייט און אין פאַרבן, דאָרט ווו ער קאָן געפינען שיינ־קייט און פאַרבנרייכקייט דאָרט איז זיין לאַנד.

און ער זאָגט וועגן זיך: „איך ווייס נישט צו איר וועט פאַרשטיין, ווער איך בין, ווייל איך אַליין פאַרשטיי זיך אויך נישט. איך טו וואָס מיין האַרץ זאָגט מיר און ווי איך פיל. איך ווייס נישט, וואָס וועט זיין מאָרגן מיט מיר. איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר קיין מינוט אין מיין לעבן — ווייל איך קאָן עס מיר אַליין נישט נעמען, נאָר עס נעמט מיך".

דאָס זיינען די נייע מענטשן, וואָס אַש האָט באַגעגנט. זיי זיינען ווייט פון שטעטל, ווייט פון יידן און ווייט פון יידישקייט.

אָבער פונקט ווי יעקל שאַפּשאָוויטש, דער פרויען הענדלער, שטייט נישט ביי אַשן מחוץ למחנה, אַזוי שטייט אויך נישט דער מאַלער קאָוואַלסקי, וואָס איז זייער ווייט פון יידן און יידישקייט — ווייט איז ער, אָבער נישט אָפּ־געריסן.

דער פאַרנעם פון דעם ראָמאַן איז גרויס. עס איז אַ פאַרזוך זיך צו פאַרטיפן אין די נשמות פון יענער יידישער יוגנט, וואָס איז אָפּגעריסן פון יידישקייט.

איר באַוווּנדערט אין „מערי", דעם ערשטן ראָמאַן, וואָס אַש האָט געשריבן, זיינע זיכערע טריט און זיינע פעאיקייטן טיף אַריינצודרינגען און שילדערן די סאַמע איידלסטע און קאָמפּליצירסטע איבערלעבונגען.

ווי אַן ערשטער ראָמאַן האָט „מערי" טעכנישע חסרונות, אָבער איר באַ־וווּנדערט גלייכצייטיק די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס אַש ווייזט אַרויס באַלד ביי זיין ערשטן ראָמאַן.

אין „דער וועג צו זיך" האָט זיך אַש דערנענטערט צו דער גרויסער יידישער טראַגעדיע, ווען די שנאה פון גוי צום ייד פירט צו מאָרד און צו שאַנד.

ראַכעל, די כלה פון מישא, איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ כוליגאַן, וואָס האָט זי געוואַלט פאַראומרייניקן. די האָר האָט ער פון איר געריסן, דאָס לייב צעביסן. זי האָט ווי אַ לייב געקעמפט, איר לעבן איינגעשטעלט, אָבער אַרויס אַ ריינע. ער האָט זי נישט בייגעקומען.

עס איז די טראַגעדיע פון יינגן דור, וואָס פילט זיך אומזיכער און אומבאַהאָלפן אין דעם לאַנד, ווו ער לעבט און ווו ער איז געבוירן געוואָרן. עס, איז געוועזן דער אָנהויב פון אַ באַוועגונג ביי דער יוגנט צו פאָרן קיין ארץ ישראל, אויפבויען אַ לאַנד, וואָס איז חרוב געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

אַש שילדערט די האָפנונגען און אַנטוישונגען, וואָס זיינען באַלד אין אָנהויב געווען פאַרבונדן מיט אַזאַ שריט, און די טראַגעדיעס, וואָס די פיאָ־נערן האָבן איבערגעלעבט. אַ סאַך האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן די שוועריקייטן און פאַרצווייפלטע זיך צוריקגעצויגן.

ווער איז מערי? — מערי איז אַ רייכע יידישע מיידל, וואָס האָט גע־שטודירט אין די שקאָלעס. געהאַט אַ פאָר ליבעס־אַנטוישונגען און: — „זי קוקט זיך איין אין איר לעבן און טראַכט זיך: וואָס האָט זי ליב? וואָס וויל זי? נאָך וועמען בענקט זי?... אייגנטלעך האָט זי קיין ציל נישט אין לעבן".

אירע עלטערן, האָט זי נישט ליב: אויף דער מוטער האָט זי רחמנות, ווי מען האָט רחמנות אויף אַ פרעמדער פרוי, און דער פאָטער איז אַן עגאָ־איסט.

איר פאָלק איז איר פרעמד. זי ווייסט נישט פאַרוואָס מען האָט פיינט יידן און פאַרוואָס ווערן זיי נישט אויס יידן, ווען קיינער וויל זיי נישט ליידן".

זי האָט געזען ווי יעדע פון די אַנדערע מיידלעך איז פאַרליבט אין עפעס אַ פאָטערלאַנד און — „זי איז, ווי הונדערטער אַנדערע יידישע מייד־לעך, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע, ווי אַ בוים וואָס איז פאַרפלאַנצט גע־וואָרן אין אַ פרעמדן קלימאַט. זי האָט אַרום זיך געזען באַגייסטערונג, ליבע, בענקען צו אַ לאַנד, צו אַ פאָלק, צו מנהגים און יום־טובים און זי, האָט גאָרנישט געהאַט. אירע עלטערן האָבן איר קיין ירושה נישט איבערגעלאָזט. נאַקעט איז זי געבוירן געוואָרן און נאַקעט שטייט זי אַליין אין דער וועלט, אָן טראַדיציע, אָן גלויבן און אָן ליבע.

וואָס האָט זי געהאַט צו זוכן אין לעבן אויסער ליבע, אויסער איר אייגענע קליינע מענטשן־ליבע".

אַזוי שטעלט אַש פאַר מעריז, די הויפּט העלדן פון זיינע ראָמאַנען „מערי" און „דער וועג צו זיך".

וועגן „מישא" די הויפּט פיגור אין „מערי" און אין „דער וועג צו זיך" שרייבט אַש: — מישא האָט גוט געלערנט און איז געווען פעאיק צו טרוקענע און שכלדיקע זאַכן... מיט זיינע ניינצן־צוואַנציק יאָר איז ער נאָך אַלץ געווען אין זיינע געפילן אַ קינד. אַלץ איז געשלאָפן אין אים. ער איז איבערגעגאַנגען פון קינדערשטוב אין גימנאַזיע, פון גימנאַזיע אין אוניווערסיטעט, נישט ענדערנדיק זיך אַליין...

צו פרויען האָט ער געהאַט אַזאַ באַציאונג, ווי קינדער האָבן אַ באַציאונג צו דערוואַקסענע, — אַן אַנדער מין מענטשן... זיין פאַרהאַלטן זיך צו מערין איז געווען ווי צו אַ חבר, וואָס מען איז זייער געגרן זיין פריינטשאַפט...

ער איז געווען ציוניסטיש געשטימט, כאָטש נישט קיין פּאַרטיי מענטש... יידישע צרות האָבן געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין זיין האַרץ".

מישא איז דער טיפּ יידישער אינטעליגענט, וואָס פירט נישט קיין באַוועגונג, נאָר ווערט געפירט. ער איז איינגעוואָרצלט אין יידישן שטאַם. ער ווערט געוואָרפן ווי אַ שפּענדל אויף די כוואַליעס פון יידישן לעבן.

ער פאָרט קיין ארץ ישראל און פאָרט דערנאָך אַוועק פון דאָרט. ער גייט ניט אַ הין ווו ער אַליין וויל, נאָר ווי זיין פאָלק ווערט געטריבן.

מישא איז געקומען פון פּעטערבורג אַן אַנטוישטער אין מעריז. ווען ער איז אַ היים געקומען איז זיין היים־שטאָט געווען אין שרעק פאַר אַ פּאָגראָם. ער וויל באַשיצן די מיידל ראָכעל — זיין צוקונפטיקע פרוי — וואָס איז אַליין אין אַ הויז. איר פאָטער איז אַרעסטירט.

דאָס איז זייער געשפּרעך: — „אָ, ווי גוט איר זייט מישא — האָט זי זיך געפרייט — אָ! ווי גוט דו ביסט. און דאָ איז אַזוי שלעכט, אַזוי איינזאַם און טרויעריק.

— אָבער וואָס וועט איצט זיין? איר קאָנט דאָך דאָ נישט לענגער בלייבן. איר מוזט גיין צו אונדז אַ היים! — האָט מישא געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— די שטאָט איז אין סכנה, מען ריכט זיך אויף פּאָגראָמען!

— אויף פּאָגראָמען? וואָס איז עס? האָט זי געפרעגט קינדיש.

— זיי ווילן אונדז שלאָגן, אונדז אַלע — אייך, מיך, אייער פאָטער — אונדז אַלעמען.

שלום אַש

— ווער וויל אונדז שלאָגן? — האָט דאָס מיידל געפרעגט פאַרוואונדערט.

— וואָס הייסט ווער? קריסטן, רוסן, פּויערים — אַלע — האָט מישא אויסגעשריגן, ווי ער וואָלט דערשטוינט געוואָרן פון אירע פראַגן.

— אָבער פאַרוואָס? — האָט דאָס מיידל אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, וואונדערנדיק זיך.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט זיך מישא היסטעריש צעלאַכט — ווייל מיר זיינען יידן.

— עס איז נישט אמת — האָט ראַכעל פּראָטעסטירט — מיר לעבן גוט מיט די קריסטן. היילט דאָך דער פאָטער די פּויערים, און זיי ברענגען אונדז אייער, פּוטער דערפאַר. און דער קריסט ד״ר שימאַנאָווסקי קומט יעדן טאָג אַריין, נאָכפרעגן זיך אויף דעם טאַטן. זיין זון גייט מיט מיר יעדן טאָג, דאָס עסן טראָגן אין דער וואַך. ער גיט מיר אָפּ דאָס געלט, וואָס דער טאַטע האָט אים געגעבן צו באַהאַלטן. ניין! עס איז נישט אמת! זיי ווילן אונדז נישט שלאָגן.

— אָבער דאָ קאָנט איר נישט זיין אַליין, איר מוזט צו אונדז מיטגיין.

— איך האָב נישט קיין מורא פאַר גויים, זאָלן זיי קומען, מיך וועלן זיי נישט שלאָגן. איך האָב זיי קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטוען, קיינמאָל נישט״.

אָט אין די נאַאיווע ווערטער איז אויסגעדריקט נישט נאָר דער געפיל פון אַ נאַאיוו, אומשולדיק מיידל, נאָר אויך פון אַשן, אים האָט אויך געמאַטערט די פראַגע: פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָלן די גוים אונדז שלאָגן?

די אומזיסטע שנאה, פון גויים צו יידן, האָט אַשן געמאַטערט אין אַלע זיינע ווערק.

אַש שילדערט ווי מישאַ און ראַכעל, אַ טייל פון דער יוגנט, וואָס איז באַהערשט געוואָרן פון דעם אידעאַל, צו בויען אַ יידיש לאַנד, פאָרן קיין ארץ ישראל.

מישא איז אָבער נישט צופרידן צו זיין אייגער פון אַ קליינע גרופּע אידעאַליסטן. ער וויל זיין דאָרט ווי דאָס פאָלק איז. ער פאָרט מיט ראַכעל קיין אַמעריקע, וווהין די מערסטע יידן פאָרן.

אויפן וועג, שטאַרבט די אידעלע ראַכעל.

מישא פאָרט צוריק אין זיין שטאָט אַריין און באַשליסט זיך צו באַזעצן אין „ראָוו״ אַ פאַרשטאָט וו עס ווינען די אָרעמע און דערשלאָגענע. עס ציט אים צו זיי, ער וויל לערנען זייערע קינדער. ער ווערט אַ מלמד.

אש האָט אין „דער וועג צו זיך״ געוויזן, ווי אידעאַליסטיש עס איז

די יידישע יוגנט, וואָס טראַכט נישט וועגן אייגענע מאַטעריאַליסטישע דער־גרייכונגען; וואָס איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אן אידעאַל.

אַש האָט שוין אין זיינע ערשטע ראָמאַנען געוויזן זיינע גרויסע פּאָעי־קייטן. ער שילדערט דאָס יידישע לעבן מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און איג־טעליגענץ. מיט אַ ליבשאַפט, וואָס איז נישט צו געפונען ביי אַנדערע יידישע שרייבער.

דער לייענער ווערט איבעראַשט פון אשס ידיעות, וועגן דער קונסט פון מאַלעריי, ווען ער לייענט ווי אַש שילדערט דאָס לעבן פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע אין פּעטערבורג.

די ראָמאַנען „מערי" און „דער וועג צו זיך" האָבן אַשן געגעבן אַפיר אַוועק אַ סך ווייטער, ווי עס האָבן געקאָנט גיין די קלאַסיקער, מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ.

3. מאָטקע גנב

„מאָטקע גנב", געשריבן אין יאָר 1917, איז געווען אַ גרויסער דער־פאָלג אַלס דערציילונג און אַלס דראַמע.

עס איז געווען אַ צייט, ווען דער אונטערוועלט מענטש איז געוואָרן אַ וויכטיקע פיגור אין דער ליטעראַטור. אין דער רוסישער, פראַנצויזישער און אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָט מען זיך געגריבלט אין דער נשמה פון דעם אונטערוועלט־מענטש.

ביי די גרויסע אייראָפּעאישע פעלקער זענען אַזעלכע טיפּן אינטערע־סאַנט. אַ טייל קומט פון העכערן געבילדעטן קלאַס, וואָס זיינען דורכגעפאַלן אין לעבן און זיינען אַרונטער צום אונטערוועלט קלאַס. דאָסטאָיעווסקיס שכו־רים און מערדער זיינען ביז גאָר אינטערעסאַנטע טיפּן. ראַסקאָלניקאָוו פון „פאַרברעכן און שטראָף" איז אַ סטודענט פון די העכערע קלאַסן.

ביי יידן האָט מען, נישט נאָר געהאַלטן זיך פונדערווייטנס פון זיי אין לעבן, נאָר מען האָט נישט געוואָלט וויסן פון זיי, אויך אין דער ליטעראַטור. אין בעסטן פאַל האָט אַזאַ טיפּ געקאָנט זיין אַ זייטיקער עפּיזאָד, אַ מענטש, וואָס עקזיסטירט און מען שטויסט זיך אַמאָל אָן אין אים. מען זאָל אַזאַ טיפּ שילדערן, פון דער צייט, וואָס ער ווערט געבוירן ביז ער ווערט פאַרשווונדן, האָט אויסגעזען ווי אַן אוממעגלעכקייט. מען האָט די מענטשן פאַראַכטעט און איגנאָרירט.

שלום אַש

אַש האָט אויסגעפונען גוטס אין די מענטשן, ער האָט זיי נישט איגנאָ־רירט, ער האָט רחמנות געהאַט אויף זיי. ביי אים זיינען די מענטשן נישט אַליין, אין זיך, פאַרדאָרבן, זיי ווערן עס, צוליב די אומשטענדן, אין וועלכע יידן מוזן לעבן.

אין 1917 איז אַרויס די ערשטע אויפלאַגע פון „מאָטקע גנב". דאָס בוך איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין גאָר אַ גרויסער צאָל, מען האָט עס איבער־געדרוקט צענדליקער מאָל. ווען עס איז דערנאָך דראַמאַטיזירט און אויפגע־פירט געוואָרן אין טעאַטער איז עס געווען אַ ריזיקער דערפאָלג.

אין „מאָטקע גנב" ווערט דערציילט דאָס לעבן פון אָפּגרונט, דאָס לעבן פון גנבים, פּרויען־הענדלער, ציגיינער. דער אָפּגרונט איז אינטערנאַציאָנאַל, דער נאַציאָנאַלער אונטערשיד ווערט כמעט ווי אָפּגעווישט, ייד, גוי, אַלע לעבן גלייך. דער אונטערשיד איז אין כּוח, האָסט מער כּוח, ביסט שטאַרקער, ביסטו אַ יחסן.

מאָטקע גנב איז שטאַרקער פון אַנדערע, שטאַרקער אין פּשוטן כּוח און אויך אין מוט, דערפאַר דערגרייכט ער כמעט אַלץ וואָס ער וויל.

מאָטקע גנב, וואָס איז באַגאַנגען אַלע פאַרברעכנס אין דער וועלט, אַפילו אַ מאָרד איז אַ ייד. און עפּעס האָט ער געירשנט פון זיין שטאַם, פון וועלכן ער קאָן זיך נישט באַפרייען — ער וויל אַ ריין פאַמיליען לעבן.

ער פאַרליבט זיך אין חנהלע אַן אידעלע, כשרע יידישע טאָכטער. צו־ליב איר רייסט ער איבער מיט זיין פאַרברעכערישע פאַרגאַנגענהייט. און ער דערגרייכט וואָס ער וויל, חנהלע ווערט זיין כּלה.

מאָטקע, וואָס איז שוין באַגאַנגען אַלע פאַרברעכנס, אַפילו אַ מאָרד, מוז אָבער זיין ערלעך צו זיין כּלה און דערציילט איר וועגן דעם מאָרד, וואָס ער איז באַגאַנגען.

פאַר אָט דער ערלעכקייט זיינער, פאַר דעם ווילן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שום פלעק אין זיין פאַמיליען לעבן, באַצאָלט ער מיט זיין לעבן.

כאָטש מען ווייסט נישט, וואָס עס ווערט דערנאָך פון מאָטקע גנב, פאַרשטייט מען, אַז זיין לעבן האָט ביי אים פאַרלוירן יעדער ווערט.

זייער איינדרוקספול איז, ווי אַש שילדערט דאָס יידישע ציגיינער־לעבן — דאָס לעבן פון די קאָטערינשטשיקעס און דאָס אונטערוועלט־לעבן.

טיף מענטשלעך און רירנד איז ווי אַש שילדערט דאָס רחמנות, וואָס מאָטקע ווייזט אַרויס צו אַ קינד אַ קאַליקע.

„מאַטקע גנב" איז אַן אינטערעסאַנט בוך. אין טייל שילדערונגען ווייזט אַש אַרויס גאָר אַ גרויסן קינסטלערישן כוח.

אַש האָט געזען, אין דעם נידעריקסטן סאָרט ייד, טיפע מענטשלעכקייט און צוגעבונדנקייט צום יידישן שטאַם.

אין „מאַטקע גנב" ווי אין „גאָט פון נקמה" ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון דער אינטערוועלט, די יידישע אינטערוועלט, נאָר אין אַ פיל גרע־סערן פאַרנעם.

דער יידישער אינטערוועלט־מענטש מאָטקע גנב איז אַ קינד פון די אומשטענדן. דאָס זיינען די יידישע צרות, די רעכטלאָזיקייט און אָרעמקייט וואָס האָבן אים געפּירט אויף דעם שלעכטן וועג. אין גרונט האָט מאָטקע גנב, אַ סך איידלקייט אין זיך. ער, ווי אַלע אַנדערע יידן איז צוגעבונדן צו זיין שטאַם.

4. די מוטער

איינע פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן ביי יידן איז געשעען אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט: דאָס איז די יידישע עמיגראַציע פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. ווען נישט די עמיגראַציע, איז שווער צו זען ווי אַזוי יידן וואָלטן געקאָנט אויסהאַלטן די לעצטע געשעענישן און ווייטער אָנגיין מיט זייער לעבן.

אַלץ וואָס עס איז געשען די לעצטע צייט, לטובת די יידן איז דירעקט און אומדירעקט אַ דאַנק די יידן אין אַמעריקע.

קודם דער באָדן, וואָס אַמעריקע האָט געגעבן צו די יידן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. די יידן אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד זיינען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן באָדנלאָז, זייער מאַטעריעלער עקזיסטענץ איז פאַרניכטעט געוואָרן; אין פּוילן דורך דער האַלב פאַשיסטישער, נאַציאָ־נאַל־פּוילישער רעגירונג, אין רוסלאַנד דורך דער רעוואָלוציע. די יידן האָבן פאַרלוירן די מעגלעכקייט צו קאָנען פאַרדינען אויף ברויט. דאָס פאָרן קיין אַמעריקע איז געווען פאַרבונדן מיט ראַטעווען זיך פון אַ הונגער טויט.

דער איינפלוס פון די אַמעריקאַנער יידן אין אַמעריקע איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט געווירקט אויף פּרעזידענט טאַפט, ער זאָל אָפּברעכן די באַציאונגען מיט רוסלאַנד, ווייל די רוסישע רעגירונג האָט געמאַכט אויס־

שלום אַש

נאָם געזעצן קעגן אַמעריקאַנער יידן. דער איינפלוס פון די אַמעריקאַנער יידן אויף דער ענגלישער רעגירונג אַרויסצוגעבן די „באַלפור דעקלאַראַציע" איז געווען גרעסער ווי דער איינפלוס פון יידן אין אַנדערע לענדער.

די מאַטעריעלע שטיצע פון די אַמעריקאַנער יידן, כיי אין כלל, דורך געזעלשאַפטן, סיי אין פּרט, דורך אינדיווידועלע שטיצע, איז גאָרנישט אָפּצושאַצן.

אַפילו איצט, ווען יידן האָבן שוין אַן אייגן לאַנד, ווי וואָלט דאָס לאַנד אויסגעזען אָן דער מאַטעריעלער און פּאָליטישער הילף פון די אַמעריקאַנער יידן.

די עמיגראַציע קיין אַמעריקע איז געווען די גרעסטע געשעעניש אין דער געשיכטע פון יידן אין דער מאָדערנער צייט, עס האָט מעגלעך געמאַכט דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק.

דער איבערגאַנג איז נישט געווען קיין לייכטער, יידן זיינען געווען איינגעוואָרצלט אין אייראָפּע. דאָס אַרויסרייסן זיך פון דער אַלטער היים און זיך איינפלאַנצן אין דעם נייעם אַמעריקאַנער ישוב איז אָנגעקומען זייער שווער. עס איז געווען פאַרבונדן מיט ביטערע איבערלעבונגען און מיט גרויסע טראַגעדיעס.

קיינער האָט ניט אַזוי געטריי, אַזוי ריכטיק און מיט אַזוי פיל ליבע געשילדערט דעם איבערגאַנג, ווי עס האָט עס געטון שלום אַש.

אַש האָט דעם איבערברוך געשילדערט אין אַ סך פון זיינע ווערק, איבערהויפּט אין „אָנקל מאָזעס" אין „קיין אַמעריקע" און אין „די מוטער", געשריבן אין יאָר 1925.

אַש האָט אַ טיפע פאַרערונג און גרויס ליבע צו דער מוטער־קאָמפּלעקס. ער זעט גרויסקייט און הייליקייט אין דער מוטער, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו טראָגן אין זיך די קומענדע דורות, די צוקונפט; וואָס טראָגט אויך אין זיך אַ גרויס ליבשאַפט און אַן אָפּפערווייליקייט פאַר דעם נייעם דור וואָס זי ברענגט.

די מאַמע שרה רבקה אין „די מוטער", איז ווי רחל לאה אין „פאַרן מבול", די נשמה פון דעם הויז געזונט. אָן איר וואָלט אַלץ אונטערגעגאַנגען. שרה רבקה, די מאַמע, שטייט אויף דער וואַך ביז דער לעצטער מינוט. ווען עס קומט די לעצטע מינוט רייסט זי זיך מיט אַלע כוחות אַרויס פון בעט און וויל עפּעס טון פאַר די קינדער, פאַר דעם מאַן, נאָר זי קאָן שוין מער נישט; זי פאַלט אַוועק און קאָן זיך מער פון בעט נישט אויפהייבן. איר לעבן

האָט זי געבברענגט אַ קרבן פאַר איר מאַן, פאַר אירע קינדער, פאַר דער פאַמיליע.

דער אויפן, ווי אַזוי אַש שילדערט דעם טאַטן, דעם בעל קורא; דער פרומער ייד, וואָס ווערט אין ניו־יאָרק אַ פאַבריק־אַרבעטער; ווי אַזוי די מאַמע, טראָגט דעם גאַנצן עול, און ווי די קינדער פאַסן זיך צו צום נייעם לאַנד, דעם טראַגישן איבערברוך, וואָס מען מוז מאַכן, ווייל קיין אַנדער אויס־וועג איז נישטאָ, איז זייער רירנד. עס קאָן אַרויסרופן טרערן ביי דעם קאַלטסטן מענטש.

מיט דעם טויט פון שרה רבקה די מוטער, ווערט דאָס בוך נישט געענ־דיקט. די מאַמע איז טויט און די טאָכטער דבורהלע פאַרנעמט דאָס פּלאַץ פון די מאַמע. אין דעם ווייטערדיקן טייל ווערט געשילדערט די ליבע און דאָס טראַגישע לעבן פון דבורהלע.

ניגער קריטיקירט אַשן. ער וואַרפט אים פאָר, אַז טעכניש איז דער ראָמאַן נישט גוט צוזאַמענגעשטעלט, ווייל דער ראָמאַן האָט זיך באַדאַרפט ענדיקן נאָך דעם טויט פון דער מוטער.

ניגער וואָלט געווען גערעכט, ווען אַש וואָלט געוואָלט שילדערן איין מוטער מיט דעם נאָמען שרה רבקה. אָבער אַש האָט נישט געוואָלט שילדערן איין מאַמע נאָר די מוטערלעכקייט, וואָס ווערט דערנאָך פאָרגעזעצט דורך דבורהלע.

דבורהלע איז יינג און ווערט די געליבטע פון דעם סקולפּטאָר בוכהאָלץ. איר ליבע איז אַ מוטערלעכע ליבע, זי איז אַזוי לאַנג מיט בוכהאָלצן, ווי לאַנג זי פילט, אַז ער נויטיקט זיך אין איר. ווען זי זעט, אַז עס איז דאָ אַן אַנדערע, וואָס קאָן מער אויפטון פאַר דעם מאַן, וואָס זי האָט ליב, גייט זי אַוועק פון אים.

נאָר אַ מאַמע קאָן אַזוי האַנדלען.

אַש ווייזט דעם קנופּ פון דורות, כאָטש אויסערלעך איז איין דור ווייט אָפּגעריסן פון אַנדערן, איז אָבער אינערלעך דאָ אַ טיפע פאַרבינדונג צווישן זיי.

די מוטער שטאַרבט. דאָס אייגנאַרטיק מוטערלעכע לעבט ווייטער איז די ווייטערדיקע דורות.

„די מוטער" איז איינע פון די וויכטיקסטע און פאַטעטישסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור. איינע פון די באַדייטנדסטע ווערק וועגן יידישן אימיגראַנטן לעבן אין אַמעריקע.

5. אַנקל מאָזעס

„אַנקל מאָזעס", געשריבן אין 1918, איז דער ערשטער ראָמאַן, וואָס אַש האָט געשריבן, וועגן די יידן, וואָס האָבן זיך שוין אַ ביסל איינגעלעבט אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן. עס איז דאָס לעבן פון אימיגראַנטן, וואָס די נויט האָט זיי געטריבן פון קליינעם יידישן שטעטל אין פוילן קיין ניו־יאָרק, דער גרויסער „שמעלץ־טאָפּ".

דאָס לעבן אין ניו־יאָרק איז אַזוי האַרט, אַזוי אומרחמנותדיק און אַזוי בײַזווילִיק צו די אימיגראַנטן אין יענער צייט, אַז דאָס קליינע שטעטל, פון וועלכן מען איז אַנטלאָפן, קוקט אויס ווי אַן אידיליע, מען בענקט דערנאָך.

אַלע זיינען דאָ גלייך, האָט ווער געמעגט האָבן געווען, דער גרעסטער יחסן אָדער אַריסטאָקראַט, עס איז נישט קיין אונטערשיד, אַלע זיינען גע־וואָרן אַרבעטער־שקלאַפן.

די אַרבעט נעמט צו די גאַנצע צייט. די אַרבעט איז שווער, די פאַר־דינסטן קליין, מען גיט אַוועק דאָס לעבן פאַר אַ שטיקל ברויט, ווי די שקלאַפן אַמאָל. מען שלאָגט נישט מיט קיין בייטש אָבער מען ווערט באַליידיקט און צעטראָטן ווי אַ וואָרעם, וואָס איז נאָך ערגער ווי געשלאָגן.

זייער שלעכט איז דעם אימיגראַנט, וואָס האָט נישט קיינעם; אָן אַ שפּראַך אין אַ פרעמד לאַנד, ווערט ער פאַרלוירן. די יידן פון קוזמין האָבן געהאַט אַן אַנקל, אַנקל מאָזעס. זיי האָבן געהאַט מזל, ווייל אַנקל מאָזעס האָט זיינע לאַנדסלייט אַ סך געהאָלפן; ער האָט זיי געבּרענגט קיין אַמעריקע, זיי אַריינגענומען אין זיין פאַבריק און אויך אַרויסגעהאָלפן ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

זיי אַרבעטן שווער ביי דעם אַנקל, זיי רופן אים טאַקע „פּרעה מלך מצרים". אָבער אָן דעם אַנקל וואָלט זיי געווען ערגער, דאָס ווייסן זיי און זיינען דאַנקבאַר.

דער אַנקל, וואָס גיט אַוועק זיין לעבן פאַר די „ביזנעס", כאַפּט זיך, אַז ער האָט זיך אַליין פאַרנאַכלעסיקט, ער איז אַליין, אָן אַ פאַמיליע; פאַר זיך, פאַר זיין אייגן פערזענלעך לעבן האָט ער גאָרנישט אויפגעבויט. ער פאַרליבט זיך אין אַ יינג־מיידעלע, אַ קינד נאָך. ער דענקט, אַז אין אַמעריקע, אויב אַ מענטש איז רייך, קאָן ער זיך אַלץ דערלויבן.

ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט — אין אַמעריקע קאָן מען מיט געלט אַ

סך אויפטוז, — און ער האָט דאָס אויסגעפירט: חתונה געהאַט מיט דעם יינגן מיידעלע. אָבער ווערן פון אַלט יינג קאָן מען אויך נישט אין אַמעריקע, אַפילו ווען מען איז רייך. ער געפינט אויס, אַז דאָס קינד, וואָס ברענגט אים אַזוי פיל גליק, איז נישט זיין קינד.

גרעסער ווי דעם אָנקלס טראַגעדיע איז די טראַגעדיע פון דעם מיידעלע, מאַשע זיין ווייב, וואָס איז מקריב איר לעבן פאַר איר משפחה. זי האָט רחמנות אויף דעם טאַטן, אויף דער מאַמען, אויף די שוועסטער און ברידער. פאַר גרויס רחמנות צו זיי ווערט זי אַ קרבן און האָט חתונה מיט אָנקל מאָזעס.

נאָך גרעסער איז געווען די טראַגעדיע פון די יידן, וואָס האָבן זיך אין אַמעריקע נישט געקענט איבערברעכן. די נויט, די שקלאַפעריי, וואָס האָט געטריבן צו דערנידערונג האָט זיי אינגאַנצן צעבראָכן. די שווערע אַרבעט האָט אַ סך אימיגראַנטן, אין יענער צייט, פאַרקירצט די יאָרן. אַנדערע שטאַרקערע, מוטיקע און פעאיקע האָבן זיך גוט איינגעלעבט אין נייעם לאַנד און זיינען געווען צופרידן, וואָס דאָס לאַנד האָט זיי געגעבן גרויסע מעג־לעכקייטן. אַ סך פון זיי האָבן זיך אין אַ קורצער צייט גוט ארויפגעאַרבעט. אַזוי ווי אָנקל מאָזעס.

אין דעם בוך זיינען דאָ וווּנדערלעך געמאָלענע בילדער, וואָס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק. איך ווייס נישט צי עס איז דאָ נאָך אַ שרייבער אין דער וועלט, וואָס האָט אַזוי מייסטערהאַפט איבערגעגעבן די טומלדיקע אַט־מאָספערע אין „קוני איילאַנד" און די רוישענדיקע באַוועגונג אויף דער ברוק־לינער בריק, ווי אַש.

אַש ווייזט אַרויס אַ טיפן פאַרשטאַנד צו באַנעמען סאָציאַלע סיטואַציעס עס איז מערקווירדיק ווי אין בוך ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק, דורך טשאַלי דעם סאָציאַליסט, אַז צו דערלויבן צופיל פרייהייט דעם קאַפּיטאַליס־טישן קלאַס איז נישט קיין גוטע דעמאָקראַטיע, — דאָס וואָס איז מיט יאָר, שפּעטער אָנגענומען געוואָרן פון רוזוועלטן און פון די „ניי דילער".

אַש לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון שיינע פראַזן און פון גלאַט טעאָריעס. ער שילדערט דעם קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט מיט טיפער פאַר שטענדניש און גרויס געפיל.

די אימיגראַנטן אין אַמעריקע האָבן אין אַשן געפונען דעם גרויסן קינסט לער, וואָס האָט טריי געשילדערט זייער לעבן און זייערעליידן. ער איז נישט געווען בלויז אַ מאָלער אַ שילדערער, ער האָט מיטגעלעבט מיט זיי; זייער טרויער איז געווען זיין טרויער און זייער פרייד איז געווען זיין פרייד.

6. דער מבול

מיט דער טרילאָגיע „פאַרן מבול״, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1929 — 1932 איז אַש געוואָרן אַ וועלט באַרימטער נאָוועליסט פריער אַז ער געווען בלויז, אַ גרויסער יידישער שרייבער, אַ קינסטלער, וואָס קאָן זייער גוט שילדערן דאָס יידישע לעבן.

אין דער טרילאָגיע האָט אַש געשילדערט אַ פּעריאָדע: די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און די רוסישע רעוואָלוציע; ווי אַזוי יידן האָבן עס דורכגעלעבט און וואָס פאַר אַן אָנטייל זיי האָבן גענומען. אין דעם ראָמאַן ווערן געשילדערט אויך מענטשן פון אַנדערע פעלקער, איבערהויפּט דער רוסישער מענטש.

עס איז נישט אַזוי לייכט זיך צו דערגרונטעווען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון רוסישן מענטש, וואָס קאָן מאַכן פּאָגראָמען און אַוועקגעבן זיין לעבן פאַר אַן אידעאַל. די רוסן קאָנען זיין שקלאַפן, בענטשן דעם צאַר, און קאָנען מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. אָט זיינען זיי ווילד, צוריקגעשטאַנען און פרימיטיוו און אין אַ קורצער צייט שטייגן זיי, אין דער וויסנשאַפט, אַריבער אַמעריקע; באַשאַפן אַ לבנהלע, וואָס אַמעריקע האָט נאָך נישט געהאַט.

די גרויסע רוסישע שרייבער, וואָס האָבן געשילדערט דעם רוסישן מענטש, זיינען אַליין געווען אַזוי מיסטעריעז און אַזוי קאָנטראַסטיש, ווי די אַנדערע רוסן — און עס איז נישט אַזוי לייכט זיי צו באַנעמען. מען זאָל קאָנען, ווי עס איז, פאַרשטיין דעם רוסישן מענטש, האָט אים באַדאַרפט שילדערן איינער, וואָס איז נישט קיין רוס, וואָס קאָן זיין אָביעקטיוו. אַש האָט עס געטון מיט גרויס טאַלאַנט. זיין שילדערן די רוסן און יידן, אין דער אַטמאָספערע, פאַר און בשעת די רעוואָלוציע, האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק.

דער ייד אַש, וואָס איז אַליין מיסטעריעז געאייגנט, האָט געקאָנט גוט באַגרייפן די מיסטעריעזקייט פון רוסישן מענטש.

די וועלט האָט אויפגענומען אַשס „טרילאַגיע״ ווי אַן עפּאָכע־מאַכנדיק ווערק, וואָס איז וויכטיק פאַר דער געשיכטע.

די וויכטיקייט פון דער „טרילאַגיע״ האָט אַוועקגעשטעלט אשן אין דער רייע פון יענע שרייבער, וואָס זיינען ראוי צו קריגן דעם נאָבעל־פּרייז.

די „טרילאַגיע״ האָט די יידישע ליטעראַטור אריינגעבראַכט אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור.

היסטאָרישע ווערק:

אַש האָט געהאַט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך די צייטן פון אַמאָל, די צייטן פון דער ביבל און ליב געהאַט צו שרייבן אויף ביבלישע מאָטיוון. ער האָט געשריבן „מעשהלעך פון חומש", די דראַמעס „יפתחס טאָכטער", „אמנון און תמר" און איבערזעצט די רות אידיליע.

אַש האָט זיך פאַרנומען צו שילדערן דאָס יידישע לעבן אין דער גאַנצע ברייטקייט, פאַרצווייגטקייט און טיפקייט. יעדער ראָמאַן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן איז געווען פון גרויסן פאַרנעם, מיט דער כוונה צו שאַפן אַ וועלט־ראָמאַן.

דאָס האָט ער דערגרייכט מיטן זיין „מערי", „פון אַמאָל", דער ווע צו זיך, „מאָטקע גנב", „די מוטער", „אָנקל מאזעס", „ביים אפגרונט", אי בערהויפט מיט זיין טרילאָגיע „פארן מבול".

אַש האָט זיך דערגראָבן צו די סאַמע טיפסטע ווינקעלעך פון יידיש לעבן. ער האָט געוויזן, ווי שיין און אַפּגעהיט עס איז דאָס יידישע לעבן אין דער סאַמע מיאוסטער סביבה. ער האָט געוויזן דעם יידישן כוח, וואָס ברעכט זיך נישט אונטער די שטאַרקסטע קלעפּ. דער ייד קאָן זיך בייגן, שטאַרק בייגן, אָבער ער ברעכט נישט צוזאַמען.

אַש האָט געפילט, אַז יידן פאַרמאָגן אַ גרויסן כוח, אַן איבערנאַטיר־לעכן כוח.

פון וואַנען נעמט זיך צו זיי אַזאַ כוח? פון וואַנען נעמט זיך כוח צו די יידן פון שטעטל בייצושטיין די רדיפות און פאַרפאָלגונגען פון די גויים אַרום און פון די אַנטיסעמיטישע רעגירונגען? פון וואַנען נעמט זיך כוח צו די יידן אין ניו־יאָרק, אין בוענאָס איירעס, און אין אַנדערע שטעט אין אַמע־ריקע, נישט פאַרשמאָלצן צו ווערן אין דעם שמעלץ־טאָפּ, ווי אַלע אַנדערע פעלקער ווערן אַזוי געשווינט פאַרשמאָלצן? פון וואַנען האָט זיך גענומען

שלום אַש

אַזאַ הערלעך געזאַנג „אין טאַל", וואָס איז געווען אין געפאַר פון אַראַבישע מערדער, ענגלישע מאַכט אינטערעסן און מאַלאַריע?

אַש האָט געוווסט, אַז דער כוח האָט זיך נישט אָנגעהויבן אין שטעטל, נישט אין וואַרשע אָדער ניו־יאָרק און אויך נישט אין „טאַל". ער האָט זיך אָנגעהויבן לאַנג, לאַנג צוריק, אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט.

ער האָט אויסגעדרייט זיין פּנים און אָנגעהויבן גיין צוריק, צוריק צו דעם אַמאָל. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף היסטאָרישע טעמעס.

אַש האָט זיך גענומען אויף דעם וועג ווען ער איז נאָך געווען זייער יינג, איידער ער האָט געשריבן זיינע גרויסע נאָוועלן.

1. שבתי צבי

דאָס ערשטע וויכטיקע ווערק אויף אַ היסטאָרישע טעמע איז געווען זיין דראַמע „שבתי צבי", געשריבן אין יאָר 1908.

עס איז געווען אין מיטן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, לאַנג נאָך דער צייט פון די „קרייציגע", ווען טויזנטער יידן זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן, נאָך דער צייט פון דער שוואַרצער מגפה, וואָס האָט געקאָסט אַ סך יידישע לעבנס, אויך לאַנג שוין נאָכדעם, ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון שפּאַניען, איז די לאַגע פון די יידן געווען אַזוי שלעכט, אַז עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז נישטאָ קיין רפואה פאַר יידן, זיי זאָלן קאָנען בלייבן לעבן און וויטער עקזיסטירן.

דאָס לעבן אין גלות איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, די יידן האָבן עס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

דאָס קומען פון משיח — אויף וועמען יידן האָבן אַזוי לאַנג געהאָפט — איז געוואָרן געוואַלדיקע נויטווענדיקייט.

דעמאָלט האָט זיך באַוויזן שבתי צבי.

ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סמירנא, טערקיי. אין ירושלים האָט ער זיך באַוויזן, ווען ער איז אַלט געווען אַכט און צוואַנציק יאָר. ער האָט שוין געהאַט צוויי מאָל חתונה געהאַט און גע'גט. ער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ משיח, וואָס איז געקומען אויסלייזן יידן פון גלות, און איינעם אַ ייד, נתן עזתי האָט ער געמאַכט פאַר זיין נביא.

די נייעס וועגן דעם משיח האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פייער. עס האָט

פּאַרכאַפּט יינג און אַלט. מאַסן יידן האָבן אויפגעגעבן זייער באַשעפטיקונג אַלץ פאַרקויפט און זיך געגרייט צו גיין קיין ארץ ישראל, צו משיחן. צוליב דער שלעכטער לאַגע פון די יידן, אין יענער צייט, איז די שבתי צבי באַוועגונג געוואָרן אויפגענומען מיט גרויס פריידן, אומעטום ווו יידן זיינען געווען.

דריי יאָר האָט אָנגעהאַלטן די באַוועגונג; וואָס טייל שרייבן וועגן יענער צייט, אַז עס האָט אריינגעוואָרפן די יידן אין אַ משוגעת.

די היסטאָריקער זיינען נישט זיכער, צי שבתי צבי האָט טאַקע באמת געמיינט, אַז ער איז משיח. אָדער ער איז געווען אַ שווינדלער.

דער כּוף איז געווען מען האָט אים אַרעסטירט. און אַזוי ווי זיין לעבן איז געווען אין געפאַר האָט ער זיך געשמדט.

דער קריזיס, וואָס די שבתי צבי באַוועגונג האָט געשאַפן, האָט געקאָנט ווערן זייער פאַטאַל, ווייל עס זיינען געווען וויכטיקע יידישע פירער, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג. דער כּוח פון יידישן אויסדויער, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן צו זיין זייער שטאַרק, די געפאַר, פון דער שבתי צבי באַוועגונג, איז אַריבער כמעט אָן שאָדן.

אָט דעם וויכטיקן דראַמאַטישן מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע האָט אַש אויפגענומען אין זיין דראַמע „שבתי צבי״.

אַש איז נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט געשריבן די דראַמע, געווען יינג. ער איז אַלט געווען זיבן און צוואַנציק יאָר. שוין דעמאָלט האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ קאָנפליקט, צווישן אַ געטלעכקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם מענטש, און אַ מענטשלעכקייט, וואָס וויל זיך באַפרייען פון דער געטלעכקייט; וואָס פירט דערצו, אַז דער מענטש, אונטער דעם דרוק פון דער שווערער משא פון אומשטענדן, וואָס איז אָפט פאַרבינדן מיט גרויס געפאַר, זאָל פאַלן אַן אומבאַשיצטער און אַ פאַרלאָרענער; ווי עס איז געשען מיט שבתי צבי.

אין דער שבתי צבי באַוועגונג האָט אַש געזען פאַר די יידן אַ גרויס געפאַר, וואָס האָט געקאָנט פירן צו אונטערגאַנג. עס איז געווען אַ צייט פון אַ גרויסן נסיון, און די יידן זיינען דעם נסיון בייגעקומען.

שבתי צבי פאַלט, ווייל ער האָט פאַרלוירן זיין גלויבן, אָבער די יידן, אַפילו זיינע נאָכפאָלגער, פאַלן נישט, זיי האָבן זייער גלויבן נישט פאַרלוירן. אין זיי לעבט די געטלעכקייט, אַן אייביקער פייער, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט.

אַש איז נאָך דעמאָלט געווען צו יינג, ער האָט נאָך נישט געהאַט דעם כוח צו באַנעמען די טראַגישע איבערלעבונג פון יענער מיסטעריעזער משיח־באַוועגונג. אַש איז נאָך אויך נישט געווען גענוג באַהאַוונט אין דער טעכניק פון סצעניששער אין דראַמאַטישער סיטואַציע־שילדערונג. עס איז דערפאַר אַרויסגעקומען אַ טעאַטראַליש־שוואַכע דראַמע און אַ ליטעראַריש־איבער־פלעכלעך ווערק.

ער האָט זיך דערביי נישט אָפּגעשטעלט; זיין ווילן צו קוקן צוריק, ווייזן ווי אַזוי יידן האָבן אַמאָל געלעבט און ווי אַזוי זיי האָבן באַקומען כוחות, וואָס זאָל זיי שטאַרקן אויך היינט, האָט פאַרכאַפּט זיין גאַנץ געמיט.

אַשס כוחות זיינען געווען גרויסע. דאָס טעאַטער, די סצענישע גרע־בעצן האָבן אים געצאַמט. ער האָט זיך נישט געפילט פריי צו שרייבן פאַר דער בינע, וואָס מוז זיך פאַרהאַלטן ביי דער ראַמפּע.

ער האָט נישט געהאַט קיין חשק און זעלטן געשריבן אין דער דראַמאַ־טישער פאָרם. די אַלע טעאַטער־זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דער־פאָלג אויף דער בינע האָט אַש נישט געשריבן פאַר דער בינע, דאָס זיינען אַ טייל פון זיינע נאָוועלן באַאַרבעט און צוגעפּאַסט געוואָרן פאַרן טעאַטער. פאַר דעם קומט אַ גרויסן דאַנק דעם שוישפּילער מאָריס שוואַרץ.

2. קדוש השם

אין „קדוש השם", געשריבן אין 1920, האָט אַש באַוויזן דעם גרויסן כוח פון יידן, אַ כוח וואָס האָט זיי אויפגעהאַלטן ביז היינט, דאָס איז דער כוח זיך מקריב צו זיין, דער כוח פון קדוש השם.

אין דער צייט, ווען באָגדאַן כמעלניצקי, דער אוקראַאינער פירער האָט געקעמפט קעגן די פּאָליאַקן, איז פאָרגעקומען אַזעלכעס, וואָס דער וואָס דער־ציילט עס, ר' נטע האַנאָווער, זאָגט „איך קאָן נישט דערציילן אַלץ וואָס איך ווייס, כדי איך זאָל נישט פאַרשעמען דעם מין מענטש".

דאָס וואָס יידן האָבן געליטן אין יענער צייט — וואָס מען רופט „גזירת ת"ח — איז געווען דאָס ערגסטע, וואָס יידן האָבן ביז דעמאָלט געליטן. עס איז געווען אַ פינצטער בלאַט אין דער יידישער געשיכטע.

די פּאָליאַקן האָבן פאַרראַטן די יידן, וואָס האָבן געהאַט מיט זיי אַן אָפּמאַך צו קעמפן צוזאַמען. די אוקראַאינער הײדאַמאַקעס האָבן מיט משוגע־

נער לוסט געמאַטערט און געמאָרדעט די הילפלאָזע יידן. יידישע פרויען האָבן — אום נישט פאַראומרייניקט צו ווערן פון די קאָזאַקן — זיך אַליין אַ מיתה אָנגעטון.

אין פאַרגלייך מיט דעם ווילן, אויפצוהאַלטן די יידישע אייגנאַרטיקייט, האָט דאָס לעבן נישט געשפּילט קיין ראָלע, מען האָט זיך געאָפּפערט פאַר דער ריינקייט פון דער משפּחה.

אַש האָט, אין זיין בוך „קדוש השם", אַרויסגעבּרענגט ביידע זאַכן: אי די ריינקייט, די דערהויבנקייט און אָפּפערוויליקייט פון די יידן, אי די געפאַלנקייט, די אוממענטשלעכקייט און די משוגענע שנאה פון די גויים — די פּאָליאַקן און די אוקראַינער.

אַשן האָט אַלע מאָל געמאַטערט די פראַגע: פאַרוואָס אַזאַ ביטערע שנאה פון גוי צום ייד? זיכער איז אַש אויך געווען קעגן די שנאה פון ייד צום גוי.

אין „קדוש השם" זאָגט דער נעמיראָווער רב ר' יחיאל מיכל: — „אונדזערע הייליקע ספרים הייסן אונדז לעבן בשלום מיט די שכנים, מכל שכן נאָך מיט אַזעלכע שכנים, וואָס זיינען געפּלאָגט און געיאָגט פון זייערע נוגשים ונוטרים, זייער אמונה ווערט פאַרשעמט, זייער אמונה אין דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט. עס איז אַ מצווה מסייע זיי צו זיין, זיי זאָלן קאָנען דינען גאָט לויט זייערע וועגן. מיר יידן דאַרפן פילן און וויסן, וואָס עס הייסט גערודפט צו ווערן פאַר דער אמונה".

נאָך מיט פערציק יאָר צוריק, ווען אַש האָט געשריבן „קדוש השם" איז ער שוין געווען באַהערשט מיט אַ ווילן, אָפּצושוואַכן די שנאה צווישן גוי און ייד. דאָס איז געווען ביי אים אַן אידעאַל, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך זיין גאַנץ לעבן. אין אַלע זיינע ווערק, פון דעם „שטעטל" ביז זיין לעצטן בוך „דער נביא".

אין „קדוש השם" האָט אַש באַוויזן, אַז יידן זיינען נישט געגאַנגען אויף קדוש השם צוליב איין אַבסטראַקטן גלויבן אין אַ גאָט, נאָר צוליב אַ גלויבן אין מענטש, אין פאָלק, צוליב דער צוגעבונדנקייט, צו דער ריינקייט און העכערקייט פון יידישן לעבן. יידיש לעבן, יידיש פאָלק איז ביי אַשן נישט קיין אַבסטראַקציע; עס איז אַ דערגרייכונג צו העכערע ספערן, עס איז אַן איבערמענטשלעכע איינגעוואָרצלטקייט, וואָס איז שטאַרקער פון טויט.

אין יאָר ת"ח — די צייט וועגן וועלכע אַש שרייבט אין „קדוש השם", ווי אויך אין אַנדערע צייטן האָבן יידן, סיי פּשוטע, סיי וויל־געלערנטע, אַרויסגעוויזן גרויס גבורה — ביז גרייטקייט פאַר קרבנות — און נישט גע־

לאָזט זיך אַראָפּשלעפּן פון דער הויכער גייסטיקער מדרגה צו וועלכער זיי האָבן דערגרייכט.

אין „קדוש השם" האָט אַש געזען די אויסגלייטערטקייט פון יידן, די דערהויבונג, וואָס איז גרייט פאַר קרבנות.

אַש האָט אויך געוויזן, אַז די יידן, וואָס האָבן נישט קיין רחמנות אויף זיך, וואָס זיינען גרייט זיך אַליין מקריב צו זיין, האָבן אָבער רחמנות אויף אַנדערע יידן, וואָס זיינען אומבאַשיצט און הילפלאָז.

ווען די יידן האָבן ארומגערינגלט די פּאָליאַקן, און — „די עדה האָט זיך גערוקט נענטער און נענטער, אַריינגעמענדיק די פּאָליאַקן אין מיטן אַריין; טייל פון די יידן זיינען שוין געהאַט צוגעלאָפן מיט די חלפים צו די גוים; נאָך אַ מאָמענט און די שרעקלעכסטע שחיטה וואָלט געשען; האָט זיך פלוצים געהערט אַ רוף!

— יידן, בני ישראל! רחמנים בני רחמנים! וואָס טוט איר?... ישראל ערבים זה לזה! אַז איר וועט די גוים דאָ אויסהאַרגענען, וועלן די גוים נעמען אָן יידן נקמה אין אַנדערע שטעט.

דאָס האָט גערעדט דאָס הייליקע שניידערל, דער סימבאָל פון יידישן געוויסן.

די יידן פון טולטשין האָבן רחמנות געקריגן אויף די אַנדערע יידן, וואָס די פּאָליאַקן וועלן זיך אין זיי נוקם זיין, זיי האָבן אַוועקגעגעבן זייער געווער און געגאַנגען אויף קדוש השם. נישט פאַר אַן אַבסטראַקטן גאָט, נאָר פאַר אַ רעאַל לעבעדיק פאָלק האָבן זיי זיך מקריב געווען.

דאָס הייליקע שניידערל האָט געעפנט אַ געוועלבל. דאָס געוועלבל איז געווען ליידיק, מען האָט דאָרט קיין סחורה נישט געזען. ווען מען האָט אים געפרעגט: וואָס ער האָט צו פאַרקויפן, האָט ער געזאָגט „בטחון".

מיט דעם ענדיקט זיך דאָס בוך „קדוש השם".

קיינקונס אויף דער סחורה זיינען נישט געווען. די יידן זיינען געווען פאַרצווייפלט און האָבן קיין בטחון נישט געהאַט.

די שחיטות אין כמעלניצקעס צייטן האָבן אָפּגעשוואַכט און רואינירט די יידישע כוחות.

3. דער תהלים ייד

אַש האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און

געפונען דעם תהילים ייד, וואָס האָט באַדאַרפט ענטפערן אויף דער פראַגע, צו איז דאָ אַ כוח וואָס קאָן אַראָפּפירן דעם ייד פון זיין וועג, דעם וועג צו גאָט.

אין „תהלים ייד" געשריבן אין 1934 האָט זיך אַש פאַרטיפט אין דעם אויפגאַנג פון חסידות. עס איז געווען נאָך דער שבתי צבי באַוועגונג; דער ייד, דער למדן, דער תלמיד חכם האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיינע ד' אמות פון תורה און הלכה, ווו ער האָט זיך גייסטיק אויסגעלעבט. דער פּראָסטער ייד, דער פאָלקס־מענטש איז געבליבן ווי אויפן וואַסער. די האָפנונג אויף משיחן, אויף אַ דערלייזער איז אויסגערונען. אין זיינע אייגענע ד' אמות האָט ער זיך געפילט פאַרלוירן. דער שווערער עול, די פאַרגרעבטקייט, די האָפנונגסלאָזיקייט האָבן אים דערדריקט. זיין נשמה איז געווען אויסגעליידיקט און פוסט.

דער למדן, דער תלמיד חכם האָט אים אָפּגעשטויסן. דער פאָלקס־מענטש האָט אַליין נישט געקאָנטביישטיין די אויסערגעוויינטלעכע צעש־טערערישע כוחות פון דער סביבה און האָט אָנגעהויבן פאַלן. דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן צעריסן.

עס איז געווען אַ טראַגישער מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע; דאָס פאַלן פון דעם יידישן פאָלקס מענטש האָט געקאָנט פירן צו פאַנאַנדער־פאַל און אונטערגאַנג.

חסידיזם האָט געראַטעוועט די לאַגע.

חסידיזם האָט געשאַפן אַ נייעם טיפּ פירער, אַ רבי, וואָס איז אַליין גע־ווען אַ פאָלקס־מענטש; איינער, וואָס האָט נישט געשטעלט דעם טראָפּ אויף לומדות נאָר אויף גוטע מידות. דאָס האָט אריינגעברענגט אַ נייעם כוח אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק און געראַטעוועט דעם ייד.

אַש האָט דעם נייעם כוח ארויסגעברענגט אין איינעם פון די גרעסטע ווערק, וואָס איז דאָ אין דער יידישער ליטעראַטור, אין „תהלים ייד".

טרויעריק איז געווען די צייט נאָך גזירות ת"ח און נאָך די שבתי צבי באַוועגונג; אַלע יידישע האָפנונגען זיינען צעשטערט געוואָרן. די לאַגע איז געווען פאַטאַל. אַסימילאַציע האָט געפרעסן די עלעמענטן פון די העכערע קלאַסן. יאוש, פאַרגרעבטקייט און דעגראַדאַציע האָט געפרעסן דעם פאָלקס־מענטש.

אין דריי זאַכן האָט דער ייד זיך גענייטיקט, וואָס אָן דעם האָט ער ניט געקאָנט עקזיסטירן: אין רחמנות, אַביסל פרייד און האָפנונג.

דער חסידיזם האָט אים די אַלע דריי זאַכן געגעבן.

שלום אַש

שלום אַש האָט דאָס אויף אַ וווּנדערלעכן און קינסטלערישן אופן אַרויס־געבראַנגט אין „תהלים ייד". אַלץ וואָס ווער עס איז האָט געשריבן וועגן חסידים און חסידות, קוקט אויס בלאָס אין פאַרגלייך מיט דעם „תהלים ייד".

חסידות איז געקומען ראַטעווען דאָס פּראָסטע פאָלק. די פאָלקס־מענטשן האָבן דערפילט אין חסידות אַ גרויסן כוח, און זיי זיינען געוואָרן פאַרכאַפּט פון דער נייער חסידישער באַוועגונג. דער פאָלקס־מענטש, וואָס איז געווען עלנט און דערשלאָגן האָט דערזען אין דעם חסידישן רבין אַ פריינט אַ פאַר־זאָרגער, אַ געטלעכן מענטש מיט גרויסע כוחות. ער האָט געהאַט צו וועמען צו קומען און אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. ער האָט אויך געקאָנט קריגן ממשותדיקע הילף, פון די אַנדערע רייכערע חסידים, וואָס זיינען געקומען צום רבין צוליב זייער גייסטיקן עלנט.

דער רבי האָט באַדאַרפט פאַרשטיין און מיטפילן מיט די מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו אים. ער האָט זיי באַדאַרפט ליב האָבן, ווי אַ טאַטע זיינע קינדער. ער האָט באַדאַרפט זיין אַן אוהב ישראל. די מערסטע רביים זיינען דאָס געווען.

דער גלויבן אין רבין איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט געווירקט אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די חסידים, מען האָט געגלויבט דאָס דער רבי קאָן באַווייזן וווּנדער. דער שטאַרקער גלויבן האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דער רבי זאָל טאַקע באמת קאָנען וווּנדער באַווייזן.

די לומדים און תלמידי חכמים, מיט דעם ווילנער גאון בראש, האָבן באַקעמפט די חסידים מיט די חסידישע רביים; מען האָט זיי געלייגט אין חרם אריין. עס האָט אָבער גאָרנשט געהאָלפן. די חסידישע באַוועגונג האָט זיך צעשפּרייט ווי אַ פייער. עס איז געווען אַ פייער, וואָס האָט געברענט און גע־לויכטן; עס האָט אָנגעצינדן אַ ניי ליכט ביי יידן.

דער כוח פון דער חסידישער באַוועגונג איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס עס האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַריבערציען אויך די לומדים און תלמידי חכמים אויף זייער זייט.

די חסידישע באַוועגונג האָט געברענגט רחמנות. מען דאַרף רחמנות האָבן אויף דעם אָרעמען דערשלאָגענעם ייד און מען דאַרף אים העלפן.

דער רבי האָט אריינגענומען דעם דערשלאָגענעם ייד אין זיין שטיבל, אויסגעהערט אַלע זיינע צרות; מיטגעקרעכצט און מיטגעפילט מיט אים. דער ייד האָט דערפילט אַז ער איז נישט אליין, ער איז איינער פון אַ משפּחה,

און די אַלע חסידים, וואָס פאָרן צום זעלביקן רבין וואָס ער, זיינען זיין משפּחה.

חסידיזם האָט געבערענגט פרייד.

דער אָרעמער דערשלאָגענער ייד, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט זאָרג און מיט טרערן, איז געוואָרן פול מיט פרייד צווישן חסידים און ביים רבין. דאָס האָט געשאַפן דער כוח פון גלויבן, פון גלויבן אין רבין.

די מתנגדים וואָס האָבן באַקעמפט די חסידים האָבן חושד געווען, אַז עס איז אַ נייע שבתי צבי באַוועגונג. אָבער דאָס איז ז נישט געווען. די שבתי צבי באַוועגונג איז געווען אַ רעוואָלט קעגן די ביטערע אומשטענדן, אַ ווילן צו אַנטלויפן פון די צרות.

עס איז אָבער נישט געווען וווהין צו לויפן. די צייט פון דער גאולה איז נאָך נישט געהאַט געקומען.

די חסידישע באַוועגונג איז נישט געווען אַ באַוועגונג צו אַנטלויפן פון די צרות, וואָס מען האָט נישט געקאָנט, נאָר צו אַנטלויפן פון דער דערשלאָגנקייט, וואָס די צרות שאַפן.

מיט בטול צו די אויסערלעכע אומשטענדן האָט חסידיזם געשאַפן אַ ניי לעבן פאַר דעם אָרעמען דערשלאָגענעם ייד, אַ לעבן פון פרייד. דער חסידיזם האָט די צרות נישט אָפּגעשאַפט, אָבער די דערשלאָגנקייט, וואָס די צרות האָבן געשאַפן האָט ער יאָ אָפּגעשאַפט.

בטחון איז געווען דער גרויסער כוח, וואָס האָט אויפגעהאַלטן יידן צוויי טויזנט יאָר אין גלות. אָן בטחון, אָן האָפנונג וואָלטן יידן שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען.

די צרות, די פּאָגראָמען און שחיטות האָבן דערשלאָגן דעם ייד. די אינערלעכע צעריסנקייט האָט פאַראיינזאַמט דעם ייד.

די דערשלאָגנקייט און איינזאַמקייט האָבן אומגעברענגט דעם בטחון, די האָפנונג.

חסידיזם האָט צוריק געברענגט דעם בטחון. **דער חסיד האָט דערזען, אַז ער איז נישט אַליין, ער געהערט צום כלל, און אַ כלל גייט נישט פאַרלוירן. גאָט איז אַ גוטער, ער וועט העלפן און דער רבי איז אַ גוטער בעטער. די וועלט גייט נישט אונטער; עס זיינען דאָ האָפנונגען.**

דער רבי האָט געוואָרנט זיינע חסידים, אַז מען טאָר נישט פאַרלירן די האָפנונג.

און די יידן האָבן די האָפנונג נישט פארלוירן: די האָפנונג, אַז גאָט וועט העלפן.

די חסידישע באַוועגונג איז געוואָרן גרויס און שטאַרק. אַלע קעגנער האָבן געמוזט אויפגעבן זייער קאַמף. זיי האָבן געמוזט איינזען די גרויסע מעלות פון דער חסידישער באַוועגוג: זי האָט געשטארקט די אמונה און געברענגט פרייד צו די פאָלקס־מאַסן.

אַש ברענגט אַרויס אין „תהלים ייד", ווי נויטיק עס איז געווען פאַר יידן דער חסידיזם און ווי די חסידישע באַוועגונג האָט באנייט און אויפ־געלעבט דאָס יידישע לעבן.

די חסידישע פרינציפן זיינען נישט געווען אינגאַנצן ניי, זיי האָבן גע־שטאַמט נאָך פון די בעלי קבלה און פון די אַמאָליקע אסיים, זיי האָבן זיך גאָר שטאַרק אריינגעפאַסט אין דער נייער צייט, זיי האָבן געלערנט צו דינען גאָט מיט פרייד, ליב האָבן גאָט און ליב האָבן יידן, די שמחה פון איין ייד דאַרף זיין די שמחה פון אַלע יידן און די צרה פון איין ייד דאַרף זיין די צרה פון אַלע יידן. אַלע יידן זיינען גלייך, לומדים און נישט לומדים, דער עיקר איז דינען גאָט.

דער חסידיזם האָט אָפגעשאַפט די צעשפליטערונג צווישן אַריסטאָק־ראַטישע יידן און פראָסטע יידן. די חסידישע באַוועגונג האָט פאראייניקט די יידן.

אַש שרייבט וועגן יחיאל דעם תהלים ייד, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל: — „יעדער מענטשלעך אומגליק, יעדע לייד, יעדע נויט האָט זיין האַרץ צעריסן און געלעכערט, וואָרום דער קליינער יחיאל איז ווי פון אַ וואָלף געפרעסן געוואָרן פון זיין רחמנות געפיל, גלייך אין זיין קליינעם האַרץ וואָלט עפּעס געלעגן אַ מאַגנעט, וואָס האָט צוגעצויגן יעדע מענטשלעכע פּיין — דאָרט זיך צו מאַכן אַ נעסט און צו וואַרעמען זיך אין זיין מיטלייד פון די קאַלטע אַכזריות פון דער וועלט".

יחיאל האָט געהאַט אַ שוואַכן קאָפּ, ער האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי פארטיפן אין לומדות ווי אַנדערע, איז ער געוואָרן אַ תהלים ייד. יחיאל האָט געהאַט אַ גרויס האַרץ, ער האָט געהאַט רחמנות און מיטגעפיל צו דעם אָרע־מאַן, צום דערשלאָגענעם, דערפאַר האָט ער אַזוי ליב געהאַט דעם תהלים, וואָס גיט טרייסט צום דערשלאָגענעם.

אַש גיט איבער ווי יחיאל דער תהלים ייד הויבט זיך אויף שטופנווייז

ביז ער דערגרייכט צום תמצית פון יידישן ווילן; דאָס איז ליבע צום מענטש און ליבע צו גאָט.

דער תהלים ייד האָט אויך ספקות, אים מאַטערט דער „צדיק ורע לו", פאַרוואָס זאָל אַ צדיק ליידן? פאַרוואָס אַזוי פיל יסירים פאַר יידן? פאַרוואָס אַזוי פיל רשעות צום ייד? ער פאַרענטפערט און באַרואיקט זיינע מאַטערנישן מיט דעם אויסוועג פון יסירים באהבה.

אַש אליין און מיט אים דאָס יידישע באַוווסטזיין האָט דערגרייכט צו גאָר טיפע אַנטפּלעקונגען אין „תהלים ייד", ער איז צוגעקומען צום יידישן מקור.

4. די כשופמאַכערן פון קאַסטיליען

אין „די כשופמאַכערן פון קאַסטיליע" איז אַש ווייטער געגאַנגען, וויי־טער צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט, צוריק צום מיטלאַלטער, צו דער געטאָ און אינקוויזיציע.

ער איז געגאַנגען קיין רוים, וו עס האָט געלעבט דער שטעל־פאַר־טרעטער פון „יעזוס קריסטוס" אין וועמענס נאָמען עס זיינען באַגאַנגען גע־וואָרן די גרויזאַמקייטן פון דער אינקוויזיציע, אין וועמענס נאָמען מען האָט געוואָרפן יידן לעבעדיקערהייט אין פייער.

אין די „כשופמאַכערן פון קאַסטיליע" האָט זיך אַש דערנענטערט צו יענער צייט, ווען די גרונט־פּרינציפּן פון דער יידישער רעליגיע האָבן זיך, דורך דעם קריסטנטום, פאַרשפּרייט איבער דער וועלט. און ער האָט געזען, ווי מען ברענט אויפן פייער און מען מאַטערט אין די אינקוויזיציע־קאַמערן דאָס פאָלק, וואָס האָט גשאַפן די פּרינציפּן.

אין נאָמען פון דעם ייד וואָס פּרעדיקט רחמנות האָט מען ברוטאַל פאַר־פאָלגט דאָס פאָלק, פון וועלכן דער ייד שטאַמט.

אַש האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין און געפרעגט: פאַרוואָס ווערט אַזאַ פאַרברעכן באַגאַנגען? און צו מוז אַזאַ פאַרברעכן באַגאַנגען ווערן? ער איז געווען זיכער אין איין זאַך, אַז אַזאַ פאַרברעכן טאָר נישט באַגאַנגען ווערן.

ער האָט געזען, צוקוקנדיק צו די טאָג־טעגלעכע באַציאונגען צווישן ייד און גוי, אַז דער האַס צווישן זיי איז נישט נאָר אומגערעכט, נאָר אויך אומנאַ־טירלעך. עס איז איין אויפגעהעצטער און איינגערעדטער האַס.

אין „די כשופמאַכערן פון קאַסטיליע" שילדערט אַש די גרויסע פאַר־

ברעכנס, וואָס די אָנפירער פון דער קירכע זיינען באַגאַנגען קעגן די יידן. ער באַשרייבט דעם באַפעל וואָס דער פויבסט, פּאול דער פערטער, האָט אַרויסגעגעבן: אַז מען זאָל אונטערצינדן די רוימישע געטאָ און פאַרברענען אַלע יידן דאָרט. מיט גרויסע שוועריקייטן איז די גזרה אָפּגעשריגן געוואָרן. ווען עס איז דערנאָך פאָרגעקומען אַ פאַרפלייצונג זיינען טויזנטער יידן דער־טרונקען געוואָרן, ווייל מען האָט זיי נישט געוואָלט ראַטעווען.

עס איז מייסטערהאַפט, ווי אַש שילדערט, וואָס די יידן לעבן איבער, ווי זיי ראַנגלען זיך מיט דעם טויט, וואָס די קריסטן האָבן אויף זיי געבברענגט.

איבער דעם גאַנצן בוך שוועבט איין ברענענדיקע פראַגע: פאַרוואָס!!! פאַרוואָס קומט עס די יידן? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן די יידן געטון, וואָס די קריסטן האַסן זיי אַזוי?

5. דער מאַן פון נצרת

וואָס ווייטער אַש איז געגאַנגען צוריק אין דער געשיכטע, אַלץ נענטער איז ער געקומען צו זיין ציל — דער ציל פון זיין מיסיע.

אַשס מיסיע ווי שוין געזאָגט איז געווען אַ דרייפאַכע: צו ווייזן דער וועלט די טיפקייט און גרעכטיקייט פון יידישן לעבן — דאָס האָט ער געטון אין זיינע קורצע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס ער האָט געשריבן פון דעם לעבן פון די יידן אין זיין דור און אין „תהלים ייד". אין „קדוש השם" און אין „די כשופמאַכערן פון קאַסטיליע" האָט אַש באַוויזן, ווי גרויס עס איז די אומגערעכטע שנאה פון גוים צו יידן. די גרויסע ווירקונג וואָס די יידישע ציוויליזציע האָט געהאַט אויף דער וועלט, ווי פאַרברעכעריש עס איז די שנאה פון די קריסטן צו די יידן און וואָס פאַר אַ גרויסן חוב די קריסטן זיינען שולדיק צו די יידן, האָט אַש געוואָלט באַווייזן אין זיינגעפּלאַנ־טער טרילאָגיע:

„דער מאַן פון נצרת", „מערי" און דער „אַפּאָסטאַל".

ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם „מאַן פון נצרת".

אָבער דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן צרות, וואָס אַש האָט זיך גאָרנישט גערעכנט אויף זיי. אַשס ראָמאַנען האָבן זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס". ווען ער האָט אָנגעשריבן „דער מאַן פון נצרת" האָט ער עס אויך געשיקט צום „פאָרווערטס". מען קאָן דערפון דרינגען אַז אַשן איז עס אַפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז מען קאָן זיין ראָמאַן אויסטייטשן ווי אַנטי־יידיש, ווייל

אויב יאָ, וואָלט ער עס זיכער נישט צוגעשיקט צו דרוקן אין „פאָרווערטס״, ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן נישט דרוקן אַן אַנטי יידישן ראָמאַן אין אַ יידישער צייטונג.

אַש האָט געוווּסט, אַז ער האָט געשריבן אַ יידישן ראָמאַן וואָס האָט צו טון מיט דער צייט, ווען יעזוס האָט געלעבט. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט געמוזט שרייבן וועגן יעזוסן. זיין כוונה איז אָבער געווען נישט צו וויַיזן די קריסטלעכקייט אין יעזוסן, נאָר די יידישקייט אין אים — דאָס וואָס ער האָט פאַקטיש געטון.

אב קאהן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, האָט עס אָבער אַנדערש אויסגעטייטשט, ער האָט עס באַטראַכט ווי אַן אַנטי יידישן ראָמאַן און נישט געוואָלט אים דרוקן.

ווען עס וואָלט מער נישט פאָרגעקומען ווי נאָר דאָס, וואָס קאהן האָט נישט געוואָלט דרוקן דעם ראָמאַן אין „פאָרווערטס״, וואָלט עס אַשן ווייניק וואָס געאַרט. ער איז שוין געווען באַרימט און האָט זייער לייכט געקאָנט אָפּדרוקן זיינע ראָמאַנען ערגעץ אַנדערש, אב קאהן האָט אָבער פאַרלאַנגט פון אַשן: ער זאָל דעם ראָמאַן פאַרברענען, ער זאָל אים אין ערגעץ נישט דרוקן.

אויף דעם האָט אַש נישט געוואָלט איינגיין, דער ראָמאַן איז איבער־זעצט און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ענגליש.

אב קאהן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, איז נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל קאָנען אַזוי לייכט אַראָפּשלינגען אַזאַ האַנדלונג; איבער־הויפּט פון אַ מיטאַרבעטער אין זיין צייטונג, און ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן שלום אַשן.

אב קאהן איז געווען אַ גוטער קעמפער, ער איז געווען געוווינט דערצו און האָט הנאה געהאַט דערפון. ער האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן דעם דראַ־מע שרייבער יעקב גאָרדין, קעגן ד״ר זשיטלאָווסקי, קעגן מאָריס ווינטשעווס־קי און אַנדערע וויכטיקע שרייבער און טוער, האָט ער זיך נישט אָפּגע־שטעלט צו קעמפן אויך קעגן אַשן.

עס האָט אויסגעזען, אַז דער קאַמף איז נישט קיין גלייכער. פון איין זייט איז געשטאַנען שלום אַש, אַ מענטש וואָס איז שוין דאַן געווען נישט נאָר באַרימט ביי יידן נאָר אויך וועלט־באַרימט. אַלס ייד האָט קיין יידישער שרייבער, נישט פון די עלטערע און נישט פון די יינגערע, זיך געקענט פאַרגלייכן צו אים. ער איז געווען דער סאַמע יידישסטער שרייבער, סיי אין

זיין טעמאַטיק און סיי אין זיין באַציאונג. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינט־לעכע ליבע צו יידן בכלל און צו רעליגיעזע יידן בפרט.

מענדעלע און שלום עליכם זיינען געווען משכילים, זיי זיינען נישט געווען באַגייסטערט פאַר יידן מיט פאות, פאַר חסידים. פרץ, כאָטש ער האָט געשריבן מיט קינסטלערישע סימפּאַטיע וועגן חסידים און רביים, האָט ער זיי אין דער ווירקלעכקייט פיינט געהאַט און נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט זיי. פון די יינגערע שרייבער איז אָפּגערעדט, זיי האָבן זיך דאָך אָפּגעריסן און באַקעמפט דעם דור פון זייערע עלטערן. אַש איז געווען אַן אויסנאַם; ער האָט זיך פשוט מחיה געווען ווען ער האָט דערזען אַ חסידישן ייד מיט באָרד און פאות.

מען דאַרף לייענען אשס אַ קורצע דערציילונג „יתגדל ויתקדש״, וואָס ער האָט געשריבן אין דער לעצטער צייט — שוין נאָך די ראָמאַנען וועגן יעזוסן — און זען וואָס פאַר אַ ליבשאַפט ער האָט געהאַט צו אַ פרומען ייד, אַ חסיד, איינעם אַן איטשע מאיר.

ער באַשרייבט, ווי די דייטשן האָבן אים פאַרשפאַרט אין אַ לאַגער פאַר אַרבעט. דער ייד אַרבעט אַלע טאָג און יעדן טאָג זוכט ער צוזאַמען אַ מנין און דאַוונט. ווען עס קומט שבת, אַלע גייען צו דער אַרבעט, בלייבט איטשע מאיר אין לאַגער. ווען דער אויפזעער קומט אַריין, דערקלערט אים איטשע מאיר, אַז שבת אַרבעט ער נישט. דער כוף איז, אַז די דייטשע האָבן אים אויפגעהאַנגען.

עס איז נישט אַזוי דער ייד, וואָס האָט זיך נישט באַדאַרפט לאָזן אומברענגען צוליב חלול־שבת, וואָס איז דאָ וויכטיק, ווי עס איז, די ליבשאַפט, וואָס אַש ווייזט אַרויס צו דעם ייד.

אַש איז געווען רעליגיעז, זיינע ווערק אָטעמען מיט רעליגיעזער בענקשאַפט, ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו יידיש־רעליגיעזע טראַדיציעס. ער איז געווען דורכגענומען מיט דעם יידישן לעבן. ער האָט געוויינט אויף יידישע צרות און זיך געפרייט אויף יידישע שמחות.

אב קאהן איז נישט געווען באַרימט. ער איז געווען פּאָפּולער אין ניו־יאָרק ווי איינער פון די סאָציאַליסטישע רעדנער שרייבער און טוער. ער איז געווען אַ מיטלמעסיקער מענטש. ער איז געווען ענערגיש און אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ האָט ער געהאַט מאַכט, דער „פאָרווערטס״ האָט געהאַט אַ סך איינפלוס.

עס איז נישט געווען באַקוועם זיך מיט אים איינצורייסן. ער האָט געקאָנט שטאַרק רודפן.

אב קאהן איז געווען אַ קנאַפּער ייד. ווי די סאָציאַליסטן אַמאָל, האָט ער באַקעמפט רעליגיע. ער ווי אַנדערע סאָציאַליסטן איז דעמאָלט געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אַ קאָסמאָפּאָליט, וואָס האָט געוואָלט האָבן אַ וועלט אָן רעליגיעס און אָן נאַציאָנען. ב. פייגנבוים האָט, אונטער קאהנס רעדאַקציע אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּאָט פון דער יידישער רעליגיע. דער „פאָרווערטס" איז דעמאָלט אַרויס אויך ראש השנה און יום כפור. קאָהן איז געווען קעגן יידישע שולן, יידיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָבן אים נישט אינטערעסירט.

ער האָט געשריבן פּובליציסטיק, נאָוועלן, הומאָרעסקעס און קריטיק. אַ חוץ זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס האָט אַ היסטאָרישן ווערט, איז אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן פון ווייניק־דויערנדן ווערט.

זיין קריטיק איז נישט געווען אויטענטיש. ער האָט פיינט געהאַט מאָדערניזם און אַראָפּגעריסן די בעסטע אויפפירונגען אין יידישן קונסט טעאַטער. ער האָט געהאַט איינפלוס אויף דעם יידישן עולם און געקאָנט מיט זיין קריטיק אומברענגען אַ טעאַטער און אויך אומברענגען אַ שרייבער. ער האָט געהאַט זיינע איינרעדענישן איבער ליטעראַטור און זיך איינמאָל אונטערגענומען צו פאַרניכטן שעקספּירן.

אין די שפּעטערע יאָרן איז ער געוואָרן מער נאַציאָנאַליסטיש און ווייניקער סאָציאַליסטיש. ער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון רוזוועלטן, און באַגייסטערט פאַר „ישראל".

געשטאַנען איז אב קאהן — דער קנאַפּער ייד — קעגן שלום אַשן, וואָס איז געווען דורך און דורך יידיש. און מערקווירדיק ווי פאַרקערט די ראָלן זיינען געווען: קאָהן איז געווען דער, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר יידישקייט און שלום אַש, רחמנא לצלן, האָט געוואָלט אומברענגען יידישקייט.

דער קאַמף איז געווען ערשטקלאַסיקער גראַטעסק: ער איז געבויט געוואָרן אויף ליגנט, אויף נישט פאַרשטיין און אויף העצע.

קאהנען צוהילף זיינען געקומען אַנדערע יידישע שרייבער. עס האָט אויסגעזען, ווי די יידישע שרייבער האָבן געוואַרט אויף דער געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט אַשן.

אַ יידישער שרייבער איז נישט מקנא אַ שניצלער, אַ ווערפעל אָדער אַן ערנבורג, מעגן זיי זיין ווי רייך און באַרימט. זיי געהערן צו אַיין אַנדער קלאַס; זיי קאָנען נישט און שרייבן נישט קיין יידיש, אָבער אַ יידישער שרייבער, וואָס קאָן ניט קיין אַנדער שפּראַך, נאָר יידיש, ווערט רייך און וועלט־באַרימט, אַזאַ איינעם איז מען שוין יאָ מקנא. אַזאַ איינער נעמט דאָך פשוט

צו די מאַרטירערשאַפט פון די יידישע שרייבער„ וואָס קאָנען מער נישט זאָגן, אַז זיי ליידן צוליב יידיש. די קעגנערשאַפט צו אַשן קאָן זיין האָט געהאַט אויך פסיכאָלאָגישע אורזאַכן.

איך ווייס נישט צו עס וואָלט אַשן געהאָלפן, ווען ער וואָלט זיך אויפ־געפירט לייטישער, ווארשיינלעך נישט, אָבער אַז ער האָט זיך נאָך נישט אויפגעפירט אַזוי לייטיש, ווי זיי האָבן געוואָלט, איז זיכער געווען פלאַץ פאַר קנאה און שנאה.

אב קאַהן, אין זיין קאַמף קעגן אַשן, האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דער יידישער גאַס. קודם כל האָט ער געהאַט אן איינפלוס אויף די מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס"״, וואָס כמעט אַלע האָבן אָנגעהויבן באַקעמפן אַשן. טייל האָבן געדענקט ווי אב קאַהן, אַז אַש, האָט זיך פאַרשולדיקט מיט זיינע ראָ־מאַנען, טייל האָבן פשוט נאָכגעפאָלגט די פאליסע פון דער צייטונג, וואָס אב קאהן האָט באשטימט: צו זיין קעגן אַשן, טייל האָבן מיט קנאה און שנאה געזשיפעט קעגן אַש,ן ביז זיי האָבן אַשן פאַרטריבן פון דער יידישער גאַס.

די שנאה צום ייד

אַש האָט זיך נישט אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט יעזוסן, ווען ער האָט געשירבן דעם „מאַן פון נצרת". נייןן! אַשן האָט אינטערעסירט דער יעזוס־פּראָבלעם ווען ער איז נאָך געווען זייער יינג, ווען ער האָט אָנגהויבן צו שרייבן.

אין דעם קליינעם שטעטל, ווו אַש איז געבוירן געוואָרן האָט ער געזען, אַז אין אַלטעגלעכן לעבן זיינען יידן מיט גויים גאָרנישט אַזעלכע שונאים; מען האַנדלט צוזאַמען, מען טרינקט צוזאַמען, מען פאַרברענגט צוזאַמען, שקצים האָבן ליב יידישע מיידלעך און יידישע יינגע־לייט האָבן נישט פיינט קיין שיקסעס.

דאָס איז אַלץ אין מיטנוואָך; ווען עס קומט זונטיק, ווען דער גוי גייט פון דער קירכע האָט ער פיינט דעם ייד; ער קאָן אויף אים נישט קוקן. ווען עס קומט אַ קריסטלעכער יום־טוב ווערט די שנאה פון גוי צום ייד גאָר גרויס.

ביי דעם יינגן אַש האָט די שנאה אויסגעזען אומנאַטירלעך.

אַש, ווי אַ ייד, האָט אַליין געליטן פון דער גויאישער שנאה. ער האָט זיך געפילט געקרענקט און זיך פאַרטראַכט וועגן דעם.

פאַרוואָס די שנאה?

ער האָט גיך אויסגעפונען, ווי פריער דערמאָנט, אַז די שנאה קומט פון דער קירכע, פון דער קריסטלעכער רעליגיע. און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט דער קריסטלעכער רעליגיע. ער האָט אויסגעפונען אַ מאָדנע זאַך, וואָס קלינגט אומגלויבלעך. ער האָט אויסגעפונען, אַז די רע־ליגיע, צוליב וועלכער די גויים האָבן פיינט יידן, פריידיקט, אַז מען זאָל ליב האָבן אַפילו אַ שונא.

שלום אַש

אויב אַזוי, איז דאָך אַוודאי שווער צו פאַרשטיין די שנאה פון גוי צום ייד.

וואָס מער אַש האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם, אַלץ שווערער איז עס אים געוואָרן צו פאַרשטיין. ער האָט אויסגעפונען, אַז דער גאָט, אָדער דער משיח אין וועמען די קריסטן גלויבן איז גאָר געווען אַ ייד, אַן איינפאַכער ייד, אַ זון פון אַ סטאָלאַר. און אַז די קריסטלעכע רעליגיע איז באַזירט אויף דער יידישער; די קריסטן האַלטן אויך דעם תנ"ך פאַר אַ הייליק בוך.

צוליב די אַלע זאַכן איז פאַר אַשן געוואָרן זייער אומפאַרשטענדלעך, די שנאה פון גוי צום ייד.

די מעשה, אַז די גויים האָבן פיינט יידן, ווייל די יידן האָבן געהרגעט יעזוסן, האָט ביי אים, מיט רעכט, אויסגעקוקט ווי אַ ווילדע זאַך, ווייל די מעשה איז אַ ליגנט; די יידן האָבן אים נישט געהרגעט, און אַפילו אַז יאָ, איז דאָך יעזוס, דעמאָלט, קיין גאָט נישט געווען, נאָר אַן איינפאַכער ייד. יידן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט אַ רעכט צו פאַרמשפּטן זייערס אַ בירגער, לויט די געזעצן פון זייער לאַנד; ווען אַפילו לויט דער היינטי־קער צייט זיינען די געזעצן נישט יושרדיק.

מען קאָן נישט פאַראורטיילן היינט די אַמעריקאַנער אָדער די ענגלענ־דער, ווייל זיי האָבן פריער דערלויבט שקלאַפעריי, און געכאַפּט מענטשן ווי חיות און פאַרקויפט פאַר שקלאַפן.

אַש האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין. עס איז טאַקע שווער צו פאַר־שטיין. די פראַגע, פאַרוואָס אַזאַ שנאה פון קריסט צום ייד, האָט אשן געמאַ־טערט דאָס גאַנצע לעבן.

ער האָט אויסגעפונען, אַז די קריסטלעכע טעאָלאָגן, די קירכע און די הערשער זיינען פאַראינטערעסירט אַזאַ שנאה זאָל עקזיסטירן. עס ברענגט זיי נוצן. עס ציט אָפּ די שנאה, וואָס זאַמלט זיך אָן קעגן זיי. לויט דער קיר־כע, לעבט אין ייד דער טייוולשער כוח פון אַנטי קריסט, וואָס מען דאַרף באַקעמפן. דאָס שאַפט אַ פאַנאַטישע צוגעבונדנקייט צו דער קירכע.

אַש האָט אויסגעפונען, אַז דאָס פאָלק, די מאַסן ווייסן בלויז דאָס, וואָס די גלחים דערציילן זיי.

און די גלחים דערציילן נישט דעם אמת.

די שנאה צו יידן איז הייסט עס נישט קיין נאַטירלעכע; זי איז אַן אַרויפגעצוווּנגענע, אַן אויפגעהעצטע. קעגן אַזאַ שנאה דאַרף מען קעמפן.

אָבער ווי אַזוי? אַ ייד זאָל קומען צו די גויים, דערציילן, אַז די גלחים

נאָרן זיי אָפּ, וועט נישט העלפן; ווייל די גוים וועלן נישט גלויבן, זיי גלויבן זייערע גלחים, נישט דעם ייד.

ווען אָבער אַ ייד איז אַ גרויסער נאָוועליסט, באַרימט אויך ביי די גוים; אַזאַ ייד קאָן שוין יאָ עפּעס אויפטון — ער קאָן אַ מעשה דערציילן. און אַזוי אַרום, דערציילנדיק, באַווייזן דעם אמת, אַז די גוים האָבן נישט קיין שום אורזאַך פיינט צו האָבן יידן, און אַ סך אורזאַכן זיי צו דאַנקען.

דאָס וואָס אַש האָט געטאָן. ער האָט אַ מעשה דערציילט, די מעשה פון קריסטנטום, און באַוויזן, אַז דאָס גוטס, וואָס איז דאָ אין קריסטנטום, איז גענומען פון יידן.

אַ מעשה קאָן דערציילט ווערן פון פאַרשידענע מענטשן. און יעדער איינער וועט זי אַנדערש דערציילן.

וואָלט די מעשה פון קריסטנטום דערציילט געוואָרן פון אַן אַטעאיסט, וואָלט ער דערציילט, אַז עס איז קיין יעזוס נישט געווען, אַלץ איז ליגנט, די פּריסטער זיינען שווינדלער, גנבים, מען דאַרף די קירכעס פאַרברענען און אַלע גלחים אויפהענגען.

וואָלט זי דערציילט געוואָרן פון אַ פרומען ייד, וואָלט ער געזאָגט, אַז יעזוס איז אַ געטשקע געמאַכט פון שטיין אָדער האָלץ, וואָס די גוים מאַכן אַליין און דינען צו דעם. די גוים האַרגענען יידן, ווייל זיי זיינען רוצחים, וואָס דינען צו אָפּגעטער און האָבן נישט קיין מורא פאַר גאָט. וואָלט די מעשה דערציילט אַ ליבעראַל וואָלט ער צוגעגעבן צו די גוטע פּונקטן און קריסטנ־טום, וואָס מען קאָן געפינען אין יעדער רעליגיע און אַז יעזוס איז געווען אַן אידעאַליסט, וואָס האָט געוואָלט פאַרבעסערן די וועלט און דעם מענטש. רע־ליגיע איז אָבער געוואָרן צופיל קאָמערציאַליזירט און קאָן האָבן אַ שלעכ־טן איינפלוס.

אַש האָט געוווסט, אַז די גוים, וואָס האָבן פיינט יידן, וועלן זיך צו קיין איינעם פון די מענטשן נישט צוהערן. זיי וועלן זיך אָבער צוהערן צו אַן אַנטיסעמיט אַ יידן־האָסער, ווי זיי זיינען. און ער האָט אויסגעקליבן אַן אַלטן פּאָליאַק אַן אַנטיסעמיט אַ פּאַן, וויאַדאָמסקי וואָס רעדט זיך איין, אַז ער האָט געלעבט אין די צייטן פון יעזוסן, זאָל ער דערציילן די מעשה פון קריסטנטום, נאָר דער אמת זאָל עס זיין.

אַזוי קומט אויס, אַז די מעשה פון יעזוסן ווערט דערציילט פון אַן אַנ־טיסעמיט, וואָס שימפּט זידלט און לאַכט פון יידן, אָבער ער מוז צוגעבן, אַז

יעזוס איז געווען אַ ייד און אַלץ וואָס די קריסטן האָבן פון אים געלערנט איז פון יידישע קוואַלן.

עס ליגט, אין אויכקלויבן אַן אַנטיסעמיט צו דערציילן די יעזוס געשיכטע, אַ קלוגער איינפאַל. אַש האָט נישט געוואָלט ריידן בלויז צו ליבעראַלע און ראַדיקאַלע קריסטן; ביי זיי איז דאָך די שנאה צו יידן נישט אַזוי גרויס. ער האָט געוואָלט רעדן צו די שונאים פון יידן, צו די העצער און שלעגער און צו די וואָס הערן זיך צו, צו זיי. צו אַזעלכע מענטשן דאַרף רעדן איינער פון זייערע.

אַש האָט אַרויסגעשטעלט דעם פּאַליאַק, דעם אַנטיסעמיט, ווי אַ סימבאָל פאַר אַלע גוים, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט שנאה צו יידן. ער האָט געוואָלט זיין שנאה און אויך די שנאה פון אַנדערע יידן־האַסער איינברעכן.

אַש האָט זיין ציל דערגרייכט.

דער ייד־יעזוס האָט איינגעבראָכן די שנאה פון דעם אַנטיסעמיטישן פּאַליאַק. דער ייד־יעזוס איז אָבער נישט אַנדערש פון אַלע אַנדערע יידן. אַש דערלאָזט נישט אָפּטיילן איין ייד; אים ליב האָבן און די אַנדערע פיינט האָבן; אויב יעזוס איז געטלעך, זיינען יידן אַ געטלעך פאָלק, אויב יידן זיינען טייוולאָנים ,קאָן דער איינער ייד יעזוס קיין גאָט נישט זיין.

דער פּאַליאַק, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם רוימער קאָרנעליוס, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, דערציילט וואָס עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען, ווען פּאָנטיוס פּילאַטאָס איז געקומען צו ווערן דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה און ווען יעזוס האָט באַוויזן ווונדער און פאַרגעטערט געוואָרן.

ער אַליין איז געווען אַ קעגנער פון יעזוסן, אָבער דערנאָך איז ער געוואָרן באַאיינפלוסט און האָט אים פאַרגעטערט; קומט אויס, אַז דאָס וואָס ער דערציילט איז אין סימפּאַטיע מיט יעזוסן. דער ייד אַש איז אין אַ סך זאַכן נישט מסכים מיט דעם, וואָס ער דערציילט, און ער זאָגט עס אים.

די מעלה פון דעם בוך איז, וואָס עס גיט איבער, וואָס דער עוואַנגעליום דערציילט וועגן די געשעענישן אין יענער צייט — לויט זייערע אייגענע רייד זיינען די קריסטן אומגערעכט צו יידן.

דער קאַמף און די פּראָפּאַגאַנדע פון דער קירכע קעגן יידן, וואָס ווירקט איינצופלאַנצן שנאה ביי גוים איז באַזירט אויף דריי עלעמענטן:

— דער טייוול־עלעמענט, — דער ייד איז אַ טייוול, פאַרשאָלטן פון גאָט, ווייל ער גלויבט נישט אין דעם אויסלייזער, וואָס איז געוואָרן אַ קרבן צוליב די זינד פון די מענטשן. דער כוח פון ייד איז גרויס, ווי עס איז דער

כוח פון טייוול, וואָס וויל אומברענגען דעם מענטש. עס איז אַ מצווה דעם ייד צו רודפן, צו באַקעמפן מען דאַרף פאַרניכטן זיין טייוולשן כוח.

— דער מערדער־עלעמענט — דער ייד איז אַ מערדער, ער האָט דער־מאָרדעט יעזוסן. מען קאָן אויף יידן אַלץ גלויבן, אַפילו אַז זיי שעכטן קינדער און באַנוצן זיך מיט זייער בלוט צו מצות אויף פסח.

— דער פאַרעטער עלעמענט — יידן זיינען מוסרים, פאַרעטער, ווי יו־דאַס איז געווען, וואָס האָט פאַרראַטן יעזוסן; צוליב דעם איז נישטאָ קיין רחמנות פאַר אַ ייד.

דאָכן אַלץ איז אומדירעקט אָפּגעלייקנט געוואָרן פון אַ פּאָליאַק אַן אַנ־טיסעמיט, וואָס דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון יעזוסן.

עס איז איין אומזין צו האַלטן דעם ייד פאַר אַ טייוול ווען, יעזוס און אַלע קריסטלעכע הייליקע זיינען געווען יידן, ווען אַלץ וואָס איז גוט אין דער קריסטלעכע רעליגיע איז גענומען פון יידן. ווען דער גאַנצער כוח פון יידן, איז זייער פאַרבינדונג מיט דער ביבל, וואָס אויך גויים האַלטן פאַר הייליק.

דער טייוול־עלעמענט איז איין אומזין, ווייל די ביבל דערציילט — די ביבל, וואָס די קריסטן פאַרהייליקן — די יידן זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון גאָט — אַ גאָט אין וועלכן די קריסטן גלויבן — וואָס צו זיי איז געגעבן געוואָרן די תורה און באַפוילן געוואָרן אָפּצוהיטן אַלע מצוות.

ווי אַזוי קאָן אַ פאָלק, וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט, זיין אַ טייוליש־פאָלק?

אויב יידן האָבן זיך פאַרזינדיקט, איז עס, פאַר נישט אָפּהיטן די מצוות פון דער תורה; מיט וויפל מער וואָלטן זיי זיך פאַרזינדיקט ווען זיי גייען איבער צום קריסטנטום, וואָס האָט אָפּגעשאַפט אַלע מצוות פון דער תורה.

אין דער טייוולשקייט פון ייד, פאַר נישט איבערגיין צום קריסטנטום — וואָס איז די איינציקע אורזאך — ליגט דער גרעסטער אומזין, ווייל אויך קריסטן האַלטן, אַז צו יידן האָט גאָט געגעבן די תורה, און זיי מוזן זי אָפּהיטן.

דער מערדער עלעמענט איז איין אומזין, ווייל דער „עוואַנגעליום" אַליין דערציילט, דאָס די רוימער האָבן געקרייציקט יעזוסן און די יידן האָבן אים געמשפט.

דער לעצטער פסק־דין איז אָבער געלעגן אין די הענט פון די רוימער. זיי זיינען געווען די הערשער איבער דעם געזעץ ביי יידן. זיי האָבן דעם משפט נישט געמוזט דורכפירן.

שלום אַש

די רוימער זיינען די איינציקע שולדיקע אין דער קרייציקונג.

דעם פּאַראַט עלעמענט האָט אַש נישט אָנגענומען לויט ווי עס ווערט דערציילט אין דער עוואַנגעליע. ער האָט עס אַנדערש אויסגעטייטשט.

צייט דאָן קריסטנטום עקזיסטירט ברענט אַ שנאה צו יידן צוליב דעם פאַרראַט, וואָס יהודה איש קריות — אַ תלמיד פון יעזוסן — איז באַגאַנגען קעגן אים.

יעזוס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, די רוימער האָבן אים נישט געקאָנט געפונען, האָט יהודה, איינער פון די אַפּאָסטאָלן פאַר דרייסיק טאַלער אים פאַרראַטן און אַרויסגעגעבן.

„יודאַס" איז אַ שמוץ־וואָרט, וואָס די גויים רופן אַ ייד, „יודאַס" מיינט אַ פאַרעטער.

אַש האָט דאָס צוריק געוויזן, ער זאָגט יהודה איז קיין פאַרעטער נישט געווען און ער האָט עס נישט געקאָנט זיין.

דער „עוואַנגעליום" דערציילט אַז יהודה האָט פאַרראַטן יעזוסן צוליב דרייסיק טאַלער. דאָס איז שווער צו גלויבן, ווייל יהודה איז געווען דער קאַסירער פון דער גאַנצער קאָמונע פון יעזוס אַנהענגער. ער האָט געקאָנט צונעמען אַ סך מער ווי דרייסיק טאַלער, זייענדיק צוזאַמען מיט דער גרופּע.

ווען מען האָט יעזוסן געקרייציקט האָט זיך באַלד נאָכדעם יהודה גענומען דאָס לעבן, פאַר עגמות נפש. — אַ מענטש — אַ פאַררעטער האָט נישט אַזוי פיל צער, ער זאָל זיך גיין אויפהענגען ווען ער האָט דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט.

דער אמת איז, ברענגט אַש ארויס, אַז יהודה האָט זייער שטאַרק געגלויבט אין יעזוסן און געווען זיכער, אַז ווען עס וועט קומען צו אַ קאַמף, וועט דער משיח־יעזוס געווינען. און די גאולה וועט קומען. ער האָט אַרויסגעגעבן יעזוסן כדי צו דערנענטערן די צייט פון קאַמף. ווען ער האָט געזען, אַז יעזוס האָט פאַרלוירן, מען האָט אים געקרייציקט, איז זיין האַרץ געוואָרן צעבראָכן. ער האָט זיך אויפגעהאָנגען צוליב דעם טעות וואָס ער האָט געמאַכט.

ווען אַש וואָלט געווען אַליין, אין זיין אַפּלייקענען דעם פּאַראַט פון יודאַסן, וואָלט עס קיין איינדרוק נישט געמאַכט; מען וואָלט עס באַטראַכט, ווי אַ פשטל פון אַ יידישן „דריי־קאָפּ". אַש איז נישט אַליין; עס זיינען דאָ קריסטלעכע אויטאָריטעטן, וואָס דענקען אויך אַזוי; איינער פון זיי, פליטוווד,

ברענגט עס דייטלעך אַרויס אין זיין בוך „דאָס לעבן פון קריסטוסן" (זייט 368) וואָס איז געשריבן געוואָרן אַ סך יאָרן פריער.

די קריסטן האָבן נישט געמוזט אָננעמען, אָבער זיי האָבן נישט געקענט אָפּלייקענען אַשס באַגרינדעטע מיינונגען.

צוליב די מעשה „יודאַס" האָט ביי די קריסטן געברענט אַ פייער פון שנאה קעגן יידן. אַש האָט דאָס פייער אַביסל אויסגעלאָשן.

אַש האָט געמאַכט, אַז דער אַנטיסעמיט אליין זאָל דערציילן וועגן דער אומשולד פון יודאַסן. קאָרנעליוס רעדט: — „ישראל! ישראל! וואָס איז געוואָרן פון דיר?... און דער איז אַנומלט געווען יהודה, איינער פון די תלמידים וואָס האָט געהאַלטן דעם בייטל און האָט זיין רבין אַרויסגעגעבן, נישט פאַר קיין געלט, ניין! ניין! איך בין דאָך געווען דערביי. נישט פאַר די דרייסיק זילבער־שטיק, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז זיין רבי וועט אונדז אַלעמען אין אַ פייערדיקן זייל פאַרברענען, אַז די ערד וועט זיך שפּאַלטן און וועט אונדז אַלעמען אין איר מויל פאַרזינקען, ווען מיר וועלן זיך צו אים צורירן. איך האָב עס דאָך אַליין געהערט פון זיין מויל!!!

אַש האָט מורא געהאַט פאַר די קריסטן, אַז זיי וועלן זיך טשעפּען צו זיין בוך וועגן דעם מאַן פון נצרת. אַז ער דאַרף מורא האָבן פאַר יידן איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן; מען זאָל זאָגן אויף אים, דעם מחבר פון „קדוש השם" און פון „תהלים ייד", אַז ער אַגיטירט פאַר שמד; אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט.

אָבער דאָס אויף וואָס אַש האָט זיך נישט געריכט איז דווקא יאָ געשען.

אב קאַהן האָט אונטערגענומען אַ קאַמף קעגן אַשן; און דאָס האָט דעם לייענער פאַרפירט. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לייענען דעם ראָמאַן גופא. ער זאָל קאָנען רעאַגירן דערויף. ער האָט געלייענט בלויז די העץ־אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער פרעסע, און איז געוואָרן אויפגעהעצט.

אב קאַהן האָט זיך געהאַט גוט צוגעגרייט, און איבעראַשט מיט זיין וויסן, אין זיין קאַמף קעגן אַשן. ער האָט אין „פאָרווערטס" געדרוקט אַרטיקלען פון חיים ליבערמאַן, הרב צעיר און אַנדערע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך קענטשאַפט אין דער קריסטלעכער און אין דער יידישער טעאָלאָגיע.

אין איין זאַך האָבן די אַלע געלערנטע, מיט אב קאַהנען צוזאַמען געמאַכט אַ טעות, אין פאַרשטיין דעם ראָמאַן, וואָס אַש האָט געשריבן. זיי האָבן דאָס בוך „דער מאַן פון נצרת" נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געזוכט צו באַ־

ווייזן, אַז יעזוס, דער מאַן פון נצרת איז נישט, ווי אַש שילדערט אים און נישט ווי דער עוואַנגעליום שילדערט אים. זיי האָבן געברענגט ראיות פון פאַרשידענע אויטאָריטעטן צו רעכטפאַרטיקן זייער מיינונג.

זייער אַרבעט איז געווען אַרויסגעוואָרפן, ווייל — לויט דעם כאַראַקטער פון בוך — האָט אַש געמוזט שילדערן יעזוסן לויט די קוואַלן פון „עוואַנגעליום".

אַש האָט געוואָלט באַווייזן די קריסטן, אַז זייערע הייליקע און פאַר־געטערטע מענטשן, זייער יעזוס, זייער מערי און זייער הייליקער פאַול מיט די אַפּאָסטאָלן זיינען געווען יידן, ווי אַלע אַנדערע יידן. און עס האָט נישט קיין זין צו פאַרגעטערן אַ פּאָר יידן און פיינט האָבן אַלע אַנדערע וואָס צווישן זיי זיינען זיכער דאָ אַזעלכע גוטע יידן, ווי די הייליקע זיינען געווען.

ער האָט נישט געקאָנט שילדערן יעזוסן, ווי עפּעס אַ שלעפער, אַ בראַ־דיאַגע, מערין, ווי אַן אומאַנשטענדיקע נישט פאַראַנטוואָרטלעכע מיידל און דעם אַפּאָסטאָל, ווי אַ שווינדלער, אַן אַפּאַלעפּטיקער מיט אַ צעדרייטן מוח און זיך באַרימען, אַז די אומאַנשטענדיקע מערי מיט די צוויי „באַמס" יעזוס און פּאַול זיינען געווען יידן. ניין! דאָס האָט אַש נישט געקאָנט טוען.

ער האָט נישט געקאָנט אַנדערש, ווי שילדערן די קריסטלעכע הייליקע, ווי זייער עוואַנגעליום טוט עס.

די אידיאָטסטווע, אז אַ ייד וואָס ווערט דאָס איבערלייענען וועט העגדים, פּענדים אַריינלויפן צו אַ גלח און זיך שמדן, האָט אַשן נישט געקענט איינפאַלן.

נאָכדעם ווי אַש האָט זיי געשילדערט אַזוי הייליק און געטלעך, ווי די קריסטן דענקען, אַז זיי זיינען, האָט ער שוין יאָ געקאָנט קומען צו די קריסטן און זאָגן: איר קאָנט דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז די אַלע הייליקע מענטשן זיינען געווען יידן — וואָס זיי קאָנען טאָקע טאַקע נישט — טאָ, פאַרוואָס באַצאָלט איר אונדז מיט שנאה.

אַשס צוועק איז נישט געווען צו באַשטרייטן די קריסטלעכע רעליגיע נאָר, אַז לויט זייער רעליגיע און לויט די רייד פון זייערע הייליקע, טאָרן די קריסטן נישט פיינט האָבן די יידן.

אין אַשס צייטן איז ביי יידן שוין נישט געווען קיין געפאַר, אַז אַ ייד וועט זיך שמדן צוליב דעם, וואָס ער וועט אויסגעפונען, אַז אַן אנדער רעלי־גיע איז בעסער. די יוגנט פון זיין צייט, מיט אים צוזאַמען, האָבן זיך איב־

גאַנצן געוואָלט דערוויטערן פון רעליגיעזע דאָגמעס, צוליב דעם, זיין דאָ מאָלסטיקער יינגעלשער אַרויסטריט קעגן מילה.

דער קאַמף צווישן עלטערן און קינדער איז דעמאָלט געווען, וואָס די קינדער האָבן זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון רעליגיע. די גרויסע באַוועגונגען דאַן, וואָס האָבן געקירעוועט דאָס ראָד פון דער יידישער געשיכטע, די ציוניסטישע ווי די סאָציאַליסטישע האָבן מיט רעליגיע גאָרנישט געהאַט צו טון. צו זאָגן אַ גוט וואָרט, וועגן קריסטנטום ביי יידן ,האָט געקאָנט האָבן אַזאַ ווירקונג, ווי זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן „שינטאָאיזם״, אָדער „בודאיזם״, דאָס מיינט אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

אַש האָט געוואָלט באַווייזן. אַז די שנאה פון קריסט צום ייד איז אומ־גערעכט און פאַרברעכעריש, דאָס האָט ער נאָר געקאָנט, נישט מיט אַראָפּ־רייסן די קריסטלעכע רעליגיע נאָר זי לויבן און אויפווייזן, אַז פאַר דער רעליגיע מיט וועלכער די קריסטן שטאָלצירן דאַרפן זיי באַדאַנקען די יידן. דאָס האָט ער באַוויזן און דערמיט געמאַכט די שנאה צום ייד פאַר אַ פאַרברעכן.

די צייט פון יעזוסן

אין די ראָמאַנען „דער מאַן פון נצרת”, „מערי” און „דער אַפּאָסטאָל”, האָט אַש געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין איינע פון די וויכטיקסטע עפּאָכעס אין דער וועלט־געשיכטע: די עפּאָכע ווען דאָס קריסטנטום איז אַנטשטאַנען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ טעמע איז זייער אַ קאָמפּליצירטע, ווייל צוויי רעליגיעס, די יידישע און די קריסטלעכע, זיינען דאָ פאַרוויקלט.

אַש האָט געוווסט פון דער שנאה, וואָס הערשט צווישן קריסטנטום און יידנטום. ווען ער וואָלט געדענקט, אַז די שנאה איז אַ צונויפגעוואַקסענע, אַן אייביקע, וואָס מען וועט קיינמאָל נישט קאָנען אָפּשוואַכן, ווי עס דענקען די ליבערמאַנס, און אַז די שנאה, וואָס האָט געפירט צום מאָרד פון זעקס מיליאָן יידן, וועט ווידער פירן דערצו, וואָלט ער די ראָמאַנען נישט געשריבן, נאָר וואָלט פאַרשאָלטן די וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן און באַקלאָגט דאָס פינצטערע מזל פון יידן.

איך בין נישט זיכער צי אַש וואָלט דערלעבט ביז זיבן און זיבעציק יאָר, צו זיין הארץ וואָלט נישט געפּלאַצט פריער, פון גרויס צער.

אַש האָט אַנדערש געדענקט: ער איז געווען זיכער, אַז די שנאה צווישן קריסטן און יידן איז נישט קיין צוזאַמענגעוואַקסענע, מען קאָן זי אָפּשוואַכן.

ווען ער האָט זיך פאַרטראַכט, צו שרייבן „די טרילאָגיע”, וועגן דער צייט פון יעזוסן, איז דאָס געווען זיין כוונה אָפּצושוואַכן די שנאה און אפשר גאָר אויסוואָרצלען.

אַש האָט אויך געוווסט ווי סענסיטיוו יידן זיינען צום נאָמען „יעזוס”, וויפל אויפרעגונג דער נאָמען פאַרשאַפט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין

אויסוועג. דאָס שרייבן „די טרילאָגיע" איז ביי אים געווען פאַרבינדן מיט גרויסע דערגרייכונגען פאַר די יידן אין דער צוקונפט.

ער האָט געטראַכט: דאָס וואָס ער פערזענלעך וועט דאַרפן איצט ליידן, איז נישט אַזוי וויכטיק, ווי דאָס וואָס זיינע ראָמאַנען קאָנען ברענגען גרויס נוצן פאַר יידן, אין דער צוקונפט.

ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן איז די שנאה נישט פאַרשוואונדן — איידער מען שוואַכט אָפּ די שנאה עקזיסטירט זי און קאָן ברענגען שאָדן.

דאָס האָט אַשן נישט אָפּגעשראָקן. אַש איז געווען אַ גלויביקער: ער האָט געגלויבט אין גאָט, ער האָט געגלויבט אין גערעכטיקייט און ער האָט געגלויבט אין זיינע כוחות. ער האָט געהאָפט, ער וועט אַלץ בייקומען און דערגרייכן זיין ציל.

איין שנאה, וואָס קאָן אים ברענגען גרויס שאָדן, האָט אַש פאַרזען, דאָס איז די שנאה צו אים פון זיינע חברים־שרייבער, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן די „טרילאָגיע".

וואָלט אַש געווען אַ שונד־שרייבער, וואָלטן אַלע יידן, פון יענער צייט, וואָס ער האָט געשילדערט, געווען צדיקים און די וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון יידן, געוואָרן קריסטן, וואָלטן אַלע געווען רשעים. און יעזוס וואָלט ביי אים אַרויסגעקומען דער גרעסטער רשע. דאָס וואָלט צופרידנגעשטעלט אב קאַהנען, ראָגאָפן און נאָך אַנדערע.

אַש איז געווען אַן ערשט קלאַסיקער קינסטלער. ער האָט נישט געשרי־בן, ווי עס וויל אַ רעדאַקטאָר, אָדער ווער עס איז; ער האָט געשריבן לויט זיין אינערלעך־טיפן פאַרלאַנג און לויט דעם אמת ווי ער האָט אים געזען. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן אַרויסצוטרעטן קעגן דאָס שלעכטץ ביי יידן, פונקט ווי עס האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן די נביאים, די רבנים, די מגידים און די שרייבער פון זיין צייט.

אַש האָט געשילדערט, וואָס די יידן האָבן דעמאָלט געליטן פון זייערע אייגענע פירער, די כוהנים, די רבנים און די רעגירונג.

דאָס אָרעמע פאָלק, דערדריקט פון די פיל געזעצן, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּהיטן, און באַשווערט מיט אַ סך שטייערן, איז געווען קעגן דער רעגירונג, קעגן די כוהנים און קעגן די רבנים וואָס האָבן געהאַלטן מיט זיי.

יעזוס איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געפּריידיקט קעגן דער שלעכטער פירערשאַפט, אַ סך מענטשן האָבן זיך צו אים צוגעהערט. ער האָט נישט געטראַכט וועגן גרינדן אַ נייע רעליגיע; פאַרקערט, ער האָט געזאָגט,

שלום אַש

אַז יעדער אות פון דער תורה מוז ווערן אָפּגעהיט. ער האָט גערעדט צו יידן, אַנדערע פעלקער האָבן אים נישט אינטערעסירט. ער האָט, ווי די נביאים אַמאָל, געשטעלט די הויפּט געוויכט אויף עטיק, אויף דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש, נישט אויף דעם ריטואַל, נישט אויף רעליגיעזע צערע־מאָניעס.

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס מער מענטשן עס האָבן זיך צוגעהערט צו אים, וואָס מער דערפאָלג ער האָט געהאַט, אַלץ מער גלויבן האָט ער געקריגן אין זיך. אַזוי ווי דאָס אָרעמע, דערשלאָגענע פאָלק האָט דעמאָלט שטאַרק געהאָפט אויף אַ משיח, האָט יעזוס אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער איז משיח.

ווען מענטשן האָבן געטראַכט וועגן יעזוסן ווי וועגן אַ משיח האָט ער אָנגעהויבן ווערן אַ געפאַר, סיי פאַר דער יידישער פירערשאַפט, סיי פאַר דער רוימישער הערשאַפט. יידן זיינען געווען אַן אומרואיק פאָלק; עס איז געווען לייכט זיי אויפצוהעצן.

דער נאָמען משיח האָט אַלעמאָל געהאַט אַ מאַגנעטישע קראַפט ביי יידן. כאָטש יעזוס האָט גערעדט וועגן פרידן, וועגן אַ קעניגרייך פון הימל, האָט מען נישט געקאָנט זיין זיכער מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן. די באַ־וועגונג איז נאָך געווען צו קליין, אַז די רוימישע הערשאַפט זאָל זי באַמערקן, אָבער די יידישע פירער האָבן דערזען אַ געפאַר.

די יידישע פירער זיינען דעמאָלט געווען סענסיטיוו צו די רעדנער, וואָס זיינען געגאַנגען איבערן לאַנד און אַגיטירט פאַר פאַרשידענע אידעען. דאָס אייגנאַרטיקע יידיש־לעבן, וואָס איז געשטאַנען מאַראַליש הויך; און דאָס ביסל זעלבסטשטענדיקייט, וואָס יידן האָבן געהאַט אונטער דער רוימישער הער־שאַפט, האָבן זיי נישט געוואָלט פאַרלירן.

עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די יידן זאָלן ווערן באַאיינפלוסט פון די געצנדינערישע פעלקער אַרום, וואָס אַ טייל פון זיי, ווי די גריכן, די עגיפּטער און די רוימער זיינען געווען זייער הויך אַנטוויקלט. עס איז אויך געווען אַ געפאַר די אַגיטאַציע זאָל אויפהעצן צו אַן אויפשטאַנד קעגן די רוימער, וואָס וואָלט געפירט צו אונטערגאַנג. עס איז געווען אַ געפאַר די פאַרשידענע אידעען זאָלן פירן צו אינערלעכע רייסערייען, וואָס קאָן צערייסן די נאַציאָ־נאַלע גאַנצקייט און פירן צו דעגראַדאַציע.

עס איז געווען פאַרוואָס מורא צו האָבן

צו דעם איז צוגעקומען די גייסטיקע אומרואיקייט פון די געצנדינערישע פעלקער פון מיטל־אַזיע און אייראָפּע, וואָס זיינען שוין געווען, מער אָדער

וויניקער, ציוויליזירט און האָבן דערפילט, אַז זייערע רעליגיעס זיינען צו פּרימיטיוו און שטימען נישט מיט זייער ציוויליזאַציע — זיי האָבן געזוכט אַ נייע רעליגיע. דאָס טוישן אַ רעליגיע איז ביי די געצנדינער נישט געווען קיין גרויסער פּראָבלעם. די יידישע רעליגיע האָט אויסגעזען צו זיין די פּאַ־סיקסטע פאַר זיי, אַ טייל איז אינדיווידועל אַריבער צום יידישן גלויבן.

די יידישע פירער און דער גרעסטער טייל פון די יידישע מאַסן האָבן מורא געהאַט פאַר אַ צו גרויסע צאָל גרים. ביי יידן האָט זיך גאַנץ פרי אַנט־וויקלט אַ טיפע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן, זייער אַ גרויסער צאָל גרים האָבן געקענט מאַיאָריזירן די יידן און אָפּווישן די יידישע אידענטיטעט.

דאָס האָבן די יידן נישט געוואָלט.

זיי האָבן צוליב דעם געמאַכט שוועריקייטן צו די, וואָס האָבן געוואָלט ווערן גרים. זיי האָבן אָנגענומען די שיטה פון בית שמאי, אַז די וואָס ווילן אָננעמען דעם יידישן גלויבן מוזן אָפּהיטן אַלע מצוות פון דער תורה.

דאָס איז געווען אַ גרויסע שטערונג פאַר די פעלקער אָנצונעמען די יידישע רעליגיע.

עס איז גאָרנישט געווען אויסערגעוויינטלעכעס אין יעזוסן, וואָס זאָל אים האָבן געמאַכט פאַר אַ געטלעכן מענטש, דאָס אויסערגעוויינטלעכע איז געווען די צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

די געצנדינערישע פעלקער זיינען געוואָרן מיד פון זייער ווילד, פּרימי־טיוו לעבן, זיי האָבן געבענקט נאָך אַ העכער, ריינער און שענער לעבן.

די אָנהענגער פון יעזוסן זיינען געווען קליין אין צאָל און נאָך זיין טויט וואָלטן זיי זיכער פארשווינדן, אין אַ קורצער צייט, ווען, נישט די שוין דער־מאָנטע גרויסע היסטאָרישע געשעעניש, וואָס די געצנדינערישע רעליגיעס זיינען געוואָרן אַלט, אָפּגעלעבט און נישט צוגעפּאַסט צו דער צייט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין איינפלוס אויף דער אויפפירונג פון מענטש.

מער האָט עס אַזוי נישט געקאָנט אָנהאַלטן.

עס איז נישט געווען דער גלויבן אין איין גאָט, וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק; מען קאָן גלויבן אין איין גאָט און אויך זיין אַ געצנדינער — דער איינער גאָט קאָן זיין אַ געטשקע — עס איז געווען די עטיק, די מאָראַל, וואָס האָט זיי געפעלט. זיי האָבן געוואָלט אַ גאָט וואָס זאָל זיין פארבינדן מיט די מעשים פון מענטש, אַ גאָט ווי ביי יידן, וואָס זאָגט זיין פאָלק, ווי אַזוי זיך צו פירן.

מען קאָן זאָגן, אַז עס האָבן אויך געשפּילט אַ ראָלע — ווי מאַרקס וואָלט געזאָגט — עקאָנאָמישע אינטערעסן.

די העכערע ציוויליזאַציע האָט געווירקט אויף די פּרימיטיווע מאַסן, זיי זאָלן ווערן מער באַוווסטזיניק. דאָס האָט געפירט צו גרעסערע פאַרלאַנגען און צו אומרואיקייט. בלויז מיט דעם כוח פון געזעץ, פון ברוטאַלער מאַכט איז געוואָרן שווער איינצוהאַלטן די מאַסן, מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ גרע־סערן כוח, אַ געטלעכן כוח, זייערע געטער האָבן נישט געהאַט קיין מאָראַ־לישע ווירקונג אויף די מענטשן. זיי האָבן געהאַט אַ סך געטער און מען האָט אַלע מאָל געקאָנט אויסבייטן איין גאָט אויף דעם אַנדערן.

דער הערשענדער קלאַס, ביי די אַנדערע פעלקער, האָט געזען ביי יידן אַ גאָט, וואָס זאָגט דעות, ווי אַזוי מען זאָל זיך פירן אין פּראַקטישן לעבן. ער איז איין און איינציק, מען קאָן אים נישט בייטן אויף איין אַנדערן; עס איז נישטאָ קיין אַנדערער. און כאָטש מען זעט אים נישט, איז ער שטאַרק, דאָס פאָלק האָט מורא פאַר אים.

אמת מען וועט דאַרפן אַנשטענדיקער באַהאַנדלען דעם אָרעמאַן און דעם שקלאַף; אָבער דאָס־איז אַלץ בעסער, ווי מורא האָבן יעדן טאָג, אַז דער שקלאַף וועט דיר איבערשניידן דעם האַלדז — ווען דער שקלאַף וועט גלויבן אין יידישן גאָט וועט ער עס נישט טוען, נישט ווייל ער וועט מורא האָבן פאַר זיין בעל הבית, נאָר ער וועט מורא האָבן פאַר גאָט.

דאָס וואָס די לערע, פון גאָט פון די יידן, איז פאַרבונדן מיט אַן עטישן וועג פון לעבן, מיט אַ העכערער מאָראַל — דאָס האָט אויך אַפּעלירט; ווייל טיף אין מענטש איז דאָ אַ בענקשאַפט נאָך אַ העכערער מאָראַל.

דער עיקר איז, וואָס די לערע שטערט נישט דאָס, טראַדיציאָנעל־איינ־געפירטע, עקאָנאָמיש לעבן, מיט די קלאַסן, וואָס עקזיסטירן שוין פון פריער.

עס זיינען דעמאָלט געווען אַ סך אורזאַכן, פאַרוואָס די אַנדערע פעלקער האָבן געוואָלט אַננעמען די יידישע רעליגיע.

די יידישע רעליגיע האָט מיטגענומען מיט זיך, פון דער אַלטער פאַר־גאַנגענהייט, פאַרשידענע געזעצן און מנהגים וואָס איז, פאַר אַנדערע פעל־קער געווען שווער אַנצונעמען. דער מילה ריטואַל, שטאַמט געוויס פון אַלטע פּרימיטיווע צייטן, ווען מענטשלעך בלוט פאַר אַ קרבן צו גאָט האָט נאָך געשפּילט אַ ראָלע. די יידן האָבן אונטערגעבראַכט מענטשלעכע קרבנות, ווייל גאָט אַליין וויל עס נישט, ווי מען קאָן דרינגען פון דער מעשה וואָס ווערט דערציילט וועגן אברהם וואָס האָט געפירט יצחקן צו דער עקדה. דאָס

ביסל בלוט, וואָס יידן ברענגען צו גאָט מיט מל זיין אַ קינד איז געווען גאָר אַ גרויסער רעפאָרם. אין פאַרגלייך מיט די מענטשלעכע קרבנות.

עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון מל זיין אַ קינד פון אַכט טעג, וואָס מען קאָן דערמיט טוען וואָס מען וויל ביז ווען גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן דאַרפן אויף זיך לאָזן דורכמאכן אַזאַ אָפעראַציע, וואָס איז אין יענער צייט געווען פאַרבונדן מיט געפאַר.

דאָס מל זיין איז געווען אַ גרויסע שטערונג פאַר אַנדערע פעלקער אָנצונעמען די יידישע רעליגיע.

די געזעצן פון כשר און טריף פון ריין און אומריין און נאָך אַנדערע אַזעלכע געזעצן, וואָס זיינען זיכער געמאַכט געוואָרן לשם היגיענע זיינען נישט געווען רעאַליסטיש־אַנעמבאַר פאַר די פעלקער, וואָס האָבן שוין געהאַט געמאַכט אַ געוויסן פאָרטשריט אין דער וויסנשאַפט אויף דעם געביט.

די נאַציאָנאַלע ימים טובים, וואָס זיינען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט איז אויך געווען פרעמד פאַר אַנדערע פעלקער.

די יידישע רעליגיע זאָל קאָנען ווערן אָנגענומען פון אַנדערע פעלקער האָט מען זי באַדאַרפט רעפאָרמירן.

די מערסטע יידן האָבן אָבער קיין רעפאָרמען נישט געוואָלט. די שטאַרק רעליגיעזע האָבן נישט געוואָלט קיין שום ענדערונג, ווייל די תורה איז געגעבן געוואָרן פון גאָט און מען טאָר קיין ענדערונג נישט מאַכן. די נאַציאָנאַליסטן האָבן נישט געוואָלט קיין רעפאָרמען, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט דאָס צופיל גויים וועלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן און שטעלן אין געפאַר די יידישע נאַציאָנאַליטעט.

די אַריסטאָקראַטיע און די רעגירונגס מענטשן האָבן נישט געוואָלט קיין רעפאָרמען אויס מורא, אַז גראַד די רעפאָרמען קאָנען ווירקן, אַז רעליגיע זאָל ווערן שטאַרקער און שפילן אַ גרעסערע ראָלע — דאָס וואָס זיי האָבן זייער שטאַרק נישט געוואָלט.

עס זיינען געווען צוויי עלעמענטן אין לאַנד, וואָס האָבן יאָ געוואָלט רעפאָרמען: דאָס זיינען געווען די אביונים, די אָנהענגער פון יעזוסן, די סאַמע אָרעמסטע און פאַרגרעבטסטע, וואָס האָבן, צוליב זייער אָרעמקייט און פאַרגרעבטקייט, נישט געקאָנט אָפּהיטן אַלע מצוות, און די העלעניסטן, די גריכיש אַסימילירטע — די רייכסטע און געבילדעטסטע, וואָס האָבן צוליב זייער רייכקייט און געלערנטקייט נישט געוואָלט אָפּהיטן אַלע מצוות, זיי האָבן געהאָלט אַ לייכטערע, אַ רעפאָרמירטע רעליגיע, ווי די רעפאָרמירטע אין אונד־

זער צייט. דער איינפלוס פון דער גריכישער קולטור האָט געווירקט אויף זיי, זיי זאָלן זיין פאַר רעליגיעזע רעפאָרמען.

אין דער צייט ווען יעזוס האָט געלעבט איז דער כוח פון די אביונים — די יעזוס־אָנהענגער און פון די העלעניסטן — די גריכיש־אָנהענגער געווען צו קליין צו קאָנען ווירקן צו מאַכן ענדערונגען, אָבער געווען גענוג אָנזעעוודיק צו באַאומרואיקן די יידישע פירער.

אין לאַנד איז נישט געווען רואיק. די יידן האָבן געהאַסט די רוימער און געהאָפט אויף אַ דערלייזער, אויף אַ משיח, וואָס זאָל אַראָפּוואַרפן די רוימישע מאַכט. דאָס פאָלק איז געוואָרן אונטערדריקט סיי פון די רוימער סיי פון די יידישע הערשער. יעדע סאָרט אַגיטאַציע האָט געקאָנט פירן צו אַן אויפשטאַנד.

אַ סך יידישע באַאַמטע זיינען געווען קאָרופּטירט. זייערע הויכע אַמ־טער האָבן זיי געקריגן דורך כאַבאַר. זיי זיינען געווען קעגן דער אַגיטאַציע פון יעזוסן. עס איז זיי אויך נישט געפעלן, וואָס די יעזוס־אָנהענגער האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט, ווי אין אַ קאָמונע — וואָס איז געווען אַנדערש ווי דער אָנגענומענער וועג פון לעבן.

די רוימער האָבן געוווסט, אַז די יידן, האָפן אויף עפּעס אַ משיח, וואָס זאָל זיי אויסלייזן. ווען יעזוס איז געוואָרן מער פּאָפּולער און די רוימער האָבן אויסגעפונען וועגן זיינע משיח־אַמביציעס איז זיין גורל געוואָרן פאַר־זיגלט. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל אים ראַטעווען. די יידישע פירער און אונטער זייער איינפלוס, אַ גרויסער טייל פון די יידישע מאַסן זיינען געווען קעגן אים.

דער טויט פון יעזוסן האָט די באַוועגונג פאַר רעפאָרמען נישט אָפּגעשטעלט, זי איז געוואָרן שטאַרקער.

עס איז געווען די בויט פון דער צייט.

עס האָט געפעלט דער מענטש, וואָס זאָל עס פאַרשטיין און זאָל אויך האָבן די פעאיקייטן און דעם טאַלאַנט אַוועקצושטעלן אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייער רעפאָרמירטער יידישער רעליגיע.

אַזאַ מענטש האָט זיך באַלד נאָך יעזוס טויט געפונען, זיין נאָמען איז געווען שאול פון תרשיש. ער איז געבוירן געוואָרן אַן ערך צען יאָר נאָך יעזוס געבורט. ביי די קריסטן ווערט ער אָנגערופן „דער הייליקער פאול".

די צייט פון יעזוסן איז געווען די וויכטיקסטע אין דער געשיכטע, די יידישע ציוויליזאַציע האָט זיך דעמאָלט, דורך דעם קריסטנטום, אָנגעהויבן פאַרשפרייטן איבער דער וועלט.

דאָס בלוט אויפן צלם

נישט יעזוס איז געווען דער שאַפער פון קריסטנטום, נאָר דאָס קריסטנטום האָט באַשאַפן יעזוסן. דער איבערגאַנג פון געצנדינערײַ צו דער ייִדיש־קריסטלעכער רעליגיע איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אויסערגעוויינטלעך שווערער גייסטיקער איבערלעבונג פאַר די געצנדינערישע פעלקער. געצנדינסט איז געווען איינגעטונקען אין זינד און אין פאַרברעכן, האָט דעם מענטש אַראָפּגעשלעפּט צום אָפּגרונט. די ייִדישע רעליגיע, וואָס איז געווען עטיש־דערהויבן האָט איינגעפלאַנצט ליבע צו גאָט און צום מענטש. זי האָט דעם מענטש דערהויבן.

פאַר ייִדן איז דער גלויבן אין יעזוסן, ווי לאַנג דאָס איז נישט געווען פאַרבינדן מיט אָפּטיילן זיך פון ייִדישן פאָלק, נישט געווען קיין פּראָבלעם.

די ערשטע נאָכפאָלגער און אָנהענגער פון יעזוסן זײַנען געווען גוטע ייִדן. יעזוס האָט נישט געהייסן עובר זײַן, נאָר אָפּהיטן יעדער אות פון דער תורה. פון דער קריסטלעכער באַוועגונג האָט געקענט געבוירן ווערן נאָך אַ פּאַרטיי ביי ייִדן.

פאַר די אַנדערע פעלקער איז דער איבערגאַנג צו דער קריסטלעכער רעליגיע געווען אַ גרויסע ענדערונג צו דערהויבנקייט. די ענדערונג האָט אַרײַנגעבראַכט אַ געפיל פון חרטה און דערשלאָגנקייט צוליב די פאַרגאַנגענע זינד.

דאָס יעזוס־געשטאַלט האָט זיי געראַטעוועט פון דער דערשלאָגנקייט.

צו יעזוס האָט יאָ עקזיסטירט צו ער האָט נישט עקזיסטירט האָט דער יעזוס־סימבאָל פאַר די קריסטן — די גויאישע קריסטן — געמיינט זייער אַ סך.

דער אמתער שאַפער פון קריסטנטום, דער הייליקער פאַול, האָט נישט

געקאָנט ווערן אַזוי פאַרגעטערט ווי יעזוס, ווייל ער האָט געלעבט, און האָט זיך אויך פאַרזינדיקט: ער איז פריער, אין זיין יוגנט, געווען אַ קעגנער פון די קריסטן און האָט זיי שטאַרק באַקעמפט און גערודפט.

יעזוס איז געווען טויט און געוואָרן געקרייציקט; פון אַזאַ מענטש קאָן מען עפּעס מאַכן.

און מען האָט פון אים געמאַכט גאָר אַ סך; אַ גאָטס זון, אַ משיח, אַ שאַ־פער פון קריסטנטום, אַ קרבן פון יידישער בייזוויליקייט, אַ דערלייזער, אַ מאַרטירער און אַן אידעאַל פון רחמנות.

ער איז געוואָרן דאָס סימבאָלישע געשטאַלט, וועמענס בילד די גרעסטע מאַלער האָבן געמאָלן און די גרעסטע סקולפּטאָרן האָבן פון שטיין אויסגע־האַקט, וואָס אַלע קריסטן האָבן פאַרגעטערט און זיך געבוקט צו דעם.

די הויפּט אורזאַך פאַרוואָס יעזוס איז אויפגעבויט געוואָרן צו אַזאַ לע־גענדאַריש-סימבאָליש געשטאַלט איז געווען ווייל די געצנדינערישע קריסטן האָבן באַדאַרפט אַ קרבן פאַר זייערע פאַרגאַנגענע זינד.

יעזוס איז געוואָרן גאָטס זון, ווייל אַ געוויינטלעכער מענטש, געבערענגט פאַר אַ קרבן, וואָלט נישט געווען וויכטיק גענוג צו קאָנען מכפר זיין פאַר די אַלע זינד, וואָס די געצנדינערישע פעלקער זיינען באַגאַנגען.

ער איז געוואָרן אַ משיח, ווייל דאָס קריסטנטום האָט פאַקטיש אויסגע־לייזט די געצנדינערישע פעלקער פון זייער זומפּיק לעבן און געוויזן דעם וועג וואָס קאָן פירן צום קעניגרייך פון הימל.

ער איז געוואָרן דער באַשאַפער פון קריסטנטום, ווייל פּונקט ווי דער אַלטער טעסטאַמענט, די תורה, איז געגעבן געוואָרן פון גאָט, אַזוי האָט אויך די נייע תורה, דער עוואַנגעליום, געמוזט געגעבן ווערן פון גאָט, אָדער גאָטס-זון.

ער איז געווען אַ קרבן פון יידישער בייזוויליקייט, ווייל די גרעסטע זינד פון די געצנדינער איז געווען, דאָס פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, די מענ־טשן-קרבנות; דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן אונטערשייד צווישן יידן און אַנ־דערע פעלקער, יידן האָבן פאַר זייער גאָט קיין בלוט נישט פאַרגאָסן. די שולד פון דער קרייציקונג אַרויפגעוואָרפן אויף יידן, האָט זיי, די יידן, אַריינגע־שלעפּט אין דער בלוט-פאַרגיסונג פון אַן אומשולדיקן מענטש, אַ הייליקן מענטש, וואָס איז דער זון פון גאָט. מיט אַזאַ שווידערלעכן פאַרברעכן אויף דעם יידישן געוויסן, האָבן זיך די גויים, שוין נישט באַדאַרפט פילן געפאַלן קעגן זיי.

ער איז געווען אַ דערלייזער, ווייל מיט דער נייער רעליגיע וואָס די גוים האָבן אָנגענומען זיינען זיי באַפרייט געוואָרן פון זייער פרימיטיוו־אַמאָראַליש לעבן, אונטער וועלכן קיין מענטשלעך לעבן, איז נישט געווען זיכער.

ער איז געווען אַ מאַרטירער און אַן אידעאַל פון רחמנות, גראָד די געצנ־דינערישע פעלקער האָבן באַדאַרפט די מאַרטירערשאַפט און דעם אידעאַל פון רחמנות ווי אַ קעגן־גיפט צו זייערע פריערדיקע מעשים.

אַזוי איז אויסגעוואַקסן דאָס יעזוס־געשטאַלט, כאָטש עס קאָן זיין אַז אַזאַ מענטש האָט גאָרנישט עקזיסטירט. דאָס יעזוס־געשטאַלט איז נויטיק געווען פאַר די אַמאָליקע געצנדינער צו בארואיקן זייערגעוויסן.

די יידן האָבן איגנאָרירט די פלאַסטישע קונסט, וואָרשיינלעך צוליב דעם, וואָס זיי זיינען געווען אַ וואַנדער־פאָלק און האָבן נישט געקאָנט מיט זיך שלעפּן סטאַטועז אָדער בילדער וואָס מען האָט דעמאָלט געמאָלן אויף ווענט.

די גויים, וואָס זיינען געווען איינגעזעסן אויף זייערע ערטער האָבן פאַרהערלעכט די פּלאַסטישע קונסט. ווען זיי האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע האָבן זיי פאַרבונדן רעליגיע מיט קונסט און זיי האָבן צוליב דעם אַ סך געוווּנען.

עס איז נישטאָ נאָך אַ רעליגיע אין דער וועלט, וואָס זאָל ווערן אַזוי פאַרהערלעכט ווי די קריסטלעכע, אַ גרויסע אורזאַך דערפאַר איז, וואָס די קריסטלעכע רעליגיע איז אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט קונסט.

אַ מערי געמאָלן פון ראַפאַעל האָט די ווערט מען זאָל זיך צו איר בוקן, ווען אַפילו זי איז נישט גאָטס מאַמע.

צוויי טויזנט יאָר זיינען אַוועק פון יענער צייט. די וועלט האָט זיך דורך דער צייט אַ סך געענדערט, אָבער דאָס קריסטוס־געשטאַלט האָט זיך נישט געענדערט.

מיר יידן זיינען נישט קעגן דעם, וואָס אויך היינט שטעלט מיט זיך יעזוס פאַר אַ זון פון גאָט, אַ משיח, אַן אידעאַל פון רחמנות. מיר מישן זיך נישט אין אַנדערע רעליגיעס. מיר זיינען אָבער קעגן דעם, וואָס יעזוס ווערט פאַרגעשטעלט ווי אַ קרבן פון יידישער בייזוויליקייט. מיר זיינען קעגן דעם, וואָס מען באַשולדיקט אונדז אין יעזוסעס טויט.

דאָס יעזוס־געשטאַלט איז אויפגעבויט געוואָרן נאָך זיין טויט.

די פראַגע איז, וואָס איז יעזוס געווען ביים לעבן?

איז ער געווען קעגן יידן און קעגן יידנטום, און דערפאַר געשטאַנען מחוץ דער יידישער מחנה, ווי די קריסטן ווילן האָבן. אויב מען נעמט דאָס אָן, איז ער געשטאַנען אויסער דער יידישער יוריסדיקציע און מען קאָן האָבן טענות צו יידן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין מאָראַלישע רעכט, אַפילו אים צו משפטן. אָדער איז יעזוס געווען אַ ייד ווי אַלע יידן, איז נישט געווען קעגן יידנטום און זיין קאַמף קעגן די יידישע פירער איז געווען אין דער טראַדיציע פון יידנטום, ווי אַש וויל האָבן; דאַן האָט דאָס יידישע געריכט געהאַט אַ רעכט אים צו משפטן, קיינער קאָן נישט האָבן אויסצוזעצן, וואָס אַ יידיש געריכט האָט געמשפט איינעם פון אירע בירגער, אָפגעזעזן דערפון צו דער משפט איז געווען אַ גערעכטער; לאָמיר אַפילו זאָגן, אַז דער משפט איז נישט געווען קיין גערעכטער, קאָן אונדזער סימפּאַטיע זיין מיט דעם פאַרמשפטן, וואָס איז איינער פון אונדז און נישט מיט די ריכטער, ווי אַש ברענגט עס טאַקע אַרויס. וואָס פאַר אַ טענות קענען די קריסטן האָבן צו אונדז, ווען מיר זיינען איינשטימיק מיט זיי, אַז יעזוס איז געווען אומשולדיק.

אַז די יידן האָבן יעזוסן נישט געקרייציקט גיט דער עוואַנגעליום אַליין צו, נאָר וואָס דען, די יידן האָבן אים פאַרמשפט; אויב אָבער מיר נעמען אָן יעזוסן ווי איינעם פון אונדזערע יידן און מיר סימפּאַטיזירן מיט זיין קאַמף פאַר די מאַסן, קעגן די פירער, טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט די קעגנערשאַפט און דער האַס, וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט צו אונדז יידן?.

דער האַס פון די קריסטן צו יידן איז אַן אומזין.

דאָס צו באַווייזן איז געווען אַשס ציל.

די קריסטן פאַרגעסן, אַז זייער רעליגיע איז גענומען פון דער יידישער; זייער גלויבן אין איין גאָט, זייערע עטישע פּרינציפּן און זייערע תפלות זיי־נען יידישע. זיי פאַרגעסן אַז די אַפּאָסטאָלן, די תלמידים פון יעזוסן, וואָס האָבן פאַרשפּרייט זיין לערע זיינען געווען יידן. זיי פאַרגעסן, אַז די עוואַנ־געליסטן, וואָס האָבן געשריבן זייער תורה זיינען, אויסער איינער, געווען יידן. זיי פאַרגעסן, אַז די הייליקע מערי, וואָס ווערט אַזוי אויסערגעוויינטלעך פאַרגעטערט איז געווען אַ פּשוטע יידישע פרוי. זיי פאַרגעסן אַז דער הייליקער פּאַול, דער שאַפער פון דער קריסטלעכער רעליגיע איז געווען אַ ייד.

און זיכער ווילן זיי פאַרגעסן, אַז זייער משיח, דער זון פון גאָט, דער הייליקער פון אַלע הייליקסטע, דער געקרייציקטער מיט די בלוטיקע ווונדן, וואָס קוקט אַראָפּ פון אַלע צלמים איז געווען אַ ייד, אַ פרומער, ערלעכער ייד.

עמיצער האָט עס זיי באַדאַרפט דערמאָנען.

אַש האָט עס זיי דערמאָנט.

איך דענק, אַז ער האָט דערמיט קיין שלעכטס צו יידן נישט געטון.

די קריסטלעכע וועלט האָט יעזוסן אָפּגעריסן פון יידן און אויפגעבויט אַ גראַנדיעזע יעזוס־געשטאַלט אין פיל זייטיקע דימענסיעס.

אַש האָט אים צוריק אַריינגענומען אין די יידישע רייען, דאָרט ווי ער געהערט, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד און געשטאָרבן אַ ייד. ער איז נישט שולדיק אין דעם, וואָס אַזוי פיל יידיש־בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אין זיין נאָמען.

ביי אַשן איז דאָס יעזוס־געשטאַלט געוואָרן צעקרימט פון יסירים, צוליב די צרות וואָס זיינע ברודער יידן ליידן, צוליב דעם פאַרגאָסענעם יידיש־בלוט, וואָס די קריסטן האָבן פאַרגאָסן.

אַנדערש איז דאָס יעזוס־געשטאַלט ביי אַשן, ווי עס איז ביי די קריסטן.

פאַרוואָס זיינען אַ כך געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, ווען זיי האָבן געלייענט, אַז אַ יידישער שרייבער האָט געזען אין זיין פאַנטאַזיע, ווי דער געקרייציקטער ייד, וואָס האָט געזען ווי קריסטן ווילן פאַרגיסן יידיש בלוט, איז אַראָפּ פון צלם און פראָטעסטירט? פאַרוואָס זאָל אַזאַ פאַנטאַסטיש בילד זיין אַזוי אויסטערליש?

אַזאַ בילד איז דאָ אין אַשס אַ דערציילונג געשריבן מיט פינף און פערציק יאָר צוריק. דעמאָלט האָבן נאָך געלעבט ביאַליק, פּרץ און צייטלין. קיינער פון זיי האָט נישט פּראָטעסטירט קעגן אַשן. זיינען ביאַליק, פּרץ און צייטלין געווען ווייניקער יידן פון אב קאהן, צו פון ראַגאָפן, צי אַפילו פון חיים ליבערמאַן.

אַש גיט איבער אין אַ דערציילונג „קריסטוס אין דער געטאָ": „די נאַציס האָבן אַריינגעפּירט אַ גרופּע עלטערע יידן אין אַ קירכע אין וואַרשע, מיט דער כוונה זיי אויפצוהעצן, אַנצוטוען דאָרט שאָדן, און אַזוי אַרום צו דערפירן צו אַ פּאָגראָם; פּאַליאַקן זאָלן הארגענען יידן. דער עלטסטער פון די נאַציס, ווייזט אָן אויף דער יעזוס פיגור און זאָגט צו אַ ייד: — „דו זעסט די פיגור דאָרט, דאָס איז דאָך אייער שונא נישט וואָר? ער איז אויך אונדזער פיינט. איר קאָנט מאַכן מיט אים וואָס איר ווילט.

ביי די גרופּע יידן ווערט אַ געמורמל: — „טאַטע אין הימל! חלילה! זאָגט דער נאַצי פירער: — „עס וועט אייך גאָרנישט געשען, מען וועט

אייך גאַרנישט טאָן דערפאַר. מיר זיינען נישט מער פון דעם קריסטלעכן גלויבן.

ענטפערט אַ ייד — „און אַז מען וועט גאַרנישט טון דערפאַר, מעג מען באַליידיקן אַ פרעמדע אמונה? חלילה! אונדזער רעליגיע פאַרווערט עס.

— האָט איר דען אַליין אים נישט געטוידט...

— געטוידט? אַזוי זאָגן אונדזערע שונאים, ווען זיי ווילן יידן שלעכטס טוען. מיר ווייסן דען וואָס עס איז געווען אַמאָל? היינט איז עס דאָך די אמונה פון מיליאָנען מענטשן, אונדזערע שכנים, ווי אַזוי קאָנען מיר, הער לעבן, זיך צורירן דערצו צום שלעכטן. אונדזער אמונה פאַרווערט אונדז דאָך, אונדזער אמונה הייסט אונדז שוינען דעם גלויבן פון אַ מענטש. און גלאַט אַזוי, ווי קאָן מען דאָס, ווו איז מענטשלעכקייט, מיין הער? חלילה?

— אַך ווי שיין, אַך ווי נאַבל — לאַכט דער נאַצי — אייער גלויבן פאַרווערט דאָס אייך? פון ווען אָן? איז דאָס נישט אייער בלוטיקער פיינט זינט צוויי טויזנט יאָר? זענט איר דען נישט איבער אים פאַרשאָלטן?...

— פיינט? יידן האָבן פיל פיינט, — זאָגט דער ייד.

— האָבן אייך די קריסטן נישט פאַרפאָלגט? האָבן זיי אייך נישט אין בלאָטע געוואָרפן?

— אויב די קריסטן האָבן דאָס געטוען, איז וואָס איז ער שולדיק? מן הסתם האָבן זיי נישט געהאַלטן, וואָס ער האָט זיי געזאָגט. ווען זיי וואָלטן געהאַלטן וואָס ער האָט זיי געלערנט וואָלטן זיי אוודאי אונדז נישט געווען פאַרפאָלגט. אַנדערע וואָס גלויבן נישט אין אים באַגייען זיך דען מיט אונדז בעסער? — זאָגט דער ייד.

— נו, געזונג דעבאַטירט מיט דיר יודע — שרייט דער נאַצי פירער אין ער ווענדט זיך צו די אַנדערע יידן, זיי זאָלן זיך נעמען צו דער אַר־בעט און אַרויסוואַרפן די הייליקע בילדער. און ער שרייט אויס — נו יידן שנעלער צו דער אַרבעט!

איינער פון די יידן שרייט אויס — ניין, יידן, חלילה! גלייכער צו באַ־צאָלן מיטן לעבן איידער מחלל צו זיין אַ גלויבן פון מענטשן. יידן, עס איז אַ שעת־הכושר פון גרויס קדוש השם.

אַ קויל האָט דעם ייד געטראָפן אין האַרץ און אים אַוועקגעלייגט צו־פוסנס פון דעם מאַן אויפן צלם".

ווי פיל אמתדיקער, ערלעכער און אינטעליגענטער, עס זיינען די רייד פון אַזעלכע פרומע יידן וועגן דעם ענין יעזוס, ווי עס זיינען די רייד פון אַ סך שרייבער און אַנפאַלער אויף אַשן.

פאַר מענטשן וואָס ווייסן אַ ביסל געשיכטע איז עס גאַרנישט אַזוי אויסטערליש צו טראַכטן, אַז ווען עס וואָלט מעגלעך געווען, דאָס קריסט־לעכע הייליקע זאָלן אויפשטיין פון זייערע קברים, וואָלטן זיי פאַרדאַמט די קריסטן פאַר זייער שינאה צו יידן.

אַש האָט אַזוי געטראַכט און דאָס איז געווען דער ציל אין זיין טרי־לאָגיע, פאַרדאַמען און אויטוואָרצלען די שנאה צווישן קריסטן און יידן.

איינער האָט מיך געפרעגט — נו! האָט ער די שנאה אויסגעוואָרצלט.

איך האָב אים געענטפערט — אַ שנאה פון צוויי טויזנט יאָר קאָן מען נישט אויסוואָרצלען איבער נאַכט. אפשר, ווען עס וואָלט געווען אַן אַש מיט הונדערט יאָרן פריער וואָלטן מיר היינט געהאַט וויניקער שנאה צווישן קריסט און ייד.

נישט די אמתע עקזיסטענץ פון יעזוסן איז וויכטיק, נאָר דאָס גע־שטאַלט פון יעזוסן, וואָס איז געוואָרן אַ לעבעדיקער סימבאָל פאַר מיליאָ־נען מענטשן, איז וויכטיק.

יעזוס אַליין קאָן זיין איז אַ לעגענדע, אָבער דאָס יעזוס־געשטאַלט צוגענאָגלט צום צלם, וואָס מען זעט אומעטום און מיליאָנען מענטשן בוקן זיך צו דעם איז נישט קיין לעגענדע, איז אַווירקלעכקייט. די בילדער פון יעזוס זיינען נישט מער ווי געמאָלענע בילדער, אָבער דער כוח פון קונסט איז זייער גרויס. דאָס בלוט, וואָס מען זעט אויף די בילדער מאַכט אַן איינדרוק. קונסט ווירקט מער ווי די ווירקלעכקייט.

מיר יידן זיינען נישט שולדיק אין דעם פאַרגאָסענעם בלוט אויפן צלם. די קריסטן דענקען, אַז יאָ, און דאָס וואָס זיי דענקען האָט פאַראורזאַכט, אַז אַ סך יידיש בלוט זאָל פאַרגאָסן ווערן.

אונדזער אָפּלייקענען האָט נישט געהאָלפן, ווייל מיר האָבן אָפּגעלייקנט אַ לעגענדע, די לעגענדע פון אונדזער שולד אין יעזוס טויט, די קריסטן האָבן געזען נישט די לעגענדע, נאָר די ווירקלעכקייט פון דעם בלוט אויף דעם צלם און פון יעזוס, יסירימדיק געשטאַלט וואָס האָט מער געווירקט פון אַלע לעגענדעס.

אַ יידישער שרייבער איז געקומען און באַוויזן די קריסטן זייער טעות; דאָס בלוט אויפן צלם איז נישט קיין קריסטלעך בלוט, עס איז יידיש בלוט; דאָס ליידנדיקע געשטאַלט איז אַ יידיש געשטאַלט און די לעצטע ווערטער פון דעם געקרייציקטן „גאָט פאַרגיב זיי זיי ווייסן נישט וואָס זיי טוען" זיינען יידישע ווערטער, געשריבן אין יידישע ספרים.

דאָס ווערט נישט אָפּגעלייקנט פון דער יידישער געשיכטע, נאָר ווערט,

פסיכאָלאָגיש, אָפּגעלייקנט דורך דעם יידישן בלוט, וואָס איז, שפּעטער, פאַר־גאָסן געוואָרן צוליב דעם נאָמען יעזוס.

די פסיכאָלאָגישע אָפּלייקענונג קאָן נישט אָפּשטעלן די בלוט־פאַרגי־סונג. דאָס וואָס אַ ייד ווערט דערציטערט ווען ער הערט דעם נאָמען יעזוס קאָן אויך גאָרנישט העלפן. דאָכ, אָבער, וואָס אַ קריסט וועט דערציטערט ווערן, ווען ער וועט דערהערן, אַז דאָס בלוט אויפן צלם איז יידיש בלוט און ער וועט ווערן איבערצייגט אין דעם, ווי אַש באַווייזט עס אין זיינע ראָ־מאַנען, קאָן שוין יאָ אָפּשטעלן דאָס פאַרגיסן אומשולדיק יידיש בלוט.

איך גלויב נישט אין דעם, אַז אַ ייד ווערט דערציטערט ווען ער הערט דעם נאָמען יעזוס. שיין וואָלטן יידן אויכגעזען; זיי וואָלטן באַדאַרפט ציטערן פיער און צוואַנציק שעה אַ טאָג און יעדן טאָג אין וואָך, — מיר לעבן צווישן קריסטן און מיר הערן דעם „אַ יעזוס!״ אַלע פּאָר מינוט.

איך ווייס פון יידישע שרייבער, אַ חוץ אַשן, וואָס האָבן אויף אַלע שפּראַכן אפילו אויף יידיש אין העברעאיש געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן יעזוסן. איך ווייס פון יידישע קינסטלער, וואָס האָבן אידעאַליזירט דאָס בילד פון קריכטוסן. און איך ווייס פון יידן וואָס באַזוכן מוזעאומס און באַוווּנדערן די הייליקע בילדער.

אַ ייד איז שוין היינט געבוג פאַרהאַרטעוועט ער זאָל נישט אַזוי לייכט אויפגעציטערט ווערן. דער געשריי, אַז אַש האָט נישט געטאָרט שרייבן וועגן יעזוסן, ווייל אַ ייד וועט אויפגעציטערט ווערן, איז דעמאַגאָגיע. און די וואָס זאָגן, אַז אַש האָט נישט געטאָרט שרייבן אויף דער טעמא אין דער צייט ווען היטלער האָט געברענט יידן, זיינע אוודאי אומגערעכט, ווייל עס איז פּונקט פאַרקערט, גראָד אין אַזאַ צייט האָט מען געקענט אויפווייזן די גויים, ווי שעדלעך דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט נאָר פאַר יידן, נאָר אויך פאַר זיי, וואָס אַש האָט עס אַזוי טרעפלעך געטוען אין זיין „שריפט״ צו די קריסטן, וואָס אַ טייל דערפון ווערט, אין דעם בוך, ציטירט.

דאָס געשטאַלט פון יעזוס, אָדער ווי אַש רופט אים ישו, איז דאָס געשטאַלט פון אַן אומשולדיקן ייד, וואָס האָט געלעבט און איז געשטאָרבן איידער דאָס קריסטנטום איז געשאַפן געוואָרן. ער האָט זיך פון יידנ־טום נישט אָפּגעקערט. ער האָט זיך געחברט מיט און געקעמפט פאַר די סאַמע אָרעמכטע און דערשלאָגענסטע יידן. ער האָט באַקעמפט די יידישע פירער, וואָס האָבן זיך נישט אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די אָרעמע; וואָס זיינען, לויט דער יידישער געשיכטע, געקומען צו זייער פירערשאַפט דורך נישט קיין ערלעכע מיטלען — דורך געלט און פּראָטעקציע.

די רוימער האָבן יעזוסן געקרייציקט — זאָל זיין ווי די קריסטן זאָגן — מיט דער הילף פון די יידישע פירער, וואָס זיינען געווען קאָרומפּירט.

די גרויסע מאַסן יידן זיכער נישט געוווּסט פון דער גאַנצער זאַך, ווייל די יעזוס־באַוועגונג איז ביי זיין לעבן נישט געווען פּאָפּולער. די וואָס האָבן יאָ געוווּסט האָבן באַדויערט דעם טויט פון אַן אומשולדיקן מענטש.

מיר זיינען נישט קעגן דעם, וואָס די גויים פאַרגעטערן אַ ייד, אונדז גייט דאָס נישט אָן; מיר ווילן יעזוסן פון צלם נישט אַראָפּנעמען.

מיר ווילן, דאָס די וואָס גלויבן אין אים זאָלן וויסן, אַז דאָס בלוט אויפן צלם איז יידיש בלוט און דאָס יעזוס־געשטאַלט איז פון אַ ייד, וואָס איז נישט אַנדערש פון אַלע אַנדערע יידן.

מיר זיינען נישט שולדיק אין דעם פאַרגאָסענעם בלוט אויפן צלם, אָבער די קריסטן זיינען שולדיק אין דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון יידן.

דאָס איז וואָס מיר ווילן, אַז די קריסטלעכע פעלקער זאָלן וויסן און דאָס איז, וואָס אַש האָט זיי דערציילט.

די קריסטלעכע ציוויליזאַציע

קריסטן שטאָלצירן מיט דעם, וואָס זייער ציוויליזאַציע איז גאָר אַ גרויסער פאָרטשריט אין פאַרגלייך מיט דער אַמאָליקער געצנדינערישע ציוויליזאַציע.

דאָס איז ריכטיק, עס איז דאָ מיט וואָס צו שטאָלצירן. נישט ריכטיק איז דער נאָמען „קריסטלעכע ציוויליזאַציע", עס איז אַ פאַלשער נאָמען.

די קריסטלעכע ציוויליזאַציע איז אין דער אמתן אַ יידישע ציוויליזאַציע, וואָס סיי די קריסטלעכע, סיי די מוסולמאַנישע פעלקער האָבן מיט געוויסע ענדערונגען אָנגענומען.

דער ריטואַל קאָן זיין קריסטלעך אָדער מוסולמאַניש, דער תוך איז אַ יידישער.

ביי די קריסטן איז דער ריטואַל אויך אַ יידישער: די קליידונג פון די קאַטוילישע פריסטער בשעת אַ גאָטעס־דינסט, דאָס רויכערן דעם ווייַרויך, דאָס ביקן און שלאָגן זיך על חטא, דאָס וואַשן די הענט, זאָגן ברכות אין טרינקען וויין, די תפילות און דאָס תהילים זאָגן: אַלץ איז גענומען פון יידן.

די גרינדונג פון וואַטיקאַן מיט גאָטס פאַרטרעטער פאַר אַלע קריסטן איז נאָכגעמאַכט לויט דעם מוסטער פון בית המקדש מיט דעם כהן גדול.

ווען דער גרויסער, מאָדערנער ענגלישער היסטאָריקער אַרנאָלד טאיינבי זאָגט אין זיין באַרימטער „וועלט געשיכטע" אַז, יידן האָבן גאָרנישט אויפגעטוען די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, איז ער אומגערעכט, ווייל אַלץ וואָס די קריסטן האָבן אויפגעטוען אויף דעם סאָציאַלן און עטישן געביט, דאַרף מען דאַנקען דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן אָנגענומען די גרונט־פרינציפן פון רעליגיע, סאָציאַלן יושר און מאָראַל פון די יידן.

צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר, אין דער צייט ווען יעזוס האָט געלעבט, איז די וועלט געווען אַ געצנדינערישע וועלט. עס איז דעמאָלט געווען אײן פאָלק, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעקערט פון געצנדינעריי, דאָס זיינען גע־ווען די יידן, די קינדער פון אברהם.

ווי עס ווערט דערציילט, אַז אברהם אבינו האָט מיט אַ האַק צעבראָכן די געטשקעס פון זיין טאַטן תרח.

די יידן האָבן געשאַפן זייער אייגענע קולטור, די ביבל־קולטור, וואָס האָט שטאַרק באַקעמפט געצנדינעריי. די יידן האָבן, דורך דער צייט פון זייער עקזיסטענץ, ביז דער צייט פון יעזוס, אויפגעבויט זייער אייגענע ציוויליזאַציע, אַ יידישע ציוויליזאַציע וואָס איז געווען אין אַ שטאַרקן קאָנ־טראַסט צו דער געצנדינערישע ציוויליזאַציע.

דער אונטערשייד פון דיביידע ציוויליזאַציעס איז געווען זייער גרויס.

די יידישע ציוויליזאַציע האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זי האָט פאַרבינדן די אויפפירונג פון מענטש מיט רעליגיע, מיט דעם גלויבן אין גאָט. די געצנדינערישע געטער האָבן זיך נישט אינטערעסירט מיט דער אויפפירונג פון מענטש, איז דערפאַר דער געצנדינער געווען, אין עטישן זין, אַ ווילדער מענטש, אַ הפקר מענטש. עס זיינען ביי זיי אויך געווען גע־זעצן קעגן פאַרברעכער, אָבער יעדער איינער איז געווען אַ פּאָטענציעלער פאַרברעכער, קיין מאָראַלישער אָפּהאַלט האָט נישט עקזיסטירט.

די יידן האָבן געהאַט אַ מאָראַל, דער מענטש דאַרף זיין גוט, נישט טוען קיין שלעכטס, נישט אויס מורא פאַר דעם געזעץ, נאָר ווייל גאָט וויל אַזוי. און גאָט איז אין דער צייט פון די נביאים דערגאַנגען צום באַגריף פון גאָט־מענטש.

ווען אַ גאָט רעדט צו אַ מענטש ווערט ער, דערמיט, אַ טייל פון מענטש. ביי יידן, אין דער ביבלישער צייט, האָט גאָט גערעדט צו מענטשן: ער האָט גערעדט צו אברהם, צו משה און צו די נביאים; און דורך זיי צום פאָלק. דאָס האָט געשאַפן, ביי יידן, אַ נאָענטע קרובהשאַפט צווישן געטלעכקייט און מענטשלעכקייט, וואָס האָט זייער מענטשלעכקייט דערהויבן צו אַ הויך־כער מדרגה.

דאָס לעבן פון די יידן איז דערפאַר געווען אָן אַ שעור ריינער, העכער און עטישער, ווי עס איז געווען דאָס לעבן פון די געצנדינערישע פעלקער.

דער באַגריף פון גאָט־מענטש האָט זיך דערנאָך ביי די קריסטן אַ סך פאַרברייטערט, און גאָט איז ביי זיי, באמת, געוואָרן אַ מענטש.

די יידישע רעליגיע איז נישט געווען סטאַטיש, זי האָט זיך אַנטוויקלט

מיט דער צייט. אין דער צייט ווען יעזוס האָט געלעבט האָט די יידישע רעליגיע אין אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישן זין, טעאָלאָגיש, זיך שוין געהאַט אַנטוויקלט צו אַ הויכער שטופּע. דער ציל פון דער אַנטוויקלונג איז גע־ווען צו פאַרגעטלעכן דעם מענטש און צו אַנטמענטשלעכן גאָט.

גאָט האָט ביי יידן אָנגעהויבן צו ווערן, דאָס וואָס דער רמב"ם האָט געמאַכט פון אים מיט איבער טויזנט יאָר שפּעטער, אַ וועזן, וואָס קיין מענטש קאָן עס גאָרנישט באַנעמען; איז אָפּגערעדט, אַז אַזאַ גאָט זאָל זיך באַווייזן צו אימיצן, אָדער ריידן מיט ווּעמען.

יידן האָבן דאָן שוין געגלויבט אין אַ יענער וועלט, אין אַ מלכות השמים; דאָס איז געווען נויטיק צוליב דער מענטשלעכער שוואַכקייט צו קריגן אַ שכר פאַר זיינע גוטע מעשים. די יידישע עטיק איז אָבער שוין געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער מדרגה, דאָס זי האָט פאַרלאַנגט, דער מענטש זאָל דינען גאָט, וואָס מיינט צו זיין אַן עטישער מענטש, נישט אויף צו קריגן באַצאָלט דערפאַר.

עס זיינען דעמאָלט שוין געווען באַקאַנט די שיטות פון די גרויסע גריכישע פילאָזאָפן וועגן גאָט און וועגן דער באַשאַפונג, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די יידן. מען האָט דעמאָלט נישט געקאָנט קומען און זאָגן, גאָט האָט מיט מיר גערעדט און מען זאָל אים דעם גלויבן.

דאָס נביאות האָט זיך דאָן אָפּגעטוען פון די יידן, נישט דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט געהאַט די זכיה דערצו, נאָר ווייל יידן זיינען געווען, ראַ־ציאָנאַל, מער פאָרטגעשריטן.

די נביאים האָבן טאַקע באַשאַפן גרויסע ליטעראַרישע ווערק, זייער אינהאַלט איז פון גאָר אַ הויכן ווערט, אָבער זייער אויפן פון ריידן — „גאָט האָט צו מיר גערעדט" — אויב מען זאָל עס נישט נעמען פיגוראַטיוו, איז עס נאָר געווען מעגלעך ביי אַ פאָלק אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד, וואָס יידן זיינען עס שוין נישט געווען אין דער צייט, ווען דאָס קריסטנטום איז אַנטשטאַנען.

דער באַגריף פון גאָט און געטלעכקייט איז ביי יידן, אין טעאָלאָגישן זין, געווען אַ העכערער אין דער צייט פון יעזוסן ווי אין דער צייט פון די נביאים. זיי האָבן נישט געקאָנט גלויבן אין דעם, אַז גאָט רעדט צו אַ מענטש און זיי האָבן זיכער נישט געקאָנט אָננעמען די ווערסיע פון די קריסטן, אַז אַ פרוי איז שוואַנגער געוואָרן פון גאָט און געהאַט אַ זון, וואָס איז אַ מענטש און אַ טייל פון גאָט.

דאָס איז געווען צו פּרימיטיוו פאַר דעם הויכן „סטאַנדאַרד" פון דער

יידישער רעליגיע אין יענער צייט, עס האָט זיך אָבער זייער גוט אַריינגעפּאַסט צו די פּרימיטיווע געצנדינערישע פעלקער.

פאַר די פּרימיטיווע געצנדינערישע פעלקער איז די אידעע פון גאָט־מענטש געווען זייער נויטיק. זיי האָבן טאַקע אָנגענומען דעם גלויבן אין איין גאָט, וואָס קיינער זעט נישט, אָבער דער איינער גאָט איז געווען צו אַבסטראַקט, ער זאָל קאָנען פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע פון דעם פּרימיטיוון מענטש. דעם גאָט־מענטש יעזוס האָבן זיי געקאָנט בעסער באַנעמען. די פּרימיטיווע אויספאַסונג פון אַ פרוי, וואָס ווערט טראָגעדיק פון גאָט און האָט אַ זון, וואָס איז אי אַ מענטש אי אַ גאָט האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין זייערע געצנדינערישע לעגענדעס.

וואָלט דאָס קריסטנטום געבליבן צווישן יידן; עס וואָלט געוואָרן דער־פון בלויז אַ רעפאָרמירטער אָפּטייל פון דער יידישער רעליגיע, ווי מיר האָבן, צום ביישפּיל, היינט די רעפאָרמירטע יידן — קיינער וויל זיי נישט אויסשליסן פון כלל ישראל — וואָלטן זיך זיכער די אַלע יעזוס־לעגענדעס אַנדערש פאָרמירט. ווען דאָס קריסטנטום האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון יידנטום האָבן שוין ממילא די אַלטע געצנדינערישע טראַדיציעס גע־האַט אַ ווירקונג. די מעשה, אַז אַ פרוי איז געוואָרן שוואַנגער פון גאָט איז עכט געצנדינעריש.

די ערשטע יידיש־קריסטן האָבן גאָרנישט געוווסט פון די מעשיות פון מערי, די מאַמע פון יעזוסן, וואָס איז געוואָרן טראָגעדיק פון גאָט. זיי וואָלטן נישט געגלויבט אין אַזעלכע מעשיות. זיי האָבן געגלויבט, אַז יעזוס איז אַ דערלייזער, וואָס וועט זיי אַחוץ ברענגען אין קעניגרייך פון הימל, אויך אויסלייזן פון רוימישער הערשאַפט. ווען זיי האָבן דערנאָך געזען, דאָס ער האָט נישט בדעה זיי אויסצולייזן פון רוימישער הערשאַפט, נאָר ער וויל זיי בלויז פירן צום קעניגרייך פון הימל, נאָכן טויט פאַרשטייט זיך, האָבן אַ סך אָנהענגער אים פאַרלאָזט.

די יידישע פירער האָבן נישט איינגעזען די וויכטיקייט פון יענער צייט. צו זיי האָבן זיך, בכלל, נישט פאַראינטערעסירט מיט דער נויטווענ־דיקייט פון אַנדערע פעלקער. אויך יעזוס האָט עס נישט איינגעזען. ער האָט געזאָגט: ער איז געקומען בלויז צו יידן, אַנדערע פעלקער אינטערעסירן אים נישט. אַזוי האָבן אויך אַלע אַנדערע אַפּאָסטאָלן פאַרלאַנגט, אַז יעדער, וואָס ווערט אַ מיטגליד אין זייער געזעלשאַפט, מוז אָפּהיטן אַלע מצוות פון דער תורה.

עס איז געווען איין מענטש, דעמאָלט, שוין נאָך יעזוסעס טויט, וואָס

האָט עס יאָ איינגעזען, וואָס האָט פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ לאַגע די וועלט געפונט זיך: דאָס איז געווען שאול פון תרשיש, דער הייליקער פּאָול.

ער איז געווען אַ ייד אַ תלמיד חכם, אַ תלמיד פון רבן גמליאל. ער איז אויך געווען געלערנט אין וועלטלעכע למודים. אַ געבוירענער אין תרשיש, אַ גריכישע שטאָט, האָט ער זיך פרי באַקענט מיט דער גריכישער קולטור, וואָס איז דאן געשטאַנען זייער הויך. די שטאט תרשיש איז געשטאַנען דירעקט אונטער דער הערשאַפט פון רוים, דערפאַר איז שאול געווען אַ רוימישער בירגער און געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

ער איז געווען קלוג, אינטעליגענט, אַן אויסערגעוויינטלעכער אָרגאַניזאַטאָר מיט אַ שאַרפן חוש פאַר היסטאָרישע געשעענישן.

ער האָט געזען, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערע רעליגיע אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אַזוי צוגעפּאַסט צו די פעלקער, וואָס האָבן זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון געצנדינערײַ, ווי עס איז די יידישע רעליגיע.

שאול פון תרשיש איז געווען גענוג אינטעליגענט צו פאַרשטיין, אַז די גויים קענען נישט אָננעמען די יידישע רעליגיע אַזוי ווי זי איז, מיט אַלע תריג מצוות. וואָס אפילו יידן אַליין היטן נישט אָפּ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז די רעליגיע רעפאָרמירן. און ער האָט זיך דאָס אונטערגענומען צו טוען, צו רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע.

די גרונט פּרינציפּן: דער גלויבן אין איין גאָט, די פאַרבינדונג פון מענטש מיט גאָטס ווילן, די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס דער מענטש האָט צו אַ העכערן, געטלעכן כוח, די ליבע צום מענטש, די סאָציאַלע און עטישע אידעאַלן און די פאַרהייליקונג פון דער ביבל-קולטור האָט ער אָנגענומען.

די געזעצן און מנהגים, וואָס ער האָט געדענקט, זיי האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט האָט ער נישט אָנגענומען.

ווען די יידן וואָלטן געבליבן אין זייער לאַנד און געווען זעלבסטשטענדיק וואָלט די קריסטלעכע באַוועגונג געווען, ווי אַ מין חסידישע באַוועגונג, וואָס נעמט זיך אָן פאַרן פּראָסטן פאָלק און וואָלט זיך סימבאָליש און לעגענדאַריש אַנדערש פאָרמירט.

די יידן זיינען אָבער באַלד אין אָנהייב פון דער קריסטלעכער באַוועגונג פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט. רעליגיע איז געוואָרן דאָס איינציקע מיטל פאַר יידן אָנצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט. ווען זיי דערלויבן די רעפאָרמען וואָס די קריסטלעכע רעליגיע האָט געמאַכט און אַנדערע פעלקער, האָבן זיי אָנגע-

נומען, וואָלטן זיי אויסגעמישט געוואָרן צווישן זיי און אונטערגעגאַנגען ווי אַ פאָלק.

דאָס האָבן יידן נישט געוואָלט.

מען קאָן פרעגן פאַרוואָס האָבן זיי נישט געוואָלט? וואָס איז זיי אַזוי געגאַנגען אין לעבן אָנצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע־אידענטיטעט? אַנדערע פעלקער האָבן עס לייכט אויפגעגעבן.

עס קאָן זיין, עס איז געווען דערפאַר ווייל די יידן האָבן שוין געהאַט אַ לאַנגיאָריקע אייגענע ציוויליזאַציע, די ביבל ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר דעם אויסדערוויילטן פאָלק. וואָלטן זיי זיך באַדאַרפט אויס־מישן מיט פעלקער, וואָס זיינען געשטאַנען העכער פון זיי, וואָלטן זיי עס אפשר געטוען, אויסמישן זיך מיט פעלקער נידעריקער פון זיי, האָבן זיי נישט געוואָלט. עס קאָן זיין, עס זיינען געווען נאָך אַנדערע היסטאָרישע און פסיכאָלאָגישע אורזאַכן פאַר דעם. די צייט איז שוין צו לאַנג אַוועק, מען זאָל זי קאָנען איצט גענוי אויספאָרשן.

יידן זיינען אין דעם פאַל געוואָרן אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער. ביי אַנדערע פעלקער איז רעליגיע נישט די גרענעץ, וואָס זאָל באַשטימען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט. די פּאָליאַקן, די פראַנצויזן און די שפּאַניער האָבן די זעלביקע רעליגיע, אָבער זיי זיינען פאַרשידענע פעלקער. די דייטשן, די שווייצער און די אַמעריקאַנער, האָבן — יעדע פון זיי — פאַרשידענע רעליגיעס. ביי זיי זיינען דאָ אַנדערע כוחות, וואָס ווירקן אָנצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט.

דער ריס צווישן יידנטום און קריסטנטום איז געוואָרן, וואָס אַמאָל גרעסער ביז עס איז באַשאַפן געוואָרן ביי יידן אַ בטול באַציאונג צום קריסטנ־טום. די בטול־באַציאונג פון ייד צום גוי איז דערנאָך אויסגעוואַקסן צו אַ געוואַלדיק גרויסן כוח, וואָס האָט געהאָלפן יידן דורכברעכן אַ כך נגושות און באַליידיקונגען פון גוי צום ייד.

די תלמידים פון יעזוסן די אַפּאָסטאָלן האָבן נישט געהאַט בדעה צו גרינדן אַ נייע רעליגיע. פּאָול האָט אויך נישט מער געוואָלט ווי רעפאָר־מירן די יידישע רעליגיע. ווען ער האָט געזען, אַז די יידישע פירער זיינען קעגן רעפאָרמען און די פעלקער זיינען ווילליק אָנצונעמען אַ רעפאָרמירטע און פאַרלייכטערטע יידישע רעליגיע, האָט ער אַזאַ רעליגיע געגרינדעט.

די גרינדער פון דער קריסטלעכע רעליגיע זיינען געווען יידן, די

שלום אַש

גרונט־פּרינציפּן פון קריסטנטום און דער גרעסטער טייל פון זייער ריטואַל איז גענומען פון יידן. די קריסטלעכע רעליגיע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, און געשאַפן די קריסטלעכע ציוויליזאַציע, וואָס איז אין דער אמתן אַ יידישע ציוויליזאַציע.

פירן אַשם ביכער צו שמד

צו זאָגן, אַז אַשס ביכער פירן צו שמד, איז דער גרעסטער אומזין. עס איז אַ באַליידיקונג פאַר דער יידישער רעליגיע. די יידישע רעליגיע איז נישט אַזוי שוואַך, אַזוי אָן כוחות, אַזוי נישטיק, עס זאָל גענוג זיין פאַר אַ רעליגיעזן ייד — נאָר אַ רעליגיעזער ייד קאָן זיך שמדן — ער זאָל איבערלייענען אַן אויסגעטראַכטע מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, וועט ער זיך צוליב דעם גיין שמדן.

יידן שמדן זיך נישט אַזוי לייכט!

יידן שמדן זיך צוליב דריי אורזאַכן: — „אויס מורא, ווייל זיי זיינען אין געפאַר; עס דראָט זיי דער טויט, אָדער אַרויסגעטריבן צו ווערן פון אַ לאַנד; ווי עס איז געווען אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע; — צוליב אַ קאַריערע; ווען זיי לעבן אין לענדער, ווו זיי ווערן פאַרפאָלגט, מען לאָזט זיי נישט דערגרייכן דאָס, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט לויט זייערע פעאיקייטן, און — דורך אַסימילאַציע; ווען אַ קליינע צאָל יידן ווערט פאַרוואָרפן צווישן גויים און זיי אַסימילירן זיך; וועט אין פאַרלויף פון אַ פאָר דורות נישט זיין קיין אונטערשיד צווישן ייד און גוי, און דער ייד וועט ווערן גרייט אויפצוגעבן זיין ביסל יידישקייט. יאָ! עס איז דאָ נאָך איין אורזאַך: ליבע. עס טרעפט, אַז יידן שמדן זיך אויס ליבע צו אַ קריסטלעכן בחור אָדער מיידל.

אויס איבערצייגונג שמדט זיך נישט קיין ייד. ער קאָן עס נישט טוען, ווייל אויך די קריסטן האַלטן די ביבל פאַר אַ הייליק בוך און זאָגן, אַז צו יידן איז די תורה געגעבן געוואָרן און נאָר זיי זיינען מחויב אָפצוהיטן די מצוות פון דער תורה — איז דערפון געדרינגען, אַז דער וואָס ווערט געבוירן אַ ייד קאָן זיך פון די מצוות נישט באַפרייען און קאָן זיך נישט שמדן.

די פּראָפּאַגאַנדע פון די מיסיאָנערן איז צוליב דעם אַ גרויסער דורכ־פאַל; עס איז נישטאָ קיין לאָגיק אין דער פּראָפּאַגאַנדע. עס איז דאָ אַ חשבון, אַז עס קאָסט די מיסיאָנערן אַ האַלבער מיליאָן דאָלאַר צו שמדן איין ייד, און דער ייד נאַרט זיי אָפּ.

ווי אַזוי קאָנען יידן גלויבן, אַז משיח איז שוין געקומען, ווען זיי זיינען נאָך נישט אויסגעלייזט געוואָרן. ווי אַזוי קאָנען יידן אָננעמען די קריסטלע־כע רעליגיע, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די מצוות פון דער תורה, ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן צו די יידן און אָנגעזאָגט געוואָרן פון גאָט דורך משה, אַז יידן מוזן אָפּהיטן די תורה — האָט דאָך יעזוס אַליין געזאָגט, אַז יעדער אות פון דער תורה מוז אָפּגעהיטן ווערן.

אַנדערע פעלקער קאָנען עס טוען, ווייל צו זיי איז די תורה נישט גע־געבן געוואָרן, אָבער יידן, וואָס זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני, האָבן געזאָגט נעשה ונשמע, מוזן אָפּהיטן די תורה, וואָס אויך די קריסטן האַלטן פאַר הייליק.

דאָס וואָס די קריסטן פאַרלאַנגען פון יידן איז אפילו פון קריסטלעכן שטאַנדפּונקט אוממעגלעך.

זיי, וואָס זייערע הענט זיינען איינגעטינקט אין בלוט — נישט בלויז אין יידיש בלוט, נאָר אויך אין קריסטלעך בלוט — דאָס האָבן די גויים געהאַרגעט דעם הייליקן פּאַול און דעם הייליקן פּעטער, דאָס האָבן זיי גע־וואָרפן די ערשטע קריסטן פאַר די חיות — זיי פאַרגיסן יידיש בלוט ביז דעם היינטיקן טאָג, דערפאַר וואָס יידן האָבן געקרייציקט יעזוסן, ווען אין עוואַנגעליום שטייט בפירוש, אַז די רוימער האָבן אים געקרייציקט.

וואָס זענען מענטשן, וואָס האַנדלען ווי קריסטן צו יידן, אויב נישט מערדער? די קריסטן ווילן דאָס נישט צוגעבן. ביי זיי זיינען די יידן די מערדער. אַש ווייזט זיי אָן — אומדירעקט — אויף זייער טעות.

עס זיינען געווען אין „ישראל" יידן, וואָס האָבן זיך געשמדט צו קריגן וויזעס, צוקאָנען פאָרן קיין בראַזיל. ווען זיי פאָרן נישט קיין ישראל וואָלטן זיי זיך נישט געשמדט, ווייל אין אַנדערע לענדער האָט מען אַזעלכע וויזעס נישט געגעבן. אַ צעדרייטער מוח קאָן דערפון דרינגען, אַז מען טאָר נישט פאָרן קיין ישראל, ווייל ישראל פירט צו שמד. מען דאַרף זיין נאָך מער צעדרייט, צו זאָגן, אַז אַשס ביכער פירן צו שמד, ווייל אַז יידן האָבן זיך געשמדט אין ישראל צוליב וויזעס, קאָן מען נישט אָפּלייקענען, אָבער קיי־נער קאָן נישט אָנווייזן אויף איין ייד, אַז ער האָט זיך געשמדט צוליב אַשס ביכער.

וואָס ציטערן אַזוי די טרפהנע יידן, וואָס גייען נישט אפילו יום כפור אין שול אַריין, איבער שמד? שמד איז היינט ביי יידן נישט קיין פּראָבלעם. דער פּראָבלעם איז, וואָס יידן ווערן אויס יידן נישט שמדנדיק זיך. פאַרוואָס טראַכטן זיי נישט בעסער וועגן: וואָס פאַר אַ יידן זייערע קינדער זיינען און וואָס פאַר אַ יידן זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך וועלן זיין, נישט זייענדיק געשמדט. הונדערטער טויזנטער יידן זיינען געוואָרן אויס יידן, נישט שמדנדיק זיך, מען האָט אויסגעפונען, אַז זיי זיינען געווען יידן, ווען מען איז זיי געגאַנגען באַגראָבן.

דער ייד וואָס שמד זיך איז שוין לאַנג פריער קיין ייד נישט געווען.

אפשר בין איך אומגערעכט, אָבער איך האָב נישט קיין צוטרוי צו די יידישע שרייבער, וואָס ציטערן און מאַכן געוואַלדן, אַז אָט אָט לויפן זיך יידן שמדן. אין דער מורא, אַז אַ ייד קאָן זיך שמדן פאַר אַ ליאַדע קלייניקייט, ווי איבערלייענען אַ מעשה, איז דאָ מער געפאַר, ווי זיי דענקען, אַז עס איז דאָ אין אַשס ראָמאַנען; די מורא ווירקט פסיכאָלאָגיש; זי ווירקט מען זאָל מיינען, דאָס יעדער ייד איז אַ פּאָטענציעלער משומד, וואָס זוכט נאָר אַ געלעגנהייט זיך צו באַפרייען פון יידן און יידישקייט.

אויף שוואַכע יידן קאָן עס ווירקן, זיי זאָלן זוכן די געלעגנהייט.

רוזוועלט האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט „מען דאַרף מורא האָבן פאַר דער מורא אַליין".

עס איז אוממעגלעך, אַז אפילו איין ייד זאָל זיך שמדן דערפאַר ווייל נאָך איינער האָט געזאָגט, דאָס וואָס מיליאָנען מענטשן האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז יעזוס איז געווען אַ הייליקער; מעג דער איינער זיין שלום אַש, אָדער דער ליובאַוויטשער רבי.

עס איז דאָ איין אורזאַך וואָס פירט צו אַלע יידישע צרות, דאָס איז די שנאה פון גוי צום ייד.

די שנאה פון גוי צום ייד פירט צו פאַרפאָלגונגען, צו אויסנאַם גע־זעצן, צו נישט לאָזן דעם ייד דערגרייכן, וואָס ער וואָלט געקאָנט לויט זיינע פעאיקייטן; וואָס נאָך ערגער, עס פירט צו אַרויסטרייבן יידן פון זייערע היים־לענדער, צו פּאָגראָמען און שחיטות און צו שמד.

דער פאָרטשריט פון דער וועלט האָט געפירט צו אַ סך פאַרלייכטע־רונג פאַר דעם ייד. די שנאה צום ייד, וואָס איז איינגעבוירן פון דור, דורות האָט דער פאָרטשריט נישט אויסגעוואָרצלט. דייטשלאַנד האָט באַוויזן ווי גרויס עס קאָן זיין די שנאה צו יידן אַפילו אין אַ הויך ציוויליזירט לאַנד.

אין דער יידישער געשיכטע זיינען געווען אַ סך צייטן, ווען יידישע

פירער האָבן געזוכט אַן עצה קעגן דער שנאה פון די גוים. אין דער מאָ־דערנער צייט האָט ד״ר הערצל געפונען די עצה אין דעם, אַז יידן זאָלן זיך אָפּטיילן פון די גוים, זיי זאָלן צוריקגיין און אויפבויען זייער לאַנד פון אַמאָל. זאַנגוויל אין די טעריטאָריאַליסטן האָבן געהאַט די זעלביקע עצה: אַוועק פון די גוים, וווהין עס איז נאָר מעגלעך.

די יידישע סאָציאַליסטן און זייערע פירער האָבן געפונען די עצה אין סאָציאַליזם, אין ענדערן דעם סיסטעם, אין אָראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס פאַראורזאַכט אַלע צרות.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען קאָן זיין אַ סאָציאַליסט און אויך אַן אַנ־טיסעמיט און אַז סאָציאַליזם מוז נישט אויסוואָרצלען די שנאה צו יידן. און דאָס לאַנד „ישראל״ האָט באַוויזן, אַז אחד העם איז געווען גערעכט: אַ יידיש לאַנד קאָן ווערן דער צענטער, וואָס זאָל אויפהויבן דעם נאַציאָנאַלן און קולטורעלן מצב פון יידישן פאָלק; אַרויסנעמען אַלע יידן פון די גלות לענדער, וועט ישראל נישט קאָנען. דער רוב יידן וועט מוזן בלייבן אויסער ישראל.

אויב די שנאה צו יידן בלייבט אַזוי שטאַרק ווי געווען, קאָן דער ציוניזם סיי ווי קיין עצה נישט זיין, ווען אפילו מען וואָלט געקענט אַלע יידן באַזעצן אין ישראל — מען קאָן אומברענגען די יידן אפילו אין אַן אייגן לאַנד. סאָציאַליזם קאָן אויך גאָרנישט העלפן, ווייל סאָציאַליזם קאָן אפשר אויסהיילן די פאַרברעכנס וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אָרעמקייט און שקלאַ־פעריי אָבער נישט פאַרברעכנס וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רעליגיע און טראַדיציע, ווי עס איז יידן־האַס.

אויב אַזוי, בלייבט פאַר יידן שטיין שאַרף די פראַגע: וואָס פאַר אַן עצה איז דאָ קעגן דער שנאה פון די גוים, וואָס האָט געברענגט צו אַ היטלער חורבן? — אַש האָט געגעבן זיין ענטפער.

עס איז דער אַלטער יידישער ענטפער: מוסר!

יידן זיינען געוואָרן באַרימט איבער דער וועלט נישט צוליב זייערע פילאָזאָפן, נישט צוליב זייערע וויסנשאַפטלייט און נישט צוליב זייערע קינסטלער; זיי זיינען באַרימט געוואָרן צוליב זייערע נביאים. וואָס איז געווען דער אויפטו פון די נביאים? זיי האָבן גאָרנישט אויפגעטוען; זיי האָבן נישט מער ווי געזאָגט מוסר.

וואָס פאַר אַ כוח איז דאָס געלעגן אין די מוסר־רייד פון די נביאים, וואָס עס האָט די יידן צוליב דעם, קאָן מען זאָגן, געמאַכט אויף אייביק וועלט־באַרימט?

עס איז געווען דער כוח פון גערעכטיקייט, דער כוח פון יושר. נישט אין דער ליטעראַרישקייט, אין דער רעטאָרישקייט און אין דער קינסטלע־רישקייט איז געלעגן דער כוח פון די נביאים, נאָר אין זייער גערעכטיקייט.

די נביאים האָבן נישט געזאָגט מוסר בלויז צו יידן, נאָר אויך צו אַנדערע פעלקער. אויב עס איז מער נישטאָ ווי איין גאָט, איז דער איינער גאָט נישט בלויז פאַר יידן נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער.

אַש האָט געוווּסט, אַז אין דעם שטרייט צווישן יידן און קריסטן זיינען די יידן גערעכט. און ער איז געקומען אָנווייזן די קריסטן אויף זייער אומגערעכטיקייט, נישט דירעקט, נאָר אומדירעקט דורך די ראָמאַנען וואָס ער האָט געשריבן.

ער איז נישט געקומען האָבן וויכוחים מיט זיי, דערנידעריקן זייער רעליגיע און הייליקע. ניין! ער האָט צוגעגעבן, אַז יעזוס איז געווען אַ וויכטיקער מענטש, אַ הייליקער מענטש, וואָס האָט באַוויזן וווּנדער, אָבער ער דערציילט, אַז דער הייליקער מענטש יעזוס איז געווען אַ ייד, ווי יעדער ייד וואָס ווערט געשלאָגן פון קריסטן אין אַ פּאָגראָם. ער האָט צוגעגעבן, אַז די קריסטלעכע רעליגיע שטייט אויף אַ הויכער עטישער מדרגה. אָבער די קריסטן האָבן די הויכע עטיק נישט געשאַפן. דאָס גוטע, וואָס איז דאָ אין זייער רעליגיע, מיט וואָס זיי שטאָלצירן, איז גענומען פון יידן.

און ער דערציילט זיי: ווי שווער עס איז אָנגעקומען די ערשטע קריסטן, וואָס זיינען אַלע געווען יידן, אַריינצוקלאַפּן אין די גויאישע קעפּ אָט די קריסטלעכע תורה. זיי האָבן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז דערפאַר. ער דערציילט אויך, אַז זיי, וואָס האָסן די יידן פאַר רודפן איין קריסט — יעזוס, האָבן גערודפט געוואָרפן צו די חיות און געקרייציקט טויזנטער קריסטן.

אַש דערציילט נאָך אַ סך זאַכן צו די קריסטן אין זיין טרילאָגיע, „די נאַזאַרין", „מערי" און „אַפּאָסטאַל", פון וואָס זיי קאָנען אַ סך לערנען.

אַש איז געקומען צו די גוים, ווי אַ קינסטלער־נאָוועליסט, ווי איינער וואָס איז אָנערקענט אויך ביי זיי, און ער האָט זיי מעשיות דערציילט: מעשיות וועגן זייער משיח יעזוס, וועגן זייער הייליקע מאַמע, און וועגן דעם הייליקן פּאָול. צוזאַמען מיט די מעשיות וועגן זייערע הייליקע האָט ער זיי דערציילט, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וויסן און געדענקען, אַז פאַר אַלעם דאַרפן זיי דאַנקען יידן.

דער מוסר פון די אַלע מעשיות איז, אַז דער האַס פון די קריסטן צו די יידן איז אַ גרויסע זינד און אַז רודפן, פּאָגראָמירן און מאָרדן יידן איז אַ שרעקלעכער פאַרברעכן; עס איז מערדעריי.

שלום אַש

ווען די קריסטן דאָס איינזען?

אַש גלויבט, אַז יאָ, אפשר נישט באַלד, אָבער מיט דער צייט. אַש גלויבט אין מענטש, ער גלויבט אין גערעכטיקייט, און ער גלויבט, אַז אויך דער גוי איז אַ מענטש און וויל אויך זיין גערעכט.

ניין! אַשס ביכער פירן נישט צו שמד; זיי פירן צו איינזעניש, צו גערעכטיקייט, צו אַ יושרדיקע באַציאונג צו יידן.

די קריטיקער

ווען עס איז דערשינען „דער מאַן פון נצרת" האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „פאָרווערטס" אָפּהאַנדלונגען וועגן בוך. דער צוועק פון די אָפּהאַנדלונגען איז געווען אַראָפּצורייסן דאָס בוך. ווען איינער וואָלט געוואָלט שרייבן גוטס וועגן דעם בוך, וואָלט מען עס אין „פאָרווערטס" נישט געדרוקט.

עס האָבן געשריבן אַב קאהן, הלל ראָגאָף, חיים ליבערמאַן, ח. טשערנאָוויץ און אַנדערע. אַלע האָבן דאָס בוך שטאַרק אַראָפּגעריסן. יעדער איינער פון די דערמאָנטע שרייבער איז געווען גוט צוגעגרייט. ח. טשערנאָוויץ איז אַן אויטאָריטעט אויף דעם געביט פון טעאָלאָגיע. ליבערמאַן ווייסט זייער אַ סך וועגן יידישע און קריסטלעכע טעאָריעס. אַב קאהן און הלל ראָגאָף זיינען אויך געווען גוט צוגעגרייט צו שרייבן וועגן דעם ענין.

דער דרוק פון די אַרטיקלען אויף די לייענער פון „פאָרווערטס" איז געווען זייער גרויס. דער לייענער האָט זיך פּשוט דערשראָקן פאַר דער לומדות, וואָס די שרייבער האָבן אַרויסגעוויזן. אפילו אַן אינטעליגענטער לייענער האָט זיך נישט געקענט קעגנשטעלן קעגן די בקיאות און שאַרפקייט פון די אויבנדערמאָנטע שרייבער.

אַ יידישע צייטונג האָט אַ סך מער איינפלוס אויף אירע לייענער, ווי אַ צייטונג אין אַן אַנדער שפּראַך האָט. איינער קאָן לייענען אַן ענגלישע צייטונג נישט ווייל ער איז מסכים מיט איר „פּאָליסע" אָדער מיט אירע מיינונגען, נאָר צוליב אַ זייטיקער אורזאַך: צוליב די „ספּאָרטס" וואָס ווערן דאָרט באַשריבן, צוליב די „קאַרטונס" וואָס אים געפעלט, אָדער ווייל ער קאָן דאָרט אַ סך אויסגעפונען וועגן פינאַנצן. אַ ייד לייענט די יידישע צייטונג וואָס שטימט מיט זיינע מיינונגען.

שלום אַש

פּראָפּאַגאַנדע איז אַ געפערלעך וואָפן. די פּראָפּאַגאַנדע פון „פאָרווערטס" קעגן אַשן איז געווען געפערלעך פאַר אַשן.

אַש האָט זיך פּלוצים געפונען אין אַ שרעקלעך ביטערער לאַגע. די ציַיטונג, וואָס האָט יאָרן לאַנג געדרוקט זיַינע דערציילונגען, וואָס האָט אים אַרויסגעפירט און באַרימט געמאַכט פאַר צענדליקער טויזנטער יידישע לייענער, האָט נישט נאָר פאַרהאַקט די טיר פאַר אים, נאָר האָט זיך אונטער־גענומען אַשן צו פאַרניכטן.

צו אונדזער גרויסער חרפּה מוז מען צוגעבן, אַז די פּראָפּאַגאַנדע האָט שטאַרק געווירקט.

פאַרוואָס האָט עס דער „פאָרווערטס" געטוען?

עס איז שווער צו גלויבן, אָבער עס איז מעגלעך, אַז די שרייבער האָבן געמיינט, דאָס „דער מאַן פון נצרת" איז קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע — אַזוי האָבן זיי אַלענפאַלס געזאָגט.

זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות.

דער טעות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן די דערציילונג „דער מאַן פון נצרת" נישט באַטראַכט ווי אַ ראָמאַן נאָר ווי געשיכטע. דער אונטערשייד איז אַ גרויסער. געשיכטע איז וויסנשאַפט און מוז געבויט ווערן אויף פאַקטן. אַ היסטאָרישער ראָמאַן קאָן, און מוז אַ מאָל, געבויט ווערן אויף לעגענדעס, פאַנטאַזיעס, אויף נסים, וואָס זיַינען קיינמאָל נישט געשען אָבער דאָס פאָלק גלויבט אין זיי, און אויף נאָך אַנדערע איינרעדענישן.

אַ ראָמאַן איז דערפאַר אַמאָל מער טריי צום לעבן ווי געשיכטע, וויַיל די אַלע לעגענדעס, נסים און איינרעדענישן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין לעבן פון אַ פאָלק.

איינער וואָס וויל באַקעמפן די קריסטלעכע רעליגיע, אָדער רעליגיע בכלל, שרייבט אַ וויכנשאַפטלעך ווערק נישט קיין ראָמאַן. מיט וויסנשאַפט־לעכע אַרגומענטן קאָן מען פּונקט אַזוי די יידישע, ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס באַקעמפן.

דעם צווייטן טעות, וואָס די קריטיקער האָבן געמאַכט איז: וואָס זיי האָבן איגנאָרירט אַשס ציל: צו באַוויַיזן די קריסטן, אַז זייער רעליגיע איז קאָפּירט פון דער יידישער און מען קאָן נישט אָפּטיילן די יעזוס פיגור פון אַלע אַנדערע יידן. אויב יעזוס איז געווען אַ הייליקער איז ער געווען אַ יידישער הייליקער, אַ רבי.

אין דעם איז דאָקטאָר קלויזנער און אויך דאָקטאָר גינזבורג מסכים מיט אַשן.

אַש האָט נישט געוואָלט באַקעמפן די קריסטלעכע רעליגיע — קיין שום ייד וואָלט עס אים נישט געראָטן צו טוען, — ער האָט נאָר געוואָלט באַווייזן, אַז די קריסטלעכע רעליגיע איז געקומען פון דער יידישער — וואָס קיינער קאָן נישט אָפּלייקענען.

די צייט ווען יידן האָבן צוליב פּראָפּאַגאַנדע געקאָנט איבערגיין פון יידנטום צו קריסטנטום האָט עקזיסטירט בלויז אַ קורצע צייט, די צייט פון קריסטלעכער אַנטשטייאונג, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען אָנעמען דאָס קריסטנטום האָט נאָך נישט געמיינט צו ווערן אויס ייד.

נאָכדעם, ווען איבערגיין צום קריסטנטום האָט געמיינט זיך אינגאַנצן אָפּרייסן פון יידישן פאָלק, האָט שוין קיין פּראָפּאַגאַנדע נישט געווירקט. דער כוח פון פאָלקס אָנגעהעריקייט איז שטאַרקער פון דעם כוח פון רעליגיע; דאָס גילט נישט נאָר פאַר יידן נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער.

אַ דייטש אָדער אַ פראַנצויז קאָן אָנעמען דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, ווען ער זאָל צוליב דעם נישט דאַרפן ווערן אויס דייטש אָדער אויס פראַנ־צויז; ווען ער וואָלט עס יאָ געמוזט ווערן וועט ער עס נישט טוען.

אַ פּאָליאַק, אַ שפּאַניער אָדער איטאַליענער וועט נישט אָנעמען דעם יידישן, בודיסטישן אָדער אפילו דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, ווייל דערמיט וועט ער זיך מוזן אָפּטיילן פון זיין פאָלק. עס קאָן זיך טרעפן מיט איינצלנע, וואָס האָבן אַנדערע, נישט קיין רעליגיעזע, אורזאַכן עס צו טוען.

גאָר אַ סך יידן האָבן זיך געשמדט און פאַרלויף פון דער געשיכטע — מען קאָן זאָגן, אַז מער יידן זיינען אַוועק פון יידנטום ווי עס זיינען געבליבן — אָבער זייער זעלטן — אַ נישטיקע צאָל — האָט זיך געשמדט אויס איבערצייגונג. די הויפּט אורזאַך פון שמד איז געווען אַסימילאַציע. די אַסימילירטע יידן זיינען, נאַציאָנאַל, געווען אָפּגעריסן פון זייער פאָלק; זיי זיינען געווען פּאָליאַקן, דייטשן אָדער פראַנצויזן פון משהס גלויבן. פאַר אַזאַ ייד צו ענדערן זיין רעליגיע איז געווען זייער לייכט. די רעליגיע האָט אים פאַקטיש געשטערט פון צו זיין, אַ גאַנצער פּאָליאַק, דייטש אָדער פראַנצויז. די, יידן, האָבן נישט באַדאַרפט קיין הכשר פון אַשן; זייער הכשר איז געווען, אין מערסטן פאַל, די שטערונג צו דערגרייכן צו אַ העכערע שטופע אין לעבן — האָבן זיי די שטערונג באַזייטיקט.

עס זיינען אַ מאָל געווען צען שבטים, וואָס זיינען געוואָרן אויס יידן. וואָס פאַר אַ פּראָפּאַגאַנדע האָט אויף זיי געווירקט?

דורך דעם טעות, וואָס די קריטיקער האָבן געמאַכט, וואָס זיי האָבן

אַנגעגומען אַשס ראָמאַן ווי געשיכטע, האָבן זיי שוין געמוזט מאַכן אויך אַנדערע טעותן. זייער טענה, פאַרוואָס אַש האָט געבויט זיין ראָמאַן לויט די קוואַלן פון עוואַנגעליום, איז אויך אַן אומבאַרעכטיקטע און אַ פאַלשע. וואָלט אַש געשריבן געשיכטע וואָלט מען געקאָנט האָבן צו אים אַזאַ טענה; אַש האָט אָבער נישט געשריבן קיין געשיכטע, נאָר אַ ראָמאַן געבויט אויף דער קריסטלעכער רעליגיע, האָט ער, פאַרשטענדלעך, געמוזט שילדערן זיי הויפּט־פיגור יעזוס, לויט די קוואַלן פון יענער רעליגיע, פונקט ווי איינער וואָס זאָל וועלן שילדערן אַ משה אָדער אַ ישעיהו, מוז ער זיי שילדערן לויט די קוואַלן פון די ביבל.

עס איז דאָ אַ קאַרדינאַלער אונטערשייד צווישן אַשס ביכער וועגן יעזוסן און דער עוואַנגעליע — דאָס איז: וואָס אין דער עוואַנגעליע ווערט די גרויסקייט פון יעזוסן פאַרבונדן מיט זיין אָפּטיילן זיך פון יידן, און ביי אַשן ווערט די גרויסקייט פון יעזוסן פאַרבונדן מיט זיין צוגעבונדנקייט צו יידן. אַש לאָזט נישט אָפּטיילן די יעזוס־פיגור פון יידן און יידנטום, וואָס די קריסטן ווילן אַזוי שטאַרק.

אַשס כוונה איז צוצעשטערן די באַזע פון האַס פון קריסטן צו יידן, ווייל אויב יעזוס איז געווען אַזאַ ייד, ווי מיר אַלע יידן זיינען האָט עס דאָך נישט קיין זין, איין ייד צו פאַרגעטערן און דעם צווייטן ייד, וואָס איז פונקט ווי דער, צו האַסן.

אַש האָט באַוויזן, אַז די גרויסקייט און הייליקייט פון יעזוסן איז געווען נאָר צוליב זיין יידישקייט. דאָס וואָס ער האָט געקעמפט קעגן די יידישע פירער אין זיין צייט, מאַכט נישט אויס; די נביאים און אַ סך אַנדערע האָבן געקעמפט קעגן די יידישע פירער פון זייער צייט. אין זיין אַרויסטריט קעגן דער שטרענגקייט פון יידישן געבאָט, איז ער געגאַנגען אין דעם וועג פון הלל הזקן. דאָס וואָס יעזוס האָט געפּריידיקט, וועגן אַ קעניגרייך אין הימל, וואָס וועט אויפנעמען די וואָס וועלן זוכה זיין, האָט געשטימט מיט דער יידיש רעליגיעזער אויפפאַסונג פון יענער צייט.

עס איז גאָרנישט געווען אין יעזוס לערע וואָס איז געווען קעגן יידנטום. זיין לערע איז זיכער געווען מער אין יידישן גייסט ווי עס איז געווען די לערע פון די צדוקים, די יידישע מאַכט־האָבער אין זיין צייט, וואָס האָבן ווייניק געהאַלטן פון דער תורה שבעל פה און נישט געגלויבט אין עולם הבא.

אויב יעזוס האָט געקעמפט קעגן די יידישע פירער, ווייל ער איז געווען קעגן יידן, ווי די עוואַנגעליסטן ווילן האָבן — מערקווירדיק ווי אין דעם זיינען די אַש־קריטיקער מסכים מיט די עוואַנגעליסטן — מוז מען יעזוסן

אָפּשטויסן און פאַראַכטן; אויב אָבער ער האָט געקעמפט קעגן די פירער, ווייל ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די אָרעמע דערשלאָגענע יידן, ווי אַש ברענגט עס אַרויס, דאַן דאַרף מען אים נישט פאַרשטויסן נאָר סימפּאַטי־זירן מיט אים.

דאָס האָט גאָרנישט צו טוען מיט דער קריסטלעכער רעליגיע, וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט, און מיט שמד. אַ ייד וואָס גלויבט אין ישוס אומשולד דאַרף זיך נישט שמדן, צוליב דעם.

אין דער יידישער פּרעסע האָט מען נאָר געהערט איין צד, דעם צד פון אַשס קעגנער.

אַש האָט זיך פּלוצים דערפילט איזאָלירט, דער גרעסטער שרייבער ביי יידן האָט מער נישט געהאַט קיין פּלאַץ, וו צו שרייבן אויף זיין שפּראַך, אויף יידיש.

פון די קריטיקער האָבן זיך אויסגעצייכנט: אַב קאהן, הלל ראָגאָף, ד״ר טשערנאָוויץ און חיים ליבערמאַן.

חיים ליבערמאַן האָט אָנגעשריבן אַ בוך קעגן אַשן, וואָס איז אויך איבערזעצט געוואָרן אין ענגליש. איך וועל וועגן אים שרייבן באַזונדער אין אַ וויטערדיק קאַפּיטל.

אַב קאהן האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיך און ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ חוצפּה, וואָס דער אַש, דער יונגער שנעק, האָט זיך נישט צוגעהערט צו אים און נישט געוואָלט פאַרברענען דעם מאַנוסקריפּט פון „דער מאַן פון נצרת" נאָר גאָר אים אָפּגעדרוקט אויף ענגליש. פאַר אַזאַ חוצפּה דאַרף מען דעם אַשן אָנלערנען. און ער האָט זיך אונטערגענומען אַשן צו פאַרניכטן

איז זיין קריטיק מער אַ פאַרניכטונגס קאַמף ווי קריטיק.

ד״ר טשערנאָוויץ איז געווען זייער אַ געלערנטער מענטש, ווען עס איז אָבער געקומען צו שיינע ליטעראַטור איז ער געווען רוי און זיך נישט געקענט אָריענטירן. זיין קריטיק איז מער, אַ טעאָלאָגישער־טראַקטאַט, וואָס האָט געקאָנט געשריבן ווערן אָן אַשס ראָמאַנען.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף דער קריטיק פון הלל ראָגאָף, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", וואָס איז אינטעליגענט, פאַראַנטוואָרטלעך און פאַרשטייט ליטעראַטור.

ראָגאָפס קריטיק האָט זיך געדרוקט אין יולי נומער „צוקונפט" 1943. אין זעלביקן נומער איז אויך דאָ אַ קריטיק פון ש. ניגער.

איך וועל פריער איבערגעבן די מיינונג פון ש. ניגער.

ער פאַרטיידיקט אַשן. „אַש — זאָגט ער — האָט געמעגט שרייבן וועגן יעזוסן; אַנדערע יידישע שרייבער האָבן געשריבן אויף דער זעלביקער טעמע, נאָך פאַר אים, ביי אַשן דעם ראָמאַנטיקער איז די יעזוס-לעגענדע, אַ יידישע לעגענדע, וואָס איז פאַרגויאיִשט געוואָרן".

מיט דער באַמערקונג, וואָס ניגער האָט געמאַכט, אַז „דער מאַן פון נצרת" איז אַ המשך פון „תהלים ייד" האָט ער אַשן קיין טובה נישט געטוען. די אַש-קעגנער האָבן דערפון געדרינגען, אַז „דער תהלים ייד" איז אויך אַ קריסטלעך ווערק.

ניגער שטעלט זיך אָפּ אויף דער אויסטייטשונג, וואָס אַש האָט געגעבן צו יהודה איש קריות, דאָס ער איז נישט געווען קיין פאַררעטער, נאָר אַ גלויביקער אין די גרויסע כוחות פון יעזוסן.

דאָס איז זייער וויכטיק, ווייל מיט דער אויסטייטשונג איז אַש אַרויס־געטרעטן קעגן דער עוואַנגעליע.

ניגער פירט אויס: „אַש מאָלט אויס אַ ראָמאַנטיש־רעאַליסטיש בילד. וואָס נאָך זיין פאַרנעם און באַטייט האָט עס ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור". און ער גיט צו „דער מאַן פון נצרת" איז איינע פון די העכסטע דערגרייכונגען, אויב נישט די העכסטע דערגרייכונג אין דער יידישער ליטעראַטור".

הלל ראָגאָף האָט געטוען דאָס פאַרקערטע פון ניגערן. ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַווייזן, אַז דאָס בוך איז דאָס ערגסטע, וואָס אַש האָט געשריבן און דאָס שעדלעכסטע אין דער יידישער ליטעראַטור.

ער הייבט אָן מיט דעם, וואָס דער ספור המעשה געפעלט אים נישט עס פאַרכאַפּט נישט דעם אינטערעס פון דעם לייענער. „ניטאָ קיין אַנט־וויקלונג — זאָגט ער — די האַנדלונג שטייט כמעט אויף איין אָרט". ער פירט אויס: „אין לעצטן פערטל פון בוך האָבן מיר די קאָנפליקטן, די שטייגנדיקע דראַמע, וואָס דערפירט צום טראַגישן קלימאַקס, אָבער וועל־כער לעזער — פרעגט ער — האָט עס געדולד אַזוי לאַנג צו וואַרטן".

אַ שיינע פראַגע איז עס, נאָר אַ לעכערלעכע, ווייל אַ פּאָר מיליאָן „לעזער" האָבן געהאַט געדולד צו וואַרטן און האָבן געלייענט ביז צום סוף.

אויף אַ בוך וואָס איז ממש צעכאַפּט געוואָרן פון מיליאָנען לייענער קאָן מען נישט זאָגן, אַז דער ספור המעשה פאַרכאַפּט נישט און דער לייענער האָט נישט קיין געדולד דערצו.

עס איז גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

ה. ראַגאָף דערקלערט, אַז „דער גרויסער דערפאָלג פון בוך איז נישט, ווייל עס איז אַ ראָמאַן נאָר ווייל עס איז אַ היסטאָריש־רעליגיעז ווערק".

דאָ מאַכט ראַגאָף באַוווסטזיניק דעם טעות, וואָס אַנדערע האָבן גע־מאַכט נישט ווינסדיק. אויף אַראָפּצורייסן אַשן לוינט זיך ראַגאָפן בעסער צו מאַכן פון דעם בוך, וואָס איז אַ ראָמאַן, פאַר אַ היסטאָריש ווערק, ווייל אויב היסטאָריע, פּאַסן זיך נישט אַריין די אַלע נסים און לעגענדעס, וואָס אַש דערציילט וועגן יעזוסן, היסטאָריע מיינט פאַקטן. ווען עס איז אַ ראָמאַן, דאָס הייסט נישט באַגרינדעט אויף פאַקטן נאָר אויף פאַנטאַזיע און פיקציע, זיינען שוין אַלע נסים און לעגענדעס דערלויבט.

ראַגאָף שרייבט: „דער דורכשניטלעכער יידישער לייענער לייגט אַוועק דאָס בוך מיטן געפיל, אַז שלום אַש האָט אָפּגעלייקנט די צוויי־טויזנט־יאָ־ריקע יידישע טראַדיציע וועגן יעזוסן, אַ טראַדיציע, וואָס צוליב איר זיינען מיליאָנען יידן געגאַנגען אויף קדוש השם".

דאָס איז אַ שטאַרקע פראַזע אָבער פאַלש דורך און דורך. צוליב אַזעלכע פאַלשע פראַזן האָט מען געהרגעט יידן, מיט אַזעלכע פאַלשע פראַזן האָט היטלער משוגע געמאַכט די דייטשן, צוליב אַזעלכע פאַלשע פראַזן האָט מען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אומגעבראַכט מיליאָנען אומשול־דיקע מענטשן.

ראַגאָף אַליין זאָגט נישט, אַז אַש האָט אָפּגעלייקנט אַ צוויי־טויזנט־יאָריקע טראַדיציע — פאַר דעם איז ראַגאָף אַ צו ערלעכער און פאַראַנט־וואָרטלעכער מענטש — ער זאָגט נאָר, אַז אַ דורכשניטלעכער לייענער וועט אַזוי פילן.

פאַרוואָס זאָל ער אַזוי פילן? וואָס האָט אַש אָפּגעלייקנט?

ער דערציילט, אַז יעזוס איז געווען אַ ייד און געהאַט אַנהענגער, צווישן יידן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז ער קאָן באַווייזן וווּנדער.

ווייסן עס נישט יידן, דערציילן עס דען נישט די יידישע היסטאָריקער.

אַש דערציילט, אַז אַ נייע רעליגיע איז אַנטשטאַנען אין יענער צייט, די קריסטלעכע רעליגיע; וואָס איז געגרינדעט און אָרגאַניזירט געוואָרן פון יידן. די רעליגיע איז דערנאָך פאַרשפּרייט געוואָרן, געקריגן מיליאָנען אָנ־הענגער וואָס האָבן פאַרגעטערט יעזוסן.

איז דאָס ניי פאַר יידן? לייקענען זיי דאָס אָפּ?

די עוולה וואָס ראַגאָף באַגייט איז, וואָס ער, וואָס דענקט נישט, אַז אַש האָט געבראַכן אַ לאַנגיאָריקע טראַדיציע, קלערט נישט אויף דעם דורכשניטלעכן לייענער, זיין טעות, נאָר ער מאַכט אים גערעכט אין

זיין טעות.

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט אַ קריטיקער אַזאַ בעל חשבון, ווי עס איז ה. ראַגאָף. ער וועגט, ער ציילט און רעכנט.

צום ערשט רעכנט ער אויס, אַז אין דער פשרה, וואָס אַש וויל מאַכן צווישן יידן און קריסטן גיט ער די קריסטן אַ גרעסערן פּראָצענט. ראַגאָף מאַכט דאָ אַ טעות אין דער בוכהאַלטעריע, ווייל דעם פּראָצענט וואָס אַש גיט די קריסטן דאַרף אויך גיין, לויט אים, אויף דעם קרעדיט פון די יידן.

אַש דערציילט, אַז „מרים פון מגדלה איז געווען נאַקעט איינגעהילט אין אירע געדיכטע פלאַמענדיקע האָר". פרעגט אויף דעם ה' ראַגאָף אַ מאָדנע פראַגע — צו זיינען נישט אַזוי פיל האָר צו שווער אויף אַ קאָפּ?

אַש דערציילט, וואָס פאַר אַ טייערן גאָרטן מרים פון מגדלה האָט געהאַט און אַז זי האָט געגעבן אַ סך צדקה — קאָן ה. ראַגאָף נישט פאַר־שטיין ווו האָט די פרוי גענומען אַזוי פיל געלט?

זעלטן אַ קריטיקער זאָל זיין אַזוי טשיקאַווע און וועלן אַלץ וויסן.

עס זיינען קינדערשע פראַגעס, איבערהויפּט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ נישט רעאַליסטישע דערציילונג, וואָס דערציילט וועגן רעליגיע און די נסים, וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן.

עס איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי יעזוס איז געגאַנגען אויפן ים, ווי אַזוי ער האָט לעבעדיק געמאַכט אַ טויטן, אָבער ווי אַזוי אַזאַ סאָרט פרוי, ווי מרים פון מגדלה, האָט גענומען געלט דאָס האָט ראַגאָף זייער לייכט געקאָנט אויסגעפונען.

אַש האָט אָפּגעלייקנט די קריסטלעכע דאָגמע, וועגן דעם פאַראַט פון יודאַסן. ער לייקנט נישט, אַז יודאַס האָט אַרויסגעגעבן יעזוסן נאָר ער ווייזט אָן, אַז ער האָט געהאַט גוטע כוונות דערביי און נישט געמיינט אים צו פאַראַטן.

פרעגט אויף דעם ה. ראַגאָף זייער אַן אומלאָגישע פראַגע: „פאַרוואָס האָט אַש נישט אָפּגעלייקנט דעם פאַרעטערישן קוש?"

ווי אַזוי האָט עס אַש געקענט טוען? אָן דעם קוש, וואָס האָט אַרויס־געגעבן יעזוסן, האָט דאָך יודאַס קיין שום שלעכטס נישט געטוען און עס איז נישטאָ אים וואָס צו פאַרענטפערן.

אויב עס זאָל האַלטן ביי לייקענען, וואָס עס איז בפירוש פאַרשריבן, קאָן מען פרעגן, פאַרוואָס ער האָט נישט געלייקנט אַ סך אַנדערע זאַכן.

אַש האָט נישט געוואָלט לייקענען, ער האָט געוואָלט אויסטייטשן. און דאָס האָט ער געטוען. מיט לייקענען וואָלט ער גאָרנישט אויפגעטוען.

ה. ראַגאָף פאַרפּלאָנטערט זיך דערנאָך אַזוי, אַז עס איז אים שווער זיך אַרויסצופּלאָנטערן. ער זאָגט זאַכן, וואָס זיינען פּשוט אומלאָגיש. ער דערציילט, אַז אַש האָט אַן אייגענע טעאָריע וועגן יעזוסעס שליחות אויף דער וועלט — זי איז — אַז יעזוס און זיין לערע איז נישט פאַר יידן נאָר פאַר גויים. ראַגאָף גוט צו, אַז מיט דעם האָט אַש ערגער געמאַכט, ווייל פאַרוואָס האָבן יידן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען דאָס קריסטנטום ווי אַ געטלעכע רעליגיע?

וואָס הייסט פאַרוואָס? טאַקע דערפאַר וואָס קריסטנטום איז תּאַר גויים נישט פאַר יידן. די יידן האָבן נאָר געקאָנט אָנערקענען דאָס קריסטנטום פאַר אַ געטלעכע רעליגיע, ווען זיי וואָלטן עס געוואָלט אָנעמען. ווען אָבער זיי האָבן עס נישט געוואָלט אָנעמען, האָבן זיי זיכער נישט געקענט אָנער־קענען, דאָס קריסטנטום פאַר אַ געטלעכע רעליגיע און האָבן גאָרנישט ערגער געמאַכט.

אַזוי איז ראַגאָפס קריטיק קעגן אַשס בוך „דער מאַן פון נצרת" איין גרויסער פּלאָנטער, וואָס האָט פונדעסטוועגן צו געהאָלפן, אַז מען זאָל פאַרדאַמען אַשן

ליבערמאַן קעגן אַשן

איך האָב געלייענט ליבערמאַנס בוך „שלום אַש און קריסטנטום".
איך האָב זעלטן געהאַט אַזוי פיל ערגערניש ביים לייענען אַ בוך. עס איז אַ בוך פול מיט שנאה, עס העצט קעגן אַשן.

ווען איינער פאַרשפּרייט שנאה אפילו נאָר קעגן איין ייד, נאָך דערצו ווען דער איינער ייד איז אַ גרויסער יידישער שרייבער, פאַרשפּרייט ער שנאה קעגן יידן.

ווען אַ גוי וואָלט אָנגעשריבן אַזאַ בוך, וואָלט איך געזאָגט: עס איז אַן אַנטיסעמיטיש בוך. וואָס זאָל איך זאָגן וועגן אַזאַ בוך, ווען אַ ייד האָט עס אָנגעשריבן?

ווי אַזוי איז אַזאַ זאַך מעגלעך געווען? פאַרוואָס האָט עס ליבערמאַן געטון?

ער זאָגט, אַז אַשס ביכער פירן צו שמד.

עס איז מיר שווער צו גלויבן, ליבערמאַן זאָל מיינען ערנסט, דאָס אַ ייד וועט זיך גיין שמדן בלויז צוליב דעם, וואָס ער וועט איבערלייענען אַ ראָמאַן. ביי יידן שמד, אויסבייטן די רעליגיע איז פאַרבונדן מיט אויסער־געוויינטלעכע טראַגישע איבערלעבונגען. ווען יידן וואָלטן געווען גרייט זיך צו שמדן צוליב אַזעלכע קלייניקייטן, וואָלט שוין לאַנג פון זיי קיין זכר נישט געבליבן.

איך, האָב געלייענט אַשס ביכער וועגן דער צייט פון יעזוסן, און ליבערמאַנס בוך קעגן אַשן. און איך זאָג: — זאָל קיינער נישט ווערן היס־טעריש צוליב דעם — אויב עס איז דאָ אין דער יידישער ליטעראַטור אַ בוך, וואָס קאָן פאַראורזאַכן שמד, איז נישט אַשס אַ בוך, נאָר גראָד ליבער־מאַנס בוך, קעגן אַשן.

לאָמיר זיך פאַרשטיין! — דאָס ערגסטע וואָס מען קאָן אַרויסקריגן פון

אַשם ביכער וועגן יעזוסן איז, אַז יעזוס איז געווען אַ היילקער מאַן. נו איז וואָס, פאַרוואָס זאָל אַ ייד, וואָס געפינט דאָס אויס, זיך וועלן שמדן? ווייניק הייליקע זיינען דאָ אויף דער וועלט, איז נאָך אַ הייליקער.

ד"ר קלויזנער אַ גרויסער יידישער געלערנטער און אַ ציוניסט דענקט אויך, אַז יעזוס איז געווען אַ הייליקער. י. ח. ברענער, אַ באַרימטער העב־ברעאישער שריפטשטעלער האָט געדענקט, אַז יעזוס איז געווען אַ הייליקער. נו! האָבן זיי זיך געשמדט? הלוואי וואָלטן געווען אַ סך אַזעלכע יידן ווי זיי.

ניין! עס איז ממש ווילד צו טראַכטן, אַז אַ ייד וואָס וועט לייענען אַ מעשה, וועגן יעזוסן, אַז ער איז געווען אַ הייליקער, וועט ער זיך גיין שמדן.

מען קאָן שרייבן וועגן יעזוסן, ווי וועגן מחמדן אָדער בודאַן, אַ ייד וואָס וועט לייענען וועגן דער הייליקייט פון מחמדן, וועט נישט צוליב דעם וועלן ווערן אַ מחמדאַנער און אַ ייד, וואָס וועט לייענען וועגן דער יעזוס־פאַרגעטערונג, וועט נישט צוליב דעם וועלן ווערן אַ קריסט.

אַ ייד וואָס וועט לייענען ליבערמאַנס בוך, וואָס ער שרייבט וועגן אַשן, וועט האָבן אַ סך אורזאַכן צו וועלן — אויב עס איז שוין צו שפעט פאַר אים — אַז זיינע קינדער און קינדס קינדער זאָלן זיך שמדן.

אַט פאַרוואָס: — ליבערמאַן שרייבט אין זיין בוך: „שלום אַש און קריס־טנטום" (זייט 17) „דאָס קריסטנטום האָט זיך אַליין פאַרמשפט אויף פיינט־שאַפט צום יידנטום"... „דאָס קריסטנטום האָט זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צום יידנטום און וויל נישט אַנדערש ווי זען זיין סוף" און ליבערמאַן זאָגט צו אַשן (זייט 164) „איר טיילט אָפּ יידן־שנאה פון קריסטנטום, ווי צוויי באַזונדערע זאַכן, אַפילו ווי צוויי סתרות... אין אמתן זיינען זיי אַ צונויפ־געוואַקסענער צווילינג".

דערנאָך שרייבט ליבערמאַן (זייט 164) „ווען ניט די שנאה צו יידן, וואָס מ'האָט געזייט און געשפרייט אין זיין (יעזוסעס) נאָמען לאַנג פאַרויס אין משך פון צוויי טויזנט יאָר, וואָלט היטלער ניט געקאָנט ברענגען אויף אונדז אַזאַ חורבן".

די זאַך איז קלאָר: ליבערמאַן וויל אַלע יידן זאָלן וויסן, דאָס ווי לאַנג דאָס קריסטנטום עקזיסטירט, וועט די שנאה צו יידן נישט אויפהערן, ווייל יידן־שנאה אין קריסטנטום איז אַ צונויפגעוואַקסענער צווילינג. און ער וויל, אַז יידן זאָלן אויך וויסן, דאָס ווי לאַנג די שנאה עקזיסטירט וועט זי פירן צו היטלער שחיטות און צו גאַז־אויוונס.

אַט דאָס איז די יידישע צוקונפט און דאָס איז, אָן שום צווייפל, וואָס יידן דאַרפן ערוואַרטן לויט ליבערמאַנען.

ווי געפעלט אייך אַזאַ צוקונפט ?

עס מיינט, אַז אין אַ יאָר, צוויי אָדער דריי, אפשר פריער אָדער שפּעטער דאַרפן יידן דערוואַרטן, מען זאָל זיי ווידער ברענען אין גאַז־אויוונס און מאַטערן מיט מיתות משונות. קיין שום האָפנונג איז נישטאָ, ווי לאַנג דאָס קריסטנטום עקזיסטירט קאָן מען עס נישט אויסמיידן. קיין יידישער בחור וועט זיך נישט קאָנען ראַטעווען — אפילו ער וועט האָבן אַ גוט פּנים און אויסזען ווי אַ גוי — ווייל ער וועט האָבן דעם יידישן סימען אויף זיך.

אויב דאָס איז די לאַגע צו וועלכער יידן זיינען פאַרמשפּט, וואָס אַנדערש קאָנען זיי טוען, ווי וועלן פּטור ווערן פון דעם אומגליק, וואָס עס איז צו זיין אַ ייד. און אויב אַ ייד האָט רחמנות אויף זיין קינד, דאַרף ער עס נישט מל זיין, כדי עס זאָל זיך קאָנען ראַטעווען פון טויט.

אין פּוילן זיינען דאָ אַ צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אַ היטלער טויט, דורך אויסבאַהאַלטן זייער יידישקייט צווישן גויים. די יידן זיינען פריער געווען פּונקט אַזעלכע גוטע יידן ווי מיר זיינען. היטלער איז מער נישטאָ, אָבער די יידן זיינען נישט צוריקגעקומען.

פאַרוואָס ?

ווייל זיי דענקען ווי ליבערמאַן, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום קאָן ווידער קומען אַ היטלער און זיי ווילן צו אַזאַ אומגליק נישט דערלעבן. אַזעלכע יידן קאָנען זיין יידיש־רעליגיעז, ווי די אנוסים אין שפּאַניע זיינען געווען. זייערע קינדער, די דורות נאָך זיי, וועלן שוין קיין יידן נישט זיין.

ניין נישט אַשס ביכער נאָר ליבערמאַנס בוך קאָן פירן צו שמד.

קיין גן עדן און קיין קדוש השם וועט דאָ נישט העלפן. עס איז נישטאָ אַזאַ גן עדן, וואָס זאָל ווערט זיין אַ היטלער טויט און נישטאָ קיין קדוש־השם פאַר אַ פאָלק, וואָס איז איין געפאַר אינגאַנצן אָפּגעמעקט צו ווערן. קדוש השם איז אַלעמאָל געווען פאַרבונדן מיט פאָלקס־אינטערעסן, מיט נאַציאָנאַלן קיום. ווען יידן וואָלטן געגאַנגען אויף קדוש השם בלויז צוליב גאָט, וואָלט עס נישט געטויגט, עס וואָלט געווען איין אַנדער מין אויפן פּיין ברענגען מענטשלעכע קרבנות צו גאָט, וואָס יידן זיינען געווען קעגן דעם. יידן זיינען זיך געגאַנגען אומברענגען אין נאָמען פון גאָט אָבער פאַר דעם פאָלק. בלויז ווען עס איז דאָ אַ האָפנונג, אַז דאָס פאָלק וועט בלייבן לעבן, קאָן זיין קדוש־השם. ווען עס איז נישטאָ אַזאַ האָפנונג, ווי עס וועט נישט

זיין, ווען עס זאָל חלילה נאָכאַמאָל קומען אַ היטלער, דאַן וועט אויך נישט זיין קיין קדוש־השם.

ליבערמאַן האָט, ווייזט אויס דערזען די בלאָטע אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן און אַז זיינע רייד קאָנען ברענגען שאָדן האָט ער אויסגעזוכט עפּעס אַ פּראָפעסאָר וואָס זאָגט (זייט 167) „דער קריסטלעכער גאָט איז צו ווייך, צו צעקראָכן... די יידן ווייסן וואָס גאָט איז... לאָמיר זיך לערנען ביי זיי.

פון די ווערטער דרינגט ליבערמאַן, אַז „דאָס יידישע פאָלק שטייט פאַר דעם גרעסטן גייסטיקן נצחון אין דער געשיכטע" און ער שרייט אויס מיט באַגייסטערונג — „אַ גייסטיקער קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן צוויי טויזנט יאָר האַלט זיך אין ענדיקן לטובת אונדז". — דאָס מיינט, אַז דאָס קריסטנטום איז געקומען צו זיין סוף, צו אונטערגאַנג און יידן זיינען אַרויס די זיגער.

ליבערמאַן האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז דאָס וואָס ער זאָגט איז צו קינ־דיש און לעכערלעך, מען זאָל עס נעמען ערנסט, יעדער ייד וואָס וועט עס לייענען וועט מיינען, אַז ליבערמאַן רעדט פון וועג; גיט ער צו — „דאָס וועט נישט געשען היינט, מאָרגן, עס איז אַ פראַגע פון דורות". איז שוין ליבערמאַן געוואָרן אַ נביא אויך און ווייסט, וואָס עס וועט גע־שען מיט דורות שפּעטער.

מאָדנע, ווי אין שורה לייקנט אָפּ די צווייטע; פריער שרייבט ער „דאָס יידישע פאָלק שטייט פאַר דעם גרעסטן גייסטיקן נצחון" — מיינט עס דאָך איצט. ער גוט צו „אַ גייסטיקער קאַמף... האַלט זיך אין פאַר־ענדיקן". — מיינט עס אויך איצט. און באַלד דערנאָך זאָגט ער „עס איז אַ פראַגע פון דורות". — יעדער ייד מיט אַ ביסל שכל מוז דערביי טראַכטן: אויב עס איז אַ פראַגע פון דורות, טאָ פון וואַנען קאָן דער ליבערמאַן זיין אַזוי זיכער.

ניין! ער קאָן נישט זיין זיכער און קיין שכלדיקער מענטש וועט זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם וואָס ליבערמאַן שרייט אַזוי אויס אויף זיינע העכסטע טענער „דאָס קריסטנטום איז געקומען צו זיין סוף".

און אַ חוץ דעם, וועלן די היטלערס — וואָס ליבערמאַן פאַרזיכערט, אַז זיי מוזן קומען, ווי לאַנג דאָס קריסטנטום עקזיסטירט — וועלן זיי וואַרטן דורות לאַנג? זיי קאָנען דאָך דורך דער צייט אויסראָטן אַלע יידן.

דאָס שענסטע איז, וואָס ליבערמאַן הייסט אונדז האָפן אויף אַ צווייטן לוטער. אָך און ווי ווייסט נישט ליבערמאַן, אַז די מערדער וואָס האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן זיינען געווען אַנהענגער פון לוטער.

שלום אש

ליבערמאַנס בוך, אַ חוץ וואָס עס וועקט שנאה צו אַ גרויסן יידישן שרייבער, רופט עס אַרויס אַ פּאַטאַליסטישע מורא ביי יעדן ייד, וואָס לייענט עס: אַט זיינען די יידן אָפּגעגרענעצט, דורך שנאה, פון אַלע קריסט־לעכע פעלקער אַרום זיי; וואָס מוז פירן צו פאַרניכטונג פון יידן; קיין אויס־וועג איז נישטאָ.

וואָס זאָלן יידן טוען?

זאָלן זיי לויפן אין די שולן אַריין בעטן גאָט? זיי האָבן עס געטוען אין היטלערס צייט. עס האָט נישט געהאָלפן. דאָס ביסל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין פוילן זיינען גראַד אַזעלכע, וואָס זיינען נישט געגאַנגען אין די שולן, נאָר אין די קירכעס, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר גויים.

יעדער ייד, וואָס ווערט בעאיינפלוסט פון ליבערמאַנס בוך, פילט זיך, לעבענדיק צווישן קריסטלעכע פעלקער ווי אין אַ פאַסטקע.

די פאַטאַלע מורא, וואָס ליבערמאַן וואַרפט אַן פירט צו יאוש, צו אַ ווילן צו אַנטלויפן, זיך אַרויסצורייסן פון דער פאַסטקע.

אויב שמד וועט זיין אַ מיטל, זיך צו קאָנען אַרויסרייסן פון דער פאַסט־קע? וועט עס פירן צו שמד.

ליבערמאַן אַליין האָט נישט באַדאַרפט קאָנען — אין אַזאַ לאַגע — זיצן רואיק און וואַרטן.

פאַרוואָס איז ליבערמאַן אַזוי רואיק? ער פאַרברענגט זיך געמיטלעך זומער אויף זיין דאַטשע.

אַ ייד וואָס איז זיכער, אַז די שנאה צו יידן, וואָס פירט צו אַ היטלערן איז היינט פונקט אַזוי שטאַרק, ווי אין די צייטן פון די נאַציס, און וועט אַלעמאָל זיין אַזוי שטאַרק קאָן נישט זיין רואיק.

ער איז רואיק דערפאַר, ווייל ליבערמאַן גלויבט נישט אין דעם וואָס ער שרייבט; נישט ער גלויבט, אַז די שנאה צו יידן איז אַזוי שטאַרק צוזאַ־מענגעוואַקסן מיטן קריסטנטום, נישט ער גלויבט, אַז אַש וויל יידן זאָלן זיך שמדן און, אַז זיינע ביכער פירן צו שמד.

איי פאַרוואָס האָט ער אַזוי געשריבן?

דאָס איז נישט פאַר מיר צו דערקלערן.

ליבערמאַן איז נישט בלויז אויף אַשן אָנגעפאַלן. ער איז אָנגעפאַלן אויף די גרעסטע יידישע שרייבער: אויף ד״ר זשיטלאָווסקי, אויף ניגערן, אויף אָלגינען, אויף חיים גרינבערגן, ד״ר קלויזנער און אַנדערע. פאַרוואָס זאָל ער נישט אָנפאַלן אויף אַשן? איז אַש נישט קיין גרויסער יידישער שרייבער?

ליבערמאַן, ווייזט אויס, האַלט שטאַרק פון אַשן, ווייל קעגן אים האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך.

ליבערמאַן ווידערשפּרעכט זיך אָפט. אויף איין אָרט (זייט 33) זאָגט ער: — „עס איז נישט אונדזער כוונה דאָ, און יידן האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין כוונות, צו פירן שטרייט מיטן קריסטנטום. הלוואי וואָלטן די קריסטן געלאָזט דאָס יידנטום צורו". און ער שרייבט: (זייט 103) — „אָפּגעהיט זאָל איך ווערן צו שטעלן אַזאַ פראַגע — צו פּאָול איז גערעכט — זי טאָר גאָר אויף די ליפּן פון אַ יידן ניט אַרויפקומען".

מיינט עס דאָך, אַז מען דאַרף קיין דעבאַטעס מיט די קריסטן נישט פירן, אָבער מיט אַ פּאָר שורות פריער וואַרפט ליבערמאַן פאַר אַשן: — „אין קיין איין אָרט הייבט — אַש — נישט אויף זיין קול קעגן די אַלע פאַרקרימונגען פון דער תורה... און לאָזט נישט איינוועגדן קיין וואָרט פון קריטיק קעגן פּאָולוסעס אויסטייטשונגען"... און ליבערמאַן זאָגט: (זייט 63) — „אַש האָט געקענט „אַראַנזשירן" אַ דעבאַטע צווישן דעם נוצרי און ר' יוחנן בן זכאי".

הייסט עס, אַז מען דאַרף יאָ פירן דעבאַטעס מיט די קריסטן.

אויף איין אָרט (זייט 84) איז פּאָול ביי ליבערמאַנען אַ צעטומלטער דענקער, וואָס רעדט צעבראָכענע ווערטער און דערנאָך (זייט 129) איז פּאָול — „דער גייסטרייכסטער פון די באַגרינדער פון קריסטנטום".

ליבערמאַן פעלשט: (זייט 27) ער ציטירט אַשן „שמעון דער פּרוש לאָזט נישט אַריין אין הויז דאָס פּראָסטע פאָלק. ישו פרעגט אים: פאַרוואָס ער לאָזט זיי נישט אַריין. ענטפערט שמעון: — „דאָס פאָלק איז אומגע־בילדעט, דאָס געזעץ איז נישט שטאַרק אין זייערע הענט און זיי ווייסן נישט אָפּצוהיטן די דינים פון ריין און אומריין. עס איז דאָ אַ מורא, אַז זיי קענען מטמא זיין דאָס הויז".

קלאָר גענוג, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן שנאה צו די אומוויסנ־דיקע מאַסן נאָר וועגן אָפּהיטן די דינים. אָבער נישט ביי ליבערמאַן. ער צאָרנט: (זייט 28) — „אַרויסצושטעלן די יידישע חכמים ווי שונאים פון די אומוויסנדיקע מאַסן — קיין גרעסערע היסטאָרישע פאַרקרימונג און פאַר־לוימדונג קען גאָרנישט געמאָלט זיין".

דערנאָך פאַרגעסט ער, וואָס ער האָט פריער געשריבן און גיט אַליין צו: — „עס האָט נאַטירלעכערווייזע געהערשט אַ שנאה צווישן די חכמים און די איגנאָראַנטן.... אין תלמיד געפונען מיר אַ סך אויסדריקן וועגן דער דאָזיקער שנאה צווישן תלמוד חכם און עם הארץ".

איז שוין, הייסט עס, יאָ געווען אַ שנאה צווישן די חכמים און די אומוויסנדיקע מאַסן, טאָ פאַרוואָס האָט ער אַזוי געצאָרנט קעגן אַשן.

ליבערמאַן פעלשט, ווען ער זאָגט: — יעזוס, האָט עובר געווען אויף דער תורה, דערפאַר, וואָס ער האָט נישט דערלויבט זיך צו גטן און צו שווערן.

ווען די תורה דערלויבט, דאָס גט׳ן זיך, מיינט נישט, אַז מען דאַרף זיך גט׳ן. ווען שווערן איז דערלויבט, מיינט נישט, אַז מען דאַרף שווערן. דאָס, נישט דערלויבן, גילט ווי אַ גדר, נאָך מער אָפּצוהיטן די תורה, נישט עובר צו זיין אויף איר.

ליבערמאַן פעלשט, ווען ער מאַכט אַזאַ גרויס ווען פון דעם אונטער־שייד, וואָס די תורה זאָגט „ולא בשמים היא״ די תורה איז נישט אין הימל און וואָס דער נוצרי זאָגט: — ,מיין קעניגרייך איז נישט פון דער וועלט״.

די פעלשינג איז דאָ אין דער צייט. ווען די תורה איז געשריבן גע־וואָרן האָבן יידן נישט געגלויבט אין אַ יענער וועלט, אין אַ מלכות שמים. אין נוצריס צייטן האָבן שוין אַלע יידן — אַ חוץ די צדוקים — געגלויבט אין אַ יענער וועלט.

ליבערמאַן מאַכט אַ טעות, ווען ער דענקט, אַז די קריסטלעכע רע־ליגיע איז דורכאויס אַסקעטיש. די אַסקעטן זיינען געווען די אסיים — אַ יידישע סעקטע, ביי וועלכע יעזוס האָט אַ סך געלערנט. דאָס האָט ער פון זיי איבערגענומען, דאָס לעבן צוזאַמען אין איין קאָמונע; דאָס אַסקעטישע האָט ער אָפּגעוואָרפן. די ערשטע קריסטן זיינען געקומען פון די סאַמע אָרעמסטע קרייזן, האָבן זיי, נאַטירלעך, געלעבט זייער אַן אָרעם לעבן אָבער נישט קיין אַסקעטיש לעבן.

דאָס לעבן אין די מאָנאַסטירן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מיט הונדער־טער יאָר שפּעטער איז נאָר פון אויבן אויף אַסקעטיש; אין דער אמתן איז עס געווען ווייט דערפון — עס האָט פאַרלייכטערט דאָס לעבן פון די, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן.

ווען ליבערמאַן זאָגט (זייט 49 ״נצול ווערן פון ערדישן טויט צו איי־ביקן לעבן אויף יענער וועלט, איז דער גרונטזאַץ פון קריסטנטום״. מאַכט ער אַ גרויסן טעות, ווייל דאָס איז אויך אַ גרונטזאַץ פון יידנטום. יידן האַלטן, אַז די וועלט איז נישט מער ווי אַ „פּרוזדור״. אַ פאָדערהויז — דער עיקר איז דאָס לעבן אויף יענער וועלט.

ווי ליבערמאַן גיט איבער (זייט 70) „האָט דער רוימישער היסטאָרי־

קער טאַציטוס געזאָגט: „קריסטוס האָט דערהאַלטן די שטראָף פון טויט אויפן פסק פון פּאָנטיוס פּילאַטוס". דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דער באַרימטער היס־טאָריקער זאָגט: דאָס נישט די יידן נאָר די רוימער האָבן פאַרמשפּט יעזוסן.

דאָס איז נישט ריכטיק איבערגעגעבן. טאַציטוס שרייבט: „קריסטוס האָט געליטן אונטער דער הערשאַפט פון פּילאַטוס". דאָס מיינט נישט אונ־טער דעם פסק.

ליבערמאַן שרייבט: — „עס שטייט אַ בלייכער יינגערמאַן אויף די גאַסן פון ירושלים און רעדט... ער זאָגט אויף זיך, אַז ער איז גאָט".

— דאָס איז נישט אמת. יעזוס האָט קיינמאָל נישט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז גאָט.

ליבערמאַן ברענגט שטעלן פון נייעם טעסטאַמענט צו באַווייזן, אַז יעזוס האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם אמתן באַגריף פון געטלעכקייט ביי יידן.

ד"ר גינזבורג, אַן אויטאָריטעט אויף דעם געביט, וואָס האָט אָנגע־שריבן אַ בוך „די אַנטשטייאונג פון קריסטנטום" איז נישט מסכים מיט ליבערמאַן. ער שרייבט (זייט 115) „די לערע פון יעזוסן בנוגע די באַצי אונגען צווישן גאָט און מענטשן זיינען די לערען פון דעם יידנטום פון זיין צייט" (זייט 117) „לעזט מען אויפמערקזאַם די עוואַנגעליען, מוז מען ווערן איבעראַשט פון די מערקווירדיקע ענלעכקייט, וואָס עקזיסטירט צווישן זייע־רע לערען און די לערען פון די יידישע געלערנטע. זיי זיינען ענלעך נישט בלויז מיט דעם אינהאַלט נאָר אויך לויט די אויסדריקן. אין די עוואַנגעליומס געפינט מען הונדערטער פאָלקס־ווערטלעך און עפּיגראַמען, וואָס זיינען אַרויסגענומען פון תלמוד און מדרשים. זיי קומען כמעט מיט די זעלביקע ווערטער".

און ד"ר גינזבורג שרייבט ווייטער: — „די מאָראַלע לערען פון יעזוסן זיינען געווען יידישע".

ד"ר גינזבורג שרייבט דאָך ווי אַש. פאַרוואָס האָט ליבערמאַן אויס־געגאָסן זיין גאַנצן צאָרן אויף אַשן און גאַרנישט אויף ד"ר גינזבורגן.

וועגן דעם אַפּאָסטאָל פּאָול, פאַראַרבעט ליבערמאַן אַ וועלט, צו באַ־ווייזן ווי אומגערעכט פּאָול איז געווען. ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף זיך אַליין. ער האָט אַ חשד, אַז מען וועט אים נישט גלויבן — וואָס איז ריכטיק. ער שרייבט: — „אפשר וועט עמעצער מיינען, אַז איך ווי אַ „בייזער" ייד, גיב איבער פּאָולס געדאַנק מיט פניות".

און ער ברענגט ראיות פון רענאַן — אַן אמתער אויטאָריטעט; פון אַ

רעווערענד קאהו — וואָס קיינער ווייסט נישט פון אים; פון טאָמאָס דזשע־פערסאָן — אַן אַמעריקאַנער פּאָליטיקער; און, גלויבט עס אָדער נישט, פון יעהאָוואס אַ וויטנעס. אויב יעהאָוואָס־וויטנעסעס זיינען איינשטימיגג מיט ליבערמאַנען, טאָ ווער קאָן זיין קעגן. ער האָט נאָך באַדאַרפט ברענגען אַ ראיה פון „פאָדער־דיוויין”, וואָלט ער שוין גאָר פאַרמאַכט אַלעמען די מיילער. — פאָדער דיוויין איז אַ גאָט ביי אַ סעקטע פון די נעגערס.

ליבערמאַן ווייזט אָן ווי קרום פּאָול האָט געטייטשט די פּסוקים פון דער תורה. ווי שווער עס איז אים צו פאַרשטיין, ביז ער קומט צום באַ־שלוס, אַז פּאָול איז געווען משוגע. — שיין משוגע איז אַ מענטש ,וואָס האָט געמאַכט אַ האַלבע וועלט גלויבן, ווי ער האָט געוואָלט.

ליבערמאַן ברענגט פּסוקים פון עוואַנגעליום צו באַווייזן, אַז פּאָול איז קעגן דער תורה. אָבער אין יעדער ציטאַטע, ווו ליבערמאַן האָט דאָס וואָרט „תורה” איז אין גריכישן אָריגינאַל דאָ. דאָס וואָרט „געזעץ”. צו זיין קעגן אַ געזעץ איז עפּעס אַנדערש ווי זיין קעגן דער תורה. פּאָול איז אפילו נישט געווען קעגן אַ געזעץ פון דער תורה, ער האָט בלויז דאָס געזעץ אויס־געטייטשט, עס זאָל זיך פּאַסן צו זיין טעאָריע.

אויכגעטייטשט די געזעצן פון דער תורה האָבן אויך די יידישע חכ־מים. זיי האָבן נישט אָנגענומען, אַז אַן אויג פאַר אַן אויג אָדער אַ צאָן פאַר אַ צאָן, ווי עס שטייט פאַרשריבן, מיינט אַז מען דאַרף אַרויסנעמען אַן אויג אָדער אויסהאקן אַ צאָן, זיי האָבן עס אַנדערש אויסגעטייטשט.

פּאָול האָט פאַרהייליקט די תורה. ווען ער וויל באַווייזן, אַז ער איז גערעכט, ברענגט ער אַ ראיה פון דער תורה. ווען פּאָול וויל באַווייזן, אַז די גויים, וואָס נעמען אָן די יידישע פּרינציפּן — כאָטש זיי נעמען נישט אָן אַלע געזעצן — זיינען אויך קינדער פון אברהם, ברענגט ער אַ ראיה פון אַ פּסוק פון דער תורה (בראשית 17—5) — „און דיין נאָמען זאָל זיין אברהם; ווארים פאַר דעם פאָטער פון אַ סך פעלקער האָב איך דיך גע־מאַכט”.

דורך דעם, וואָס ליבערמאַן פאַרטייטשט דאָס וואָרט „געזעץ” אויף „תורה”, ווערן אַ סך פּסוקים אין עוואַנגעליום פּשוט זינלאָז. ער טייטשט פאַלש.

ליבערמאַנס בוך קעגן אַשן איז אַ פעלשינג און אַ פאַרברעכן, נישט נאָר קעגן אַ גרויסן יידישן שריפטשטעלער, נאָר קעגן אַלע יידן.

נאָך מער, זיין בוך איבערזעצט אין אַנדערע שפּראַכן, פאַר קריסטן צו לייענען, קאָן אַרויסרופן שנאה צו יידן.

א. ה. ביאַלין

איך רייד שוין נישט וועגן דעם, וואָס איין ייד פּאַלט אָן מיט אַזאַ האַס אויף אַן אַנדערן ייד דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן קריסטנטום און וועגן זייערע הייליקע; קיין גוטן איינדרוק, אויף אַ קריסט, קאָן דאָס זיכער נישט מאַכן. אַ גוטער קריסט — נישט קיין אַנטי־סעמיט, נישט קיין יידן־האסער — וואָס וועט איבערלייענען ליבערמאַנס בוך קאָן אַ טראַכט טוען: אפשר ווייסט דער ייד, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס בוך, בעסער פון מיר, אפשר איז טאָקע קריסטנטום און יידן־האַס אַ צוזאַמענגעוואַקסענער צווילינג און אַ קריסט מוז האָסן אַ ייד.

די איינציקע רעאַקציע, וואָס דאָס קאָן אַרויסרופן איז מער האַס צו יידן.

עס איז אין די אינטערעסן פון די יידן, אויסצוקויפן ליבערמאַנס בוך אויף ענגליש און עס פאַרברענען.

טאָלעראַנץ

טאָלעראַנץ איז נישט איינזייטיק, וואָס איך קאָן נאָר פאַרלאַנגען פון יענעם אָבער יענער קאָן עס נישט פאַרלאַנגען פון מיר. אויב יידן ווילן די קריסטן זאָלן זיין טאָלעראַנט צו דער יידישער רעליגיע, מוזן זיי אויך זיין טאָלעראַנט צו דער קריסטלעכער.

ווען איך בין געווען אַ ייִנגל האָב איך אַלע מאָל, ווען איך בין דורכ־געגאַנגען אַ קירכע, אויסגעשפּיגן און געזאָגט דעם באַוווּסטן שקץ תשקצנו...

אַזוי האָט מיך מיין טאַטע געלערנט.

איינמאָל האָב איך נישט באַמערקט ווי אַ גוי מיט אַ שטעקן איז גע־שטאַנען און זיך צוגעקוקט. ער האָט געזען וואָס איך טו און מיר ד'ערלאַנגט מיט דעם שטעקן איבערן קאָפּ. איך בין געלעגן צוויי וואָכן קראַנק; אָבער עפּעס האָב איך געלערנט פון דעם גוי מיטן שטעקן: „איך האָב פון אים געלערנט, אַז מען דאַרף נישט שפּייען ווען מען גייט פאַרביי אַן אָרט, וואָס מענטשן האַלטן פאַר הייליק. און כאָטש מיין טאַטע האָט מיר געזאָגט: מען דאַרף יאָ שפּייען האָב איך אָבער דעמאָלט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער גוי מיטן שטעקן איז מער גערעכט פון מיין טאַטן.

איך האָב מער נישט געשפּיגן.

דאָס באַווייזט, אַז נישט אַלע מאָל דאַרף מען זיך צוהערן צו אַ טאַטן און נישט אַלע מאָל איז אַ גוי מיט אַ שטעקן אומגערעכט.

פאַרוואָס אַזאַ פאַראַכטונג פון יידן צו אַ רעליגיע פון אַ פאָלק צווישן וועלכע זיי לעבן? איז עס געווען אויס שלעכטקייט, אָדער אויס נאַרישקייט? ניין! יידן זיינען נישט אַזוי שלעכט און אַזוי נאַריש. עס איז געווען אַ פאַר־טיידיקונגס מיטל. עס שטאַמט פון אַ צייט, ווען רעליגיע איז געווען פאַר־בונדן מיט דעם שטאַט און האָט געהאָלפן דעם שטאַט צו פאַרניכטן אַ מינ־דערהייט פאָלק; אַזוי ווי יידן זיינען אומעטום געווען אַ מינדערהייט איז די

רעליגיע פון דעם שטאַט געווען אַ געפאַר, וואָס האָט געדראָט זייער עק־זיסטענץ.

די פאַראַכטונג פון די יידן, צו דער רעליגיע פון דעם שטאַט און פון דעם פאָלק צווישן וועלכע זיי לעבן, איז געווען אַ מיטל צו פאַרטיידיקן די זעלבסט־דערהאַלטונג.

אַסימילאַציע איז אַ חיה וואָס עסט אויף פעלקער. זי האָט שוין אויפ־געגעסן אַ מאַסע פעלקער, אויך אַ סך יידן צווישן זיי.

זי עסט נישט מיט געוואַלט. די פעלקער, וואָס זי עסט אויף, זיינען ווי־ליק אויפגעגעסן צו ווערן.

מען קאָן עס קלאָר זען אין אַמעריקע: אַלע פעלקער, וואָס קומען קיין אַמעריקע ווילן, מיט חשק, זיך אַסימילירן און ווערן אַמעריקאַנער. ווען עס גייען אַוועק עטלעכע דורות און מען דערמאָנט איינעם, וואָס שטאַמט פון האָלאַנד אָדער פון איטאַליען, אַז ער איז אַ האָלענדער אָדער אַן איטאַליע־נער, וועט ער זיך פילן באַליידיקט; ער וויל דערפון נישט הערן, ווייל ער איז און וויל זיין אַן אַמעריקאַנער.

וואָס איז מיט יידן?

יידן אַסימילירן זיך אויך. אַסימילאַציע האָט אומגעברענגט מער יידן — נישט פיזיש — ווי אַלע שחיטות און פּאָגראָמען. אָבער נאָך צוויי טויזנט יאָר, ווי אַסימילאַציע גריזשעט שטיקער פון יידישן פאָלק איז ביז היטלערס שחיטות אַלץ געבליבן אַ גרויס יידיש פאָלק פון איבער אַכצן מיליאָן.

די רעליגיעזע יידן דענקען און אַ סך זיינען מיט זיי איינשטימיג, אַז דער נס פון יידישער עקזיסטענץ איז צוליב דער רעליגיע.

דאָס איז אַ טעות. אַ פאָלק עקזיסטירט נישט צוליב אַ רעליגיע, עס איז פאַרקערט, אַ רעליגיע עקזיסטירט צוליב אַ פאָלק. רעליגיע איז רע־לאַטיוו און פאַסט זיך צו, צו די אומשטענדן. אויב עס וואָלט געווירקט בלויז דער כוח פון רעליגיע, וואָלטן יידן אונטערגעגאַנגען ווי אַ פאָלק, עס וואָלט פון זיי געוואָרן אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס האַלט זיך אָן אין איר רעליגיע.

די קראַאימער זיינען געווען אַזאַ סעקטע.

יידן, און נישט נאָר רעליגיעזע, איז אָבער געגאַנגען אין לעבן צו עק־זיסטירן ווי אַ פאָלק.

פאַרוואָס?

אַש, וואָס איז רעליגיעז אין אַ העכערן זין, זאָגט אויף דעם: „פאַל אַראָפּ אויף דיינע קני מענטש; פאַל פאַר דעם וואונדער, וואָס קומט פאַר פאַר דיינע אויגן! דאָס וואונדער פון דער אויפהאַלטונג פון יידן. אויב עס האָט

פּאַסירט אין דער געשיכטע עפּעס, וואָס שרעקט אונדז מיט דער אומבאַ־גרייפלעכקייט, מיט דער אומרעאַלקייט; אַ פּאַסירונג וואָס איז איינגעהילט אין טיפן מיסטיציזם, איז עס דאָס וווּנדער פון דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק".

מער וואָס אַש זאָגט וועגן דעם, אין קאַפּיטל „אַש מוסרט די קריסטן".

עס איז, לויט אַשן, דאָ אַ ציל אין דער יידישער עקזיסטענץ. די יידי־שע רעליגיע איז געווען אַ מיטל צו העלפן יידן דערגרייכן זייער ציל.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט באַשאַפן די באַוועגונג אָפּצוטיילן די רעליגיע פון שטאַט. ווען אַש איז געבוירן געוואָרן, נאָענט צו הונדערט יאָר נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט שוין די באַוועגונג, אָפּצו־טיילן רעליגיע פון שטאַט, געהאַט געמאַכט גרויס פאָרשריט.

ווען רעליגיע איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון שטאַט איז רעליגיע מער נישט געווען קיין געפאַר, פאַר יידישער עקזיסטענץ, פאַר דעם ייד זיך איינ־צולעבן אין אַ לאַנד. די קריסטלעכע רעליגיע האָט מער נישט געקאָנט שטערן אַ ייד פון צו ווערן אַ פראַנצויז, אַן ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער און בלייבן אַ ייד לויט זיין רעליגיע, טראַדיציע און נאַציאָנאַלער צוגע־בונדנקייט.

די פאַראַכטונג פון יידן צו דער רעליגיע פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד איז מער נישט געווען נויטיק. מען האָט מער נישט באַדאַרפט שפייען ווען מען איז אַ דורכגעגאַנגען אַ קירכע. יידן האָבן זיך שוין געקאָנט דער־לויבן צו זיין טאָלעראַנט צו דער רעליגיע פון זייערע שכנים.

אַש האָט זיך עס דערלויבט, ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך טאָלעראַנץ — אין זיינע ווערק — צו דער קריסטלעכער רעליגיע.

דאָס האָט גראָד אַ סך יידן פאַרדראָסן; ווייל עס זיינען דאָ אַזעלכע יידן, וואָס עס איז זיי שווער אָפּצוגעוויינען פון צו שפייען אויף יענעם, אָדער אויף יענעמס רעליגיע.

די אורזאַך פאַרוואָס אַזוי פיל יידן זיינען געוואָרן אויפגערעגט קעגן אַשן איז, ווייל זיי זיינען נישט דערוואַקסן צו אַשס מענטאַליטעט. זיי, וואָס לעבן שוין אין צוווייטן העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, לעבן נאָך אַלץ מיט די באַגריפן פון יענע יידן פון אַ מאָל, וואָס האָבן געשפּיגן אויף קירכעס, געהאַלטן יעזוסן פאַר אַ הילצערנע געטשקע און באַטראַכט די גויים נישט ווי מענטשן נאָר ווי חיות, מיין טאַטע האָט נישט געזאָגט אויף אַ גוי, ער איז געשטאָרבן נאָר ער איז געפגרט, אַזוי ווי מען זאָגט אויף אַ הונט.

צו זוכן טאָלעראַנץ ביי אַזעלכע יידן איז אַן אומזיסטיקע טרחה.

מען קאָן פאַרשטיין, פאַרוואָס צו אַ סך פרומע און פאַנאַטישע יידן איז דערווידער אַשס טאָלעראַנטער צוגאַנג צו דער קריסטלעכער רעליגיע — פאַנאַטיזם גייט נישט צוזאַמען מיט טאָלעראַנץ.

וואָס עס איז נישט צו פאַרשטיין, איז דער צאָרן פון וועלטלעכע יידן, פאַרוואָס האָט זיי אַזוי געברענט אַשס טאָלעראַנץ צו דער קריסטלעכער רע־ליגיע.

יידן דאַרפן וויסן, אַז טאָלעראַנץ איז נישט איינזייטיק, אויב איך וויל יע־נער זאָל זיין טאָלעראַנט צו מיר, מוז איך אויך זיין טאָלעראַנט צו יענעם.

די לעצטע ווערק:

דער אַפּאָסטאָל

מיט דעם „אַפּאָסטאָל" האָט אַש דערגרייכט צו אַ מדרגה אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס זייער ווייניק שרייבער האָבן דערגרייכט.

אַ גוטער דערציילער מוז קאָנען צוויי זאַכן: ער מוז קאָנען מאַכן נאָענט צו אונדז די צייט און די מענטשן, וואָס ער שילדערט, אַז מיר זאָלן פילן דאָס מיר לעבן אין יענער צייט און די מענטשן זיינען ווי אייגענע מענטשן, וואָס מיר זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זיי.

מיט פרעמדע מענטשן וויל מען זיך נישט אינטערעסירן.

צו די מענטשן זיינען גוטע אָדער שלעכטע איז נישט קיין אונטער־שייד, זיי מעגן זיין די גרעסטע אויסוואורפן.

דער שרייבער מוז אויך קאָנען באַשרייבן, מיט אַ סך איינצלהייטן, די צייט און די סביבה, דאָס מיר זאָלן פילן דיווירקלעכקייט.

אַ שרייבער קאָן אין קורצע, געציילטע שטריכן שילדערן אַ טיפּ פּונקט ווי אַ מאַלער קאָן מיט געציילטע שטריכן ווייזן אַ כאַראַקטער; אָבער דאָס וועט נישט זיין מער ווי אַ סקיצע. אַ גוט געמאָלן בילד איז סיי אין מאַלעריי, סיי אין דער ליטעראַטור געמאָלן מיט אַ סך איינצלהייטן. אין דער ליטע־ראַטור נאָך מער ווי אין מאַלעריי, וואָס אַפּעלירט צום אויג.

אויב איינער באַשרייבט דאָס לעבן פון היינט, קאָן ער זיך אַמאָל באַגיין מיט ווייניקער איינצלהייטן, ווייל עס איז אַ לעבן וואָס מיר קאָנען, איז פאַר אונדז לייכטער צו באַנעמען דעם שרייבערס שילדערונג. ווען אַ שרייבער שרייבט וועגן אַמאָל, וועגן אַ לעבן, וואָס האָט עקזיסטירט מיט טויזנטער יאָר צוריק, אַ לעבן וואָס מיר קאָנען נישט און ווייסן נישט, מוז

דער שרייבער שילדערן אַזאַ לעבן מיט גאָר אַ סך איינצלהייטן כדי מיר זאָלן עס קאָנען באַנעמען פונקט, ווי מיר וואָלטן געלעבט אין יענער צייט.

דאָס וואָס אַש האָט געטוען אין זיין „אַפּאָסטאָל".

ער האָט פאַר אונדז געשילדערט אַ צייט, וואָס האָט עקזיסטירט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק — די צייט פון דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום — און ער האָט זי געשילדערט מיט אַזאַ מערקווירדיק אויסערגעוויינטלעכן כוח, דאָס נישט נאָר לעבט אויף יענע צייט פאַר אייך, נאָר איר פילט, ווי איר אַליין וואָלט געלעבט אין יענער צייט.

די מערסטע גרויסע שרייבער זיינען שוואַכער אין זייערע היסטאָרישע ראָמאַנען ווי אין די ראָמאַנען, וואָס זיי שרייבן וועגן זייער צייט. אַש האָט אַרויסגעוויזן, אַ מערקווירדיקן כוח גראָד אין היסטאָרישע ראָמאַנען. אין דעם גרעסטן כוח האָט ער אַרויסגעוויזן אין דעם „אַפּאָסטאָל".

דער ראָמאַן איז היסטאָריש טריי און זייער באַלערנד; מען קאָן אין צענדליקער אַנדערע ביכער נישט אויסגעפונען אַזוי פיל וועגן יענער צייט, ווי אין אַשס איינציקן בוך.

יענע צייט איז געווען איין אויסערגעוויינטלעכע צייט, עס איז געווען דער איבערגאַנג פון געצנדינערייי צו מאָנאָטעאיזם. עס איז נישט געווען בלויז אַ רעליגיעזער פּראָבלעם, עס איז געווען אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעם, ווייל עס האָט געהאַט צו טוען מיט דער עטישער דערהויבונג פון מענטש צו אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער מדרגה.

פאַר יידן איז עס געווען גאָר אַ וויכטיקע צייט, ווייל יידן זיינען געווען די, וואָס האָבן פאַראורזאַכט די ענדערונג.

עס איז נויטיק געווען אָנצושטעלן יענע צייט אין דעם ריכטיקן ליכט און באַווייזן די וועלט, די קריסטלעכע וועלט, אַז זייער ציוויליזאַציע מיט וועלכער זיי שטאָלצירן אַזוי שטאַרק האָבן מיר יידן זיי געגעבן.

דאָס וואָס אַש האָט געטוען.

צו זאָגן אויף אַשן, וואָס האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן קריסטנטום, ווייל עס איז געווען פון יידנטום, אַז ער איז אַנטי־יידיש איז אַן עם הארצות, איז נישט פאַרשטיין וואָס אַש האָט געשריבן.

עס איז מער ווי דאָס, עס איז אַ פאַרברעכן, ווייל קיינער טאָר נישט האָבן די חוצפה צו בעמען אַזאַ גרויסן עכט יידישן שרייבער און מאַכן אים, נישט מיר נישט דיר, פאַר אויס ייד. עס איז צו שטוינען מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט, אַנגעזעענע יידישע שרייבער האָבן געמאַכט אַשן פאַר אויס ייד.

מיט דעם „אַפּאָסטאָל“ ווי מיט „דעם מאַן פון נצרת“ האָט אַש רעוואָל־טירט קעגן דעם אָנגענומענעם סדר פון שרייבן אַ ראָמאַן.

עס איז אָנגענומען פון קדמונים, אַז אַ ראָמאַן דאַרף זיין „אַ ראָמאַן“, דאָס הייסט אַ ליבע־פאַרבינדונג, אַרום וועלכן עס ווערט אויפגעבויט דאָס גאַנצע ווערק; מען זאָגט אפילו: ער פירט אַ ראָמאַן, מיינט עס, אַז ער פירט אַ ליבע. אַ שרייבער זאָל אָנשרייבן אַ ראָמאַן פון זיבן הונדערט און צוויי און פערציק זייטן און עס זאָל דאָרט קיין שום ליבע נישט זיין, דאָס איז געוואַגט.

אַש האָט געוואַגט, און ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט: דאָס בוך איז געלייענט געוואָרן אַ סך מער ווי וועלכעס עס איז אַנדער בוך, וואָס ער האָט געשריבן. און אַ סך מער ווי פיל אַנדערע באַרימטע ביכער, וועלן געלייענט.

שוין אין „דער מאַן פון נצרת“ האָט עס אַש געטוען: ער האָט זיך באַפרייט פון דעם ליטעראַרישן שאַבלאָן, אַז עס מוז זיין אַ ליבע אין יעדן ראָמאַן און ער האָט זיך באַפרייט פון דער וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג אין געשיכטע, וואָס איז ווייט פון צו זיין וויסנשאַפטלעך. ער האָט באַשריבן אַ פעריאָדע אין דער געשיכטע, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט רע־ליגיעזן אויפשוווּנג, און מיט אַ הומאַניש עטישער איינשטעלונג, וואָס איז גענומען געוואָרן פון די יידן און דורך דעם קריסטנטום פאַרשפרייט געוואָרן איבער דער וועלט.

עס איז היסטאָריע געשריבן פון אַ קינסטלער, וואָס איז פיל מער ווי געשריבן פון אַ היסטאָריקער. עס איז גראָד דער היסטאָריקער וואָס גיט איבער די געשיכטע פאַרטייאיש, ווייל ער איז ווי יעדער מענטש פאַרטיי־איש. און עס איז דער קינסטלער, וואָס קאָן זיך מיט זיין אינטואיציע דער־גרונטעווען צום סאַמע תוך פון געשעעניש; וואָס איז נישט פאַרטייאיש.

עס איז דאָ מער אמת אין די געשיכטלעכע נאָוועלן וואָס אַש האָט געשריבן וועגן קריסטנטום ווי אין אַנדערע היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע בי־כער אויף דער טעמע. צוליב דעם זיינען אַשס ביכער וועגן יענער צייט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, נישט נאָר פון גוים, נאָר אויך פון אינטעליגענטע יידישע לייענער.

נישט הונדערטער נאָר טויזנטער יאָר שפּעטער וועט אַשס „אַפּאָסטאָל“ באַטראַכט ווערן פאַר איינס פון די גרעסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור.

א. ה. ביאָגין

2. משה

אַש איז נישט געבליבן שטיין ביי דער עפּאָכע פון דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום. ער איז נאָכדעם געגאַנגען נאָך מער צוריק: צו דער צייט פון גלות בבל און צו דער צייט פון משה, ווען יידן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. ער האָט געשריבן „משה" און „דער נביא".

די צייט פון משה איז אַ באַקאַנטע צייט, וואָס איז באַשריבן אין חומש. ווען יידן זיינען געווען קנעכט ביי פּרעה אין מצרים. זיי זיינען דערנאָך אויסגעלייזט געוואָרן דורך משהן; געוואַנדערט פערציק יאָר אין דער מדבר ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום לאַנד פון כנען, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן פון גאָט צו אברהם, צו געבן צו די יידן.

מען קאָן זאָגן, אַז ביי אַשן האָט געלעבט אַ טיפע בענקשאַפט נאָך די צייטן פון חומש. ער האָט פון צייט צו צייט געשריבן חומש מעשיות. אין דעם בוך „משה" פילט זיך אַש ווי אין דער היים.

מיט גרויס טאַלאַנט אין וויזיע און מיט היסטאָרישער וואַרשיינלעכ־קייט שילדערט אַש די אַלטע פאַרגאַנגענע לעגענדאַרישע צייט.

ער האָט די לעגענדאַרישע צייט פאַרוואַנדלט אין אַ ווירקלעכקייט. פון חומש־מעשיות איז געשאַפן געוואָרן אַ געשיכטע פון יידן פון יענער צייט.

עס איז געווען אַ גרויסע און שווערע עפּאָכע, ווייל עס איז געווען דער אָנהייב. ווי אַנדערש וואָלט די וועלט אויסגעזען ווען נישט יענע אויס־טערלישע צייט, ווען אַ פאָלק, געבוירן און געלעבט צווישן געצנדינער, האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיך אַליין, פון זיין אייגענער צייט און געוואָרן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, אויסדערוויילט פון גאָט, פון אַ גאָט וואָס האָט זיי באַשאַפן און איז דורך זיי באַשאַפן געוואָרן.

דער באַגריף „אויסדערוויילט פאָלק" אָנגעווענד צו יידן, מיינט נישט דאָס זעלביקע, וואָס עס מיינט אין דער מאָדערנער צייט; עס האָט געהאַט בלויז אַ רעליגיעזע באַדייטונג נישט קיין נאַציאָנאַלע.

דאָס וואָס די גויים גיבן צו, אַז יידן זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, מיינט נישט, אַז זיי גיבן צו, דאָס יידן זיינען בעסער פון אַלע אַנדערע פעל־קער, דער צוועק איז זיך צו באַפרייען פון דער שווערער זינד, אַ לאַנגע צייט נישט צו וועלן אנערקענען דעם איינציקן גאָט; עס מיינט, אַז גאָט אַליין האָט אויסגעקליבן די יידן, זיי זאָלן אים אנערקענען און די אַנדערע פעלקער באַפרייט פון דעם.

דער גאָט פון די יידן, וואָס איז איין־און־איינציק, קאָן נישט זיין קיין נאַציאָנאַלער גאָט, אויב עס איז מער נישטאָ ווי איין גאָט מוז ער דאָך אויך זיין דער גאָט פון אַלע אַנדערע פעלקער.

יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון געצנדינעריי זיינען צוליב דעם געוואָרן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, אָבער אויך אַנדערע פעלקער קאָנען זיין גלייך צו די יידן, אויב זיי וועלן זיך אָפּקערן פון געצנדינעריי.

עס איז פאַלש צו פאַרגלייכן דעם זין פון אתה וחרתנו מיט דעם באַגריף פון „מיר שטייען העכער פון אַלע" וואָס אַנדערע פעלקער שרייען.

דער אויפטו פון משה איז נישט געווען, וואָס ער האָט געמאַכט די געזעצן. די מערסטע פון די געזעצן האָבן שוין עקזיסטירט פריער. אַ סך פון די געזעצן זיינען גענומען פון דעם גרויסן געזעצגעבער האַמוראַבי, וואָס האָט געלעבט פאַר משה. דער אויפטו פון משה איז געווען, וואָס ער האָט די געזעצן דעראַציאָנאַליזירט, אַרויסגענומען פון מענטשלעכע הענט און זיי פאַרבונדן מיט גאָט. עס מיינט, אַז בלויז אויף דעם מענטשס שכל און געוויסן קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן, מען דאַרף אַנווענדן צו די געזעצן דעם באַגריף פון געטלעכקייט, וואָס מיינט אייביקייט; און מיינט אויך הומאַנישקייט, מענטשלעכקייט. אַ געזעץ וואָס ווערט געמאַכט, ווייל עס איז גוט פאַר איין פאָלק און טוט שאַדן אַנדערע פעלקער איז אַ שלעכט און פאַרדאַרבן געזעץ; עס איז נישט הומאַניש און ממילא קעגן גאָט. משהס אַנווענדן דעם געטלעכקייט פרינציפּ צום געזעץ מיינט, אַז דאָס געזעץ דאַרף נישט געמאַכט ווערן פאַר דעם ווילזיין פון דער שעה, פאַר דעם איצטיקן מאָמענט נאָר פאַר אַ דויערנדער צייט. פאַר דער אייביקייט, אויב מעגלעך.

משהס פרינציפּ פון געטלעכקייט האָט אַריינגעבראַכט דעמאָקראַטישקייט אין געזעץ. פאַר גאָט זיינען אַלע גלייך, אַלע מענטשן זיינען גאָטס־קינדער; עס דאַרפן נישט זיין קיין אויסנאַמען, וואָס זאָלן שטיין איבער דעם געזעץ.

ביי דער דאַמאָלסטדיקער אויטאָקראַטישער הערשאַפט, וואָס יעדער הערשער האָט געהאַט אַ נייגונג פאַרגעטערט צו ווערן און צו שטיין אויסער דעם געזעץ איז משהס פרינציפּ — וואָס איז געווען קעגן אַזעלכע הערשער, ווייל עס איז מער נישטאָ ווי איין גאָט — געווען אַ גרויסער פאָרטשריט.

משה האָט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע געזעצגעבער נישט מיט זיינע געזעצן נאָר מיט זיינע פרינציפּן.

די פרינציפּן, פאַרבונדן מיט רעליגיעזע דאָגמעס האָט געהאַט דעם

צוועק איינצוואָרצלען אין מענטש די געזעצן, ער זאָל זיי פילן, ווי אַ טייל פון זיין לעבן.

די ציוויליזירטע וועלט האָט אָנגענומען משהס פּרינציפּן, צו פאַרבונדן דאָס געזעץ מיט געטלעכקייט.

כאָטש די רעליגיעזע דאָגמעס האָבן געברענגט שאָדן פון צייט צו צייט, האָבן זיי אין די פּרימיטיווע צייטן געראַטעוועט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און אין אַלגעמיין געברענגט אַ סך גוטס פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר דעם יחיד.

די מאָדערנע צייט, וואָס האָט אַ נייגונג צו ראַציאָנאַליזירן דאָס לעבן, זיך באַפרייען פון רעליגיעזער עטיק, זיך באַפרייען פון גאָט און געטלעכקייט און זיך לאָזן פירן פון קאַלטער און צייטווייליקער לאָגישער וואַרשיינלעכקייט איז פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן, פאַר דער געזעלשאַפט.

פאַר דעם יחיד האָט עס זיכער געברענגט גרויס שאָדן.

עס איז דאָ ווייניקער סם, אין רעליגיעזן אָפּיום ווי אין דער אומרו אין פּעסימיזם פון מענטש.

די היטלער באַוועגונג איז געווען אַ סימפּטאָם פון דער געפאַר, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער מאָדערנער באַוועגונג.

היטלער האָט געוואָלט באַפרייען זיין פאָלק פון דער ידישער־עטיק וואָס די קריסטן האָבן אָנגענומען און פון דעם „דערלייזער אויפן צלם“, וואָס איז גאָר געווען פאַר אים אַן אָנשיקעניש, ווייל ער האָט געהייטן ליב האָבן אַ שונא.

דער קאָמוניזם האָט אויך באַוויזן, ווי ווייניק מענטשלעכקייט עס איז דאָ גראַד אין די טעאָריעס, וואָס ווילן נישט האָבן צו טוען מיט גאָט נאָר בלויז מיט מענטשלעכע אינטערעסן.

די גרונט פּרינציפּן פון משהס תורה איז נאָך ווייט נישט צו אַלט אפילו פאַר אונדזער צייט.

עס איז צו באַוונדערן, ווי טיף־פילאָזאָפיש אַש האָט פאַרשטאַנען יענע צייט. און עס איז צו שטוינען ווי פאַרברעכעריש־שלעכט די אַש־קעגנער טייטשן אים אויס.

מיט „משה“ איז אַש צוגעקומען צום סאַמע אָנהייב, ווען אַ פאָלק איז געבוירן געוואָרן, דאָס פאָלק ישראל.

עס ציט זיך אַ המשך פון משה דעם געזעץ־געבער, וואָס האָט נישט געהייסן אַרבעטן אין שבת ביז דעם ייד אין אַשס קורצע דערציילונג „יתגדל

ויתקדש" וואָס וויל נישט אַרבעטן אין שבת, ווען די נאַציס הייסן אים, און מען הענגט אים אויף צוליב דעם.

אַש איז דער גרויסער יידישער קינסטלער, וואָס האָט געשילדערט דעם לאַנגן מאַרטירער וועג, פון דער צייט פון דעם ייד משה ביז צו דער צייט פון דעם ייד, וואָס די נאַציס האָבן געהאַנגען. אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, אויף אַלע שפּראַכן, האָט קיין שרייבער נישט דערגרייכט צו אַזאַ הויכער יידיש-קינסטלערישער דערגרייכונג.

3. דער נביא

דאָס לעצטע בוך וואָס אַש האָט געשריבן, און דערמיט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, איז געווען „דער נביא". פון אַלע נביאים האָט אַש אויסגע־קליבן דעם צווייטן ישעיהו, דער נביא פון גלות בבל. דער שרייבער פון גלות-פּוילן האָט זיך געפילט נאָענט צום נביא פון גלות בבל. דיביידע לענדער זיינען ענלעך מיט דעם, וואָס אין זיי האָבן יידן אַרויסגעבראַכט זייערע אויסערגעוויינטלעך גייסטרייכע און שעפערישע כוחות.

עס איז מערקווירדיק, ווי אַש האָט געקענט שילדערן אַ לאַנגפאַרגאַנ־גענע צייט אַזוי געטריי און אַזוי רעאַליסטיש. און ער איז גאַרנישט ראָמאַנטיש וועגן דעם. עס איז דאָ מער ראָמאַנטיזם אין „אַ שטעטל", ווען ער באַ־שרייבט אַ לעבן וואָס ער האָט אַליין געזען, ווי ווען ער שרייבט וועגן אַ צייט מיט טויזנטער יאָר צוריק.

ער שילדערט די פאַרשידענע עלעמענטן פון בבל: די וואָס האָבן גע־האַלטן מיט דעם נביא און די וואָס זיינען געווען קעגן, די וואָס האָבן גע־וואָלט צוריקגיין קיין ארץ ישראל און די וואָס האָבן בעסער געוואָלט בלייבן אין בבל.

עס איז געשיכטע געשריבן פון אַ קינסטלער.

עס איז פאַטעטיש צו לייענען פון די ליידן פון דעם נביא; די יסורים וואָכן ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון די קעגנער זיינע, די רייכע אַרויפ־געאַרבעטער יידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

נישט אַלע יידן זיינען געווען צדיקים. און אַש האָט נישט מורא גע־האַט צו שרייבן דעם אמת.

אַשס שילדערן דעם נביא איז טראַדיציאָנעל יידיש. דער נביא איז אַ

מענטש פון בלוט און פלייש, מיט פאַרשידענע מענטשלעכע שוואַכקייטן. ביי אַנדערע פעלקער ווערן אַזעלכע מענטשן געשילדערט ווי מלאכים.

אין „דער נביא" האָט אַש רעאַליסטיש און געשיכטלעך טריי אַרויס־געבראַנגט די עפּאָכע פון גלות בבל און די ווירקונג, וואָס די צייט האָט געהאַט אויף דעם יידישן לעבן.

מיט „דער נביא" האָט אַש געענדיקט זיין אַרבעט און אויך זיין לעבן.

זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען זיצנדיק אויף אַ שטול מיט דער פעדער אין האַנט.

ניגער האָט אַשן, באַלד אין אָנהויב פון זיין שרייבן באַטיטולט אַלס „דער נביא פון דער ערד". עס האָט אויסגעזען צו זיין גאָר אַ גרויסער טיטול, וואָס אַש דאַרף זיך עס נאָך פאַרדינען. דעמאָלט איז נישט אַש געווען דער נביא, נאָר ניגער איז עס געווען. ניגער האָט דערזען — מען קאָן זאָגן מיט נביאישער אינטואיציע — וואָס מען קאָן פון אַשן דערוואַרטן. ער האָט אַשן געגעבן אַזאַ גרויסן טיטול — ניגער האָט נישט געוואָרפן מיט טיטולן — ווייל ער האָט געוווסט, אַז דאָס קאָן העלפן אַשן דערגרייכן, דאָס וואָס ער איז בכוח צו דערגרייכן. ניגער האָט געגלויבט אין אַשן.

ניגער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט. אַש האָט דעם טיטול פאַרדינט. ער איז געוואָרן „דער נביא פון דער ערד".

דער נביא פון אַמאָל האָט געצאַרנט קעגן זיין פאָלק, געפאָדערט גע־רעכטיקייט. ער האָט געוואָרנט קעגן שלעכטס און פאַרדאַרבנקייט און פאָר־אויסגעזאָגט די גרויסע שטראָף וואָס וועט קומען.

דער „נביא פון דער ערד האָט באַוווּנדערט זיין פאָלק. ער האָט באַ־וווּנדערט זיין גרויסן כוח בייצוקומען די אַלע שטורעמס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אים צו פאַרניכטן. דער נביא פון דער ערד האָט נישט גע־שטראָפט, ער האָט געוווסט, אַז זיין פאָלק איז נישט שולדיק אין די זינד וואָס עס באַגייט. ער האָט פאַרטיידיקט זיין פאָלק; פאַרטיידיקט קעגן די אוקראַינער און פוילישע מערדער אין כמעלניצקעס צייטן; פאַרטיידיקט קעגן דער קירכע אין מיטל־אַלטער; פאַרטיידיקט קעגן די היטלער מערדער און קעגן אַ גויאישער וועלט, וואָס האָט צוגעזען די רציחות קעגן יידן און געשוויגן.

דער נביא פון דער ערד האָט געקעמפט פאַר יעדן ייד און געוואָגט אויך צו קעמפן פאַר דעם ייד ישו הנוצרי, נישט געוואָלט אים לאָזן אָוועק־נעמען פון אונדז. דאָס וואָס די גויים האָבן געמאַכט פון אים הונדערטער

שלום אַש

יאָרן שפּעטער איז זייער זאַך, ביים לעבן אָבער איז ער געווען אַ ייד ווי אַלע יידן, און ביי אַשן איז יעדער ייד טייער.

דער נביא פון דער ערד האָט ווי די נביאים אַמאָל געליטן פון זיין אייגן פאָלק. זיי האָבן אויך אים געוואָלט פאַרניכטן ווי זיי האָבן עס געטוען צו זייערע נביאים פון אַ מאָל.

דער נביא פון אַ מאָל האָט געברענגט גאָטס רייד צום פאָלק. דער נביא פון דער ערד האָט געברענגט דעם פאָלקס לעבן פאַר גאָט. ער האָט ווי געריעדט צו גאָט און געזאָגט: נאַ זע, וואָס נאָך פאַרלאַנגסט דו?

צום נביא פון אַ מאָל האָט גאָט גערעדט, געוואָלט פון אים אַ חשבון פאַר די מעשים פון זיין פאָלק. דער נביא פון דער ערד האָט גערעדט צו גאָט געפאָדערט פון אים חשבון פאַר די ליידן פון זיין פאָלק.

אַש איז געגאַנגען אויף דעם גאַנצן וועג פון דער יידישער געשיכטע פון פרעה ביז היטלער און געקליבן די טרערן און די יסירים פון זיין פאָלק.

דער נביא פון אַמאָל האָט פאַראויס געשילדערט די יסירים וואָס דאַרפן קומען צו זיין פאָלק. דער נביא פון דער ערד האָט געזען די יסירים, ער האָט געזען ווי דאָס פאָלק נעמט זיי אָן פאַר ליב — עס איז גאָטס ווילן אַזוי.

גאָטס ווילן, דאָס איז אויך דער ווילן פון זיין פאָלק. און ער האָט מאָנומענטן געבויט, נישט פאַר גאָט נאָר פאַר זיין פאָלק. יעדעס בוך איז אַ מאָנומענט וואָס פאַראייביקט זיין פאָלק.

אַש האָט, צום סוף פון זיין אַרבעט, אויפגעוועקט און געברענגט צום לעבן דעם נביא פון אַ מאָל; דער צווייטער ישעיהו, וואָס האָט באַגלייט די יידן אין גלות קיין בבל; ער זאָל אויך באַגלייטן דעם נביא פון גלות־פוילן צו זיין אייביקער רו.

די אַרבעט איז געענדיקט. דער מייסטער איז נישטאָ. דאָס יידישע פאָלק איז פאַריתומט.

אַ ש ע נ ט פ ע ר ט

דאָס איז אַ טייל פון דעם וואָס אַש האָט אין „יידישן קעמפּער" אין יאָר 1941 געענטפערט זיינע קעגנער: „...וואָלט איך געפילט, אַז איך האָב מיט עפּעס, חלילה, חוטא געווען קעגן דעם יידישן גייסט, וואָלט איך מיך נישט געשעמט צו קומען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און געבעטן מחילה. עס איז גאָרנישט קיין שאַנד צו בויגן דעם קאָפּ פאַר „ישראל סבא". איך בין דאָס גרייט שטענדיק צו טוען, ווען איך וואָלט זיך געפילט מיט עפּעס זינ־דיק קעגן יידן".

„...איך האָב עס דערקלערט און דערקלער עס נאָכאַמאָל, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע אַמביציעס ווי נאָר ריין־קינסטלערישע. איך בין נישט קיין רעליגיע־רעפאָרמער. איך פיל זיך באַקוועם אין די ראַמען פון די נביאים פון אַלע הייליקע יידישע גייסטער, ביז צו די בויער פון חסידיזם וואָס טרינקען אָן אַלע מיינע רעליגיעזע דארשטן. איך בין אויך נישט קיין וויסנשאַפטלער. די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדע איז נישט מיין מעטאָדע. מיין עובדה איז אַ ריין קינסטלערישע. די איינציקע אַמביציע פון מיין לעבן איז אויפצומאָנען פאַר יידן דעם גאַנצן קרעדיט פאַר דערביישטייערונג פון יידישן גייסט צום וועלטלעכן אוצר פון אמונה, קולטור און ציוויליזאַציע. איך האָב געזען דעם יידישן גייסט אין קדוש השם פון יידן; איך האָב אים געזען זיך מאַניפעסטירן אויף הונדערטער אופנים אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק — דאָ אין אַ מוטער, דאָרט אין אַ פאָטער, אין בית המדרש און אין קעלער פון אָרעמקייט, אין דער גאַס ווו עס האַלטן זיך אויף די מאַטקע גנבס. איך האָב אים געזען אין תהלים ייד. איך זע אויך דעם ביישטייער פון יידישן גייסט צום וועלט־אוצר פון אמונה דורך יידישע באַגרינדער, איינ־פלאַנצער און פאַרשפּרייטער פון דער קריסטלעכער אמונה. זיי רייצן מיין פאַנטאַזיע. מיינע אינספּיראַציעס הענגען נישט אָפּ פון מיר. נישט איך באַשאַף זיי, נאָר זיי רעגירן איבער מיר. נעכטן בין איך אינספּירירט גע־וואָרן צו שרייבן דעם „תהלים ייד" היינט — איבער דעם לעבן פון ישו

הנוצרי. נישט איך זיך אויס מיינע אינספּיראַציעס, נאָר זיי זוכן מיך אויס. אַז איר ווילט איז דאָס רוח הקדש. איך גלויב נישט, אז מען קאָן שרייבן ביכער אָן רוח הקדש.

„איך פיל זיך לחלוטין גאָרנישט שולדיק קעגן עמיצן, דערמיט וואָס איך פאָלג נאָך מיינע קינסטלערישע אַספּיראַציעס, אפילו ווען זיי פאַרפירן מיך אויף פעלדער, וואָס יידן זיינען ביז איצט נישט געוווינט געווען צו גיין אויף זיי...

„ווער וועט מיר פאַרווערן צו געבן אויסדרוק דער גרויסער קינסטלע־רישער וויזיע, וואָס באַהערשט מיך, ווען איך זע, וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן?"

אַש מוסרט די קריסטן

יידן ווייסן, אַז אַש האָט געשריבן ביכער וועגן יעזוסן און ער וויל יידן זאָלן זיך שמדן. מען האָט געשריבן וועגן דעם אין די צייטונגען, אין זשורנאַלן, אין ביכער; מען האָט געהאַלטן לעקציעס וועגן דעם — כאָטש די גאַנצע מעשה איז אויסגעטראַכט. יידן ווייסן נישט, אַז אַש איז אַרויס־געטרעטן שאַרף קעגן די קריסטן, אָנגעוויזן ווי אומגערעכט און פאַרברע־כעריש זיי האַנדלען צו יידן. אין די יידישע צייטונגען האָט מען וועגן דעם נישט געשריבן. מען האָט די גאַנצע זאַך איגנאָרירט.

יידן דאַרפן ווייסן, אַז נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע איז אַ ייד אַרויס־געטרעטן אַזוי אָפן און געוואַגט קעגן די קריסטן, ווי שלום אַש. זיי האָבן עס נישט געטוען אויס מורא — אַן אַרויסטריט קעגן די קריסטן איז אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר. זיי האָבן עס אויך נישט געטוען דערפאַר, ווייל זייער אַרויסטריט וואָלט נישט געהאַט קיין באַדייטונג — קיינער וואָלט זיך נישט צוגעהערט צו זיי.

דאָס יאָר 1945 איז אַ וויכטיקע דאַטע אין דער יידישער געשיכטע, ווען אַ ייד האָט געוואַגט שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן די קריסטן און די קריכטן האָבן זיך גאָר שטאַרק צוגעהערט צו דעם וואָס אַ ייד זאָגט. אין דעם יאָר איז דערשינען אַ קליין ביכל — אַ שריפט צו די קריסטן — מיט דעם נאָמען „איין מזל", וואָס מיינט, אַז אויך די קריסטלעכע וועלט האָט דערלעבט, צוזאַמען מיט די יידן צו זיין אין געפאַר, אין דער צייט פון היטלערן.

אַש ווייזט אָן: ווי די קריסטלעכע רעליגיע, וואָס איז גענומען פון דער יידישער, האָט פאַרשפרייט די פרינציפּן פון יידנטום איבער דער וועלט. די פעלקער, וואָס האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע, האָבן זיך גייס־טיק דערהויבן צו אַ העכערע מדרגה; ווייל דורך דעם קריסטנטום האָבן זיי

זיך דערנענטערט צו דער עטיק פון דער ביבל.

די יידן האָבן צוליב דעם געוווּנען דאָס, וואָס אָנשטאָט צו בלייבן אַ קליין אָפּגעזונדערט פאָלק, ערגעץ אין אַזיע, זיינען זיי געוואָרן אַ וועלט־פאָלק; ווייל די וועלט האָט פון זיי אַ סך געלערנט און זיך מיט זיי גערעכנט.

עס האָט געמוזט זיין זייער שלעכט מיט דער פירונג פון דער וועלט — שרייבט אַש — ווען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז מעגלעך געווען, עס זאָל קומען אַ היטלער אויף דער וועלט.

דאָס ביכל „איין מזל" איז נישטאָ אויף יידיש. איך וועל דאָ איבער־געבן אַ טייל, כדי דער יידיש־לייענער זאָל אויך וויסן וועגן דעם.

אַש שרייבט: — „נישט היטלער אַליין, נישט די געסטאַפּאָ אַליין, ניט די נאַציס אַליין, נאָר דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, מענער, פרויען און קינ־דער איז געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דער קרעציקער פלאַג, מיט דער בעס־טיאַלישער קרענק און בלוט דורשט... די דייטשן וועלן ווייטער לעבן, דאָס דייטשע פאָלק וועט ווידער ווערן אַ טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט. וואָס עס זאָל נישט זיין דאָס מזל פון די דייטשן אַלס אַ פאָלק, וועט אָבער יעדער דייטש באַזונדער, אַ מאַן, אַ פרוי און אַ קינד טראָגן שטענדיק אויף זיין שטערן קינס צייכן...

די ערד וועט קיינמאָל נישט פאַרדעקן דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די יידן. דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק וועט אַלעמאָל זיין שולדיק אין דעם פאַר־ברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן; אַ פאַרברעכן וואָס שרייט צום הימל. זיבן מיליאָן נפשות ווערן נישט פאַרניכטעט אין איין טאָג און נישט דורך איין מענטש; דאָס גאַנצע פאָלק האָט צוגעשטימט צו דעם מאָנסטערישן פאַרברעכן — אויב נישט וואָלט היטלער נישט געוואָגט עס צו באַגיין...

נישט די יידן אַליין זיינען געווען היטלערס קרבנות, אויך אַנדערע פעלקער האָבן אַ סך געליטן, אָבער פיזיש אויסצוראָטן אַ גאַנץ פאָלק האָט ער זיך דערלויבט נאָר מיט די יידן אַליין.

פאַר דעם אויסנאַם, וואָס היטלער האָט געמאַכט מיט די יידן... פאַר די פרייהייט וואָס ער האָט זיך גענומען אויסצושעכטן אַ גאַנץ פאָלק, פאַר דעם שרייענדיקן פאַרברעכן ווערט די שולד אַרויפגעוואָרפן אויף דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט".

אַש שרייבט ווייטער אין אָט דעם אויסעראָרדענטלעכן דאָקומענט: — „איך האָב אַרויסגעזאָגט אַ שרעקלעך וואָרט. מיין האַנט האָט געציטערט עס אויפצושרייבן. איך בין נעכט נישט געשלאָפן, געטראַכט וועגן צוריקציען דאָס וואָרט. וויפיל ליידן און ערגערניש דאָס וואָרט זאָל מיר פאַרשאַפן מוז

איך עס לאָזן שטיין, ווייל די זינד, וואָס היטלער, די נאַציס און דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך האָט קיינמאָל נישט געקאָנט באַגאַנגען ווערן — זיכער נישט אין אַזאַ מאָס — ווען עס וואָלט נישט געוואָרן אינספּירירט, צוגעשטימט — אַמווינציקסטנס דערלויבט — דורך דעם קרימינעלן שטילשווייגן פון אַ פאַרברעכערישע וועלט, דורכגעפּרעסן מיט יידן־האַס, מיט גלייכגילטיקייט צו מענטשלעכע פאַרברעכנס".

„טייל נאַציווע אַנטיסעמיטן — זאָגט אַש — ווילן זיך אָפּשיידן פון די היטלערישע קאַניבאַלן. זיי זאָגן, דאָס זיי האָבן נישט געמיינט צו גיין אַזוי ווייט, זיי האָבן נאָר געוואָלט רעסטריקציעס, אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן, נישט מער".

אַש שרייט צו זיי: — „איר זייט אַלע שותפים און היטלערס פאַר־ברעכנס!!!

דאָס וואָס היטלער האָט געטוען איז אַ לאָגישער אויסוועג פון יידן־האַס; עס איז אַ רעזולטאַט פון דעם געפיל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון דורות. די מערדעריי, דאָס דערשטיקן קינדער, דאָס שעכטן פרויען, דאָס פאַרברענען אַלטע לייט, דאָס קאַניבאַלישע בראָטן מיליאָנען מענטשן אין גאַז־אויוונס איז אַ רעזולטאַט פון די אויסנאַם געזעצן, די פאַר־פאַלגונגען, די מאַטערנישן, וואָס די וועלט האָט אָנגעווענדט קעגן יידן.

וואָס היטלער האָט געטוען איז בלויז דער געקרוינטער סוף פון אַנ־טיסעמיטישע באַמיאונגען.

באַלד אין אָנהייב האָט היטלער געזוכט אַ פּאָפּולערן קרבן פאַר זיין בלוטדאָרשטיקייט, וואָס ער זאָל קאָנען וואַרפן פאַר דער וועלט, זי אַריינ־צוכאַפּן אין זיינע לאַפּעס. ער האָט געוואָלט איינשטילן דעם קריסטלעכן געוויסן.

צום ערשט האָט ער געוואָלט אַריינפירן די וועלט אין אַ געפיל פון האַס צו יידן — וואָס איז אים נישט שווער אָנגעקומען — כדי דערנאָך זי צו פירן אויף זיין שטריק, וווהין ער וועט וועלן"...

אַש זאָגט צו די קריסטן: — „היטלער האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ טאָן עס וועט זיין זיס צו אייערע אויערן. ער האָט געוואָלט אָנווענדן אייער האַס צום סאַמע פּאָפּולערסטן קרבן — וואָס איז געוואָרן געשילדערט פאַר דורות, ווי איין אויסוואורף, ווי אַ שונא, ווי אַ פרעמדער — צום ייד.

אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין באַוועגונג, עס איז אַ קראַנקייט. דער וואָס איז אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקייט קאָן זיך נישט אָריענטירן, קאָן נישט אורטיילן, קאָן נישט לאָגיש דענקען...

איך וויל נישט פּאַרלייקענען די פעלערן וואָס יידן האָבן. די פעלערן זיינען אָבער אַ רעזולטאַט פון דעם האַס וואָס רינגלט זיי אַרום. אַ ייד איז אַ מענטש ווי אַלע אַנדערע, ער איז נישט העכער און נישט נידעריקער פון אַנדערע מענטשן. איינער האָט ריכטיק געזאָגט: יעדעס לאַנד האָט אַזעלכע יידן, ווי עס האָט זיך פאַרדינט.

„פון דער צייט, וואָס דאָס קריסטנטום איז געוואָרן אַ מאַכט, איז עס פאַר יידן איין לאַנגע נאַכט פון טעראָר און טויט... ווי אַזוי קאָנען מיר גלויבן, אַז יעזוס איז משיח, ווען ער איז געוואָרן די אורזאַך פון יעדעס שלעכטס און פאַרדאַרבנס, וואָס איז געקומען אויף יידן צייט זיין נאָמען איז דערשינען". — דאָס איז אַ פיינלעך אויסגעשריי פון יידישע שריפטן צייט יאָרהונדערטער.

וואָס פאַר אַ וואונדער איז עס, וואָס יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טרונקען פון דעם קוואַל, וואָס האָט פאַר יידן געהאַט נאָר סם.

איז עס נישט אַן איראָניע, אַ טייוולשער וויץ, אַז אַ געזעלשאַפט, וואָס וואָגט זיך צו באַקליידן מיט דעם נאָמען פון דעם, וואָס ווערט גערופן „דער קעניג פון די יידן" זאָל אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו זיין די בייטש, וואָס שלאָגט יידן.

דער סוף איז געווען, אַז דער נאָמען יעזוס האָט אין אַ יידיש האַרץ אַרויסגערופן בלוטיקע אַנגסטן און טויטשרעק. יידיש בלוט איז געפרוירן געוואָרן אין די אָדערן פון אַ ייד, ווען מען האָט זיך דערמאָנט, וויפיל בלוט און טרערן עס זיינען געברענגט געוואָרן צו יידן דורך דעם נאָמען".

שרייבט אַזוי איינער, וואָס וויל יידן זאָלן זיך שמדן?

דאָס האָט אַש געשריבן שוין נאָך די יעזוס־ראָמאַנען.

אַש שרייבט ווייטער: — „די לעגענדע, אַז יידן האָבן געקרייציקט יעזוס, איז געוואָרן אַ קוואַל פון אומבאַגרענעצטער מאַטערניש, פון אומזיניקער פיינטשאַפט צו יידן. די לעגענדע האָט געקאָסט מיליאָנען יידישע לעבנס; אַ לאַנגער שטראָם פון בלוט ציט זיך ביז צו אונדזער צייט. זי איז געוואָרן דער מיקראָב פון האַס אין דער קריסטלעכער קערפּערשאַפט. די לעגענדע האָט פאַראורזאַכט שרעקלעכע צרות צו יידן, געברענגט טרערן צו מאַמעס, מאַטערניש און טעראָר צו קינדער. איך אַליין האָב אין מיין קינדהייט געליטן פון דער בלוט באַשולדיקונג. יעדער קריסטלעכער יום טוב איז דורך דעם פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר יידן אין אַ טאָג פון מורא און יסורים"...

„ווער וועט דאָס וואַגן צו זאָגן — שרייט אויס אַש — אַז דער פאַקט, וואָס יידן האָבן אַלץ איבערגעלעבט און געבליבן ביי זייער גלויבן איז

אַ נאַטירלעכע דערשיינונג? עס איז צוליב זייער שטאַרקן ווילן און כאַראַקטער.

דער וואָס וואַגט דאָס צו זאָגן איז אָדער אַ גייסטיקער קאַליקע, וואָס איז נישט פעאיק אָפּצושאַצן טראַנסצענדענטאַלע דערשיינונגען, אָדער אַ גאָטלאָזער ציניקער, וועמענס האַרץ איז אַ נעכט פון נידעריקער ליידנשאַפט.

פאַל אַראָפּ אויף דיינע קני מענטש!!! פאַל פאַר דעם וואונדער, וואָס קומט פאַר פאַר דיינע אויגן, דאָס וואונדער פון דער אויפהאַלטונג פון יידן. אויב עס האָט פאַסירט אין דער געשיכטע עפּעס, וואָס שרעקט אונדז מיט דער אומבאַגרייפלעכקייט, מיט דער אומרעאַלקייט; אַ פאַסירונג וואָס איז איינגעהילט אין אַ הילע פון טיפן מיסטיציזם, איז עס דאָס וואונדער פון דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק...

אויב דאָס וואָלט דערגרייכט געוואָרן מיט דעם כוח פון יידישן כאַ־ראַקטער, דאַן זיינען די יידן דאָס שטאַרקסטע, דאָס ווערטפולסטע און דאָס וויכטיקסטע פאָלק אין דער וועלט.

איך האַלט נישט, אַז די יידן זיינען דאָס; זיי זיינען פונקט אַזוי שוואַך, אַזוי ענגהאַרציק און אַזוי אייגננוציק, ווי אַלע אַנדערע.

זיי האָבן אַלץ איבערגעלעבט טראָץ זייער זעלבסטזיכטיקייט, ווייל זיי זיינען געוואָרן געצוווּנגען צו דעם דורך אַן איבערמענטשלעכן כוח. די דויער־האַפטיקייט פון יידן איז נישט בלויז זייער אייגענער אָדער אַ היסטאָרישער קאַפּריז; עס איז אַ פּראָדוקט פון דעם גורל, וואָס איז אָנגעצייכנט פאַר זיי פון גאָט; אַ מיסיע צו וועלכע זיי זיינען באַשטימט, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין תוך פון זייער עקזיסטענץ.

עס איז דאָ אַ כוח, וואָס צווינגט זיי אַ קעגן זייער ווילן דורכצופירן דעם ציל פון יידנטום, איבערטראָגן יעדע פּיין, לייד און פאַרפאָלגונג, ברע־נען אין יעדן פייער, פאַלן אין יעדן אָפּגרונט און טראָץ דעם אַלעם נאָך בלייבן לעבן; נישט פאַר זיך, נישט צוליב זייער אייגענעם ווילן, נאָר פאַר אַ העכערן ציל, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווי גאָט האָט באַשטימט.

די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אַן עדות פאַר דעם. דורך דעם גאַנצן שפּאַן פון יידישן לעבן, סיי פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג, סיי נאָכ־דעם האָט מען יידן געצוווּנגען אויפצוגעבן זייער רעליגיע, זייער וועלט אָנשויאונג.

נאָענט פון צוויי הונדערט יאָר פאַר דער קריסטלעכער ערע האָט אַנ־טיאָכוס עפּיפאַנעס דער פערטער געצוווּנגען די יידן אויפצוגעבן זייער רעליגיע. דעמאָלט האָט אַ קליינע גרופּע, די מאַקאַבייער, רעוואָלטירט און באַזיגט די גריכן, וואָס זיינען דאַן געווען אַ גרויסע מיליטערישע מאַכט.

מיר יידן האָבן אַ טראַדיציע, וואָס זאָגט אונדז, אַז משיח איז געבוירן געוואָרן אין דעם טאָג, ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן. אין יעדער קאַטאַסטראָפע זען מיר דאָס געבוירנשאַפט פון דערלייזונג, אין יעדן אָרונ־טערפאַל דעם אָנהייב פון דערהויבונג. מיר אָנערקענען נישט קיין מפּלה ווי שווער און גרונטלעך זי זאָל נישט זיין.

מיר זיינען אייביק. אומרעכט קאָן טריאומפירן פאַר אַ ווייל, אָבער דאָס גוטע מוז זיגן.

יידן וועלן אייביק לעבן איז די ברכה, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן.

„פון רוים איז אַרויס אַ רוף: — קומט לאָמיר גיין קיין ירושלים באַ־פרייען די הייליקע שטאָט פון די אומגלויביקע!

פון אומעטום האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן, דורכגענומען מיט דעם אידעאַל צו גיין באַפרייען די הייליקע שטאָט. גייענדיק האָבן זיי אויף דעם וועג, אין יעדער שטאָט געשאָכטן יידן.

„וווּ איז דאַן געווען דער גייסט פון דעם, וואָס האָט געזאָגט: — „גע־בענטשט זאָלן זיין די וואָס ווערן פאַרפאָלגט פאַר גערעכטיקייט, ווייל זייערס איז דאָס קעניגרייך פון הימל".

איז ער געווען מיט די מערדער?

אין שפּאַניען ווערט אַ גרופּע יידן געפירט צום „אויטאָ־דאַ־פע, פאַר־ברענט צו ווערן דורך דער אינקוויזיציע.

— „מיט וועמען איז דעמאָלט געווען דער זון פון גאָט, מיט די מער־דער, די אינקוויזיטאָרן אָדער מיט די קרבנות, די יידן?

וואָס דאַרף איך גיין ווייט צוריק? וואָס איז געשען איצט, איידער היט־לער איז געקומען צו דער מאַכט? פּוילן האָט ענדלעך געקריגן איר זעלבסט־שטענדיקייט, אַ דאַנק דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון דער יוגנט פון אַנדערע פעלקער, צווישן זיי אויך יידיש בלוט.

מיט וואָס האָט פּוילן געפייערט איר זעלבסטשטענדיקייט? מיט פּאָגראָ־מען אויף יידן, דערנאָך, ווען די פּאָליאַקן האָבן זיך איינגעאָרדנט; וואָס איז געווען דאַן זייער וויכטיקסטע אויפגאַבע? צונעמען פּרנסות ביי יידן, מאַכן זיי ברויטלאָז.

די גאַנצע באַנעמונג פון קריסטן צו יידן האָט געפירט צו אַ היטלער. היטלער האָט נישט נאָר געוואָלט פאַרניכטן די יידן; ער האָט אויך גע־וואָלט פאַרניכטן דאָס קריסטנטום: פאַר אים איז דאָס קריסטנטום געווען אַ יידישע מאַכאַרייקע, וואָס האָט דעם צוועק אָפּצושוואַכן די פעלקער. וואָס פאַר אַ ווערט האָט געקאָנט האָבן פאַר היטלערן דער געקרייציקטער מיט

זיין לערע: מען זאָל ליב האָבן אפילו אַ שונא? און היטלער איז שוין גע־וועזן אויפן וועג, מיט פייער און שווערד צו פאַרניכטן נישט נאָר די יידן נאָר אויך דאָס קריסטנטום.

„איך זאָג צו אייך קריסטן, דאָס האָט היטלער אייך אַליין געגעבן צו פאַרזוכן דאָס ברויט, וואָס איר האָט פאַרזייט. אייערע אויגן זיינען געווען בלינד מיט דער בלינדקייט פון האָס. אייערע אויערן זיינען געווען פאַר־שטאָפּט מיט דעם רויש פון געוואַלד און מאָרד. דערפאַר, וואָס איר זענט געווען אַזוי טאָלעראַנט צו די ווילדע האַנדלונגען פון היטלערן קעגן יידן, איז דער מאָנסטער אויסגעוואָקסן צו האָבן כוח אויך אייך צו דערשטיקן. נאָר אַ נס האָט אייך געראַטעוועט.

איר האָט געקאָנט פאַרניכטן די שלאַנג ביי דעם ערשטן מערדערלעכן שריט, אָבער איר האָט צוגעטוליעט די שלאַנג צו אייער ברוסט ביז זי איז געוואָרן שטאַרק גענוג זיך צו וואַרפן אויף אייך.

„פאַרגיבט מיר קריסטן פאַר די שאַרפע ווערטער, וואָס זיינען געפאַלן פון מיין פעדער, ווי טראָפּנס פון בלוט. פאַרגיבט מיר קריסטן וואָס איך, אַ פרעמדער, נעם זיך די פרייהייט צו באַאומרואיקן און אויפוועקן דעם קריסטלעכן געוויסן אין אייך.

עס איז פאַרערונג, וואָס איך האָב פאַר אייער גלויבן, עס זיינען די אמתע און די עטישע ווערטן אין דער קריסטלעכער רעליגיע, גענומען פון דער יידישער, וואָס גיט מיר דעם קוראַזש און די רעכט צו ריידן צו אייך ווי אַ ברודער".

דער דאָקומענט, וואָס אַש האָט געשריבן, וועט ווערן פאַראייביקט אין דער יידישער געשיכטע און וועט אַרויסרופן חרפה אויף די אַלע, וואָס האָבן געהעצט קעגן אים און אים פאַרפאָלגט.

אַ וואָרט צום סוף

אַש איז טויט, דאָס לעבן פון אַ מענטש איז באַגרענעצט, דאָס לעבן פון אַ פאָלק איז נישט באַגרענעצט. אַ פאָלק קאָן לאַנג לעבן.

יאָרן וועלן אַוועק, און אַשס נאָמען וועט אין די שפּעטערדיקע דורות נאָך מער שיינען, ווי ער האָט געשיינט אין זיין אייגן דור; אומאָפּהענגיק פון דער יידישער שפּראַך צו זי וועט יאָ עקזיסטירן אָדער נישט, קינסטלער פון אַשס שניט זיינען נישט אָפּהענגנוג אין אַ שפּראַך.

דער נאָמען אַש וועט לייכטן ווי אַ זוניקער פלאַם ביי די יידן פון די צוקונפטיקע דורות; ווייל דורך אַשס ווערק איז פאַראייביקט געוואָרן די וויכ־טיקסטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק — די עפּאָכע פון „גלות־פוילן".

„גלות פוילן" וועט אין דער יידישער געשיכטע פאַרנעמען דעם וויכ־טיקסטן פּלאַץ, סיי צוליב די גרויסע יידיש־שעפערישע כוחות, וואָס די צייט האָט אַרויסגעבראַכט, סיי צוליב דער גרויסער מאַרטירערשאַפט, צוליב דעם וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט אין דער עפּאָכע, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער יידישער געשיכטע.

דאָס וואָס אַש האָט אַזוי פיל געליטן די לעצטע צייט, דאָס וואָס ער איז געוואָרן פאַרפאָלגט, וועט אים גאָרנישט שאַדן; דאָס וועט נאָך צוגעבן אַ געוויסן גלאַנץ צו זיין נאָמען, אַ גלאַנץ פון מאַרטירערשאַפט: דער זיכ־טער, וואָס האָט אַזוי געניאַל געשילדערט דאָס לעבן פון יידישע מאַרטי־רער, איזביים סוף פון זיין לעבן אַליין געוואָרן אַ מאַרטירער.

אַשס ביכער, איבערהויפּט די פון דער צייט פון דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום, וועלן שפּעטער, דורך אָביעקטיווע יידישע פאָרשער, בעסער אָפּ־געשאַצט ווערן, ווי זיי זיינען עס געוואָרן בשעת ער האָט געלעבט. עס וועט מער נישט עקזיסטירן די פּערזענלעכע און די פּסיכאָלאָגישע קעגנערשאַפט.

נישט אַלע פון אונדזער דור דאַרפן שטיין פּאַרזונדיקטע, צוליב דער

שלעכטער באַציאונג צו אַשן, פאַר די צוקונפטיקע דורות. זאָל אויך געהערט ווערן דאָס וואָרט פון איינעם, וואָס רעדט פאַר די וואָס האָבן נישט מיטגע־זינדיקט נאָר געליטן פון דער אַש־קעגנערשאַפט. זאָל מען וויסן, אַז אונדזער דור איז נישט כולו חייב.

דאָס איז מיין אורזאַך פאַר שרייבן, אָט די מיט וויטיק אָנגעשריבענע בלעטער, וואָס זיינען בלויז אַן אָנווייזונג אויף דעם, וואָס אַש מיינט פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

דערשינענע ביכער פון א. ה. ביאַלין:

די צווייגן

מאָריס שוואַרץ און דער יידישער קונסט טעאַטער

שטעט

סאָציאַליזם און רעוועלטיזם

שלום אַש